STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02664

# INGEBORG

Bernhard Kellermann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בערנאַרד קעלערמאַן

# אינגעבאָרג

פון דייטש: מנחם פלאַקסער

וואַרשע 1924

## בּערנאַרד קעלערמאַן

# אינגעבּאַרג

פאַרלאַג ש. יאַטשקאָווסק? גענשע 7

געזעצט אין זעצעריי „קאָראָנא" קארמעליצקע 5
געדרוקט אין דרוק. „די וועלט" נאָוואָליפּיע 7
געבונדן ביי א. קאַמיען

INGEBORGA B. KELLERMANA

Wyd. Sz. Jaczkowskiego Warszawa

Drukarnia „Di Welt", Nowolipie 7

ב. קעלערמאן

# א י נ ג ע ב א ר ג

# 1

וואוין איך איצטער אין אַ הייזל, וואָס שטייט אין מיטן ווייטן סטעפּ.

איך וואוין דאָ גערן, עס איז אַזוי ברייט און אַזוי שטיל, קיינער קען מיך נישט, קיינער קומט נישט צו מיר, כ׳בין אינגאַנצן אַליין. איך קאָן טאָן, וואָס איך וויל. איך לאַנגווייליק מיך נישט, מיינע טעג פאַרגייען; ווי די וואָלקנס שוועבן איבער די ווייטע הימלען, אַזוי שוועבן פאַרביי די שעהן איבער מיר.

איך בין צופרידן.

טייל מאָל טראַכט איך נאָך וועגן דעם מיידל פון וואַלד. איך האָב זי נאָכנישט פאַרגעסן, ניין. עס איז שוין נישט מער אַזוי ווי פריער, ווען כ׳האָב נישט געקאָנט פאַרבייגיין קיין נעגעלע ביים וועג און קיין פלעק נישט אָנקוקן אויפן בלויען הימל איך זאָל נישט טראַכטן: ווען זי וואָלט געזען, ווען זי וואָלט געזען אָט דאָס נעגעלע, אָט דעם בלויען פלעק! אַזוי איז שוין נישט מער, אָבער דאָך טראַכט איך נאָך טייל־מאָל וועגן איר.

זי איז געווען...

דאָס צירונג פון דער וועלט האָב איך זי גערופן און דאָס ליבלינג פון גאָט. כ׳האָב זי גערופן מיט אַ סך, אַ סך נעמען, דעם ריכטיקן האָב איך נישט געפונען.

זאָל איר גוט זיין אויף דער וועלט.

געווען אַ זומער אין מיין לעבן, ווען כ׳וואָלט מיך אַמליבסטן געקליידט ווי אַ גריך, פלאַטערנדע האָר, רויזן אין די האָר, אַ גאָלדענע לירע אין די הענט. דעם זומער איז דאָס געווען. ער איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען. זי האָט אים מיר געשאָנקען.

זאָל איר גוט זיין אויף דער וועלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

זי איז געקומען פון וואַלד, פון דאָרט, וואו ער איז זייער הויך און נאַכטיק־פינסטער. זי איז געווען בלאָנד. גאָל־דיק איז זי געקומען פון שוואַרצן וואַלד, דאָס האָב איך אָפט געטראַכט.

זי איז געגאַנגען דורכן וואַלד און געזונגען, זי איז געגאַנגען דורכן פעלד און געזונגען, טאָג און נאַכט האָט זי געזונגען. וואו זי איז געגאַנגען, האָט אָפגעהילכט איר קול. זי האָט געשוועבט פון איין אָרט אויפן אַנדערן ווי אַ שמע־טערלינג, זי האָט געקושט בלומען אוןביימער, זי האָט גע־זעצן אויגן אין די קרוינען פון ביימער. זי האָט געגלויבט אין שדים און וואַלד־גייסטער...

אין אַ פרימאָרגן פון צאַרטן פרילינג איז זי אַראָפּגעגע־קומען צוגיין. גאָר פלוצלינג האָט זי זיך באַוויזן פאַר מיר. איך בין געזעסן אויף די שטיגלעך פון מיין הויז אין באַרגיקן וואַלד און געוואַרעמט זיך אויף דער זון. מיר האָבן גערעדט עטלעכע ווערטער צווישן זיך. כ׳האָב זיי נאָך אין זכרון.

כ׳האָב זיך פאַרטראַכט ווי שוועבנדיק עס קלינגט איר שטים. זי האָט געזונגען טיילווייז, און האָט געהאַט די גע־ווינהייט אויסצובייגן דערביי דעם קאָפּ אָן אַ זייט. קיין רגע האָט זי נישט געקאָנט איינשטיין רואיק.

דעמאָלט האָט זי אויסגעזען ווי אַ בוים אין פֿרימאָרגן. איר קלייד און אירע שיך זענען געווען דורכגענעצט, די האָר צעווייקט און זענען געהאָנגען איבער די שלייפֿן און באַקן. אירע ליפּן און ברעמען זענען געווען באַטויט, טוי און זונען־טראָפּנס.

„עס איז היינט אַזוי נאַס אין וואַלד!" זאָגט זי, און עס ריזלט איבער אירע באַקן.

זי לאַכט.

„איר זיצט פֿאַר אייער הויז, פֿירשט, ווי אַ הייל־וואוינער פֿאַר זיין נאָרע. וואו זענט איר געווען דעם לאַנגן ווינטער?"

„אין דער היים, גרעפֿישע טאָכטער!" זי לאַכט.

„איר רופֿט מיך שטענדיק גרעפֿישע טאָכטער, אָבער איך בין גאָרנישט גראַף פֿליוגענס טאָכטער."

זי איז נישט גראַף פֿליוגענס טאָכטער?

„פּאַפּאַ רופֿט מיך אַזוי, אָבער ער איז נישט מיין פֿאָטער. כאַ־כאַ, ווי האָב איך געזאָגט?"

זי לאַכט און קוקט אויף מיר פֿון דער זייט.

„ניין, ער האָט מיך אויפֿגעצויגן, גראַף פֿליוגען, פֿון אַכטן יאָר אָן". און זי דערציילט, אַז זי הייסט אינגעבאָרג גיזלהער און אַז איר פֿאָטער איז אַ האָלצהעקער אין דער געגנט אָטערנבריקליין. ער האָט אַ סך קינדער און קאָן זיי נישט אָפּזוכן. אַז ער שניידט דאָס ברויט ביים טיש, עפֿענען זיך אַזויפֿיל מיילכלעך אויף, ווי ווען מ'וואַרפֿט שטיקלעך ווייס ברויט אין אַ קאַרפּן־טייך אַריין.

„— ווי מ'וואַרפֿט שטיקלעך ווייס ברויט אין אַ קאַרפּן־טייך אַריין, אַזויפֿיל מיילכלעך", זאָגט זי און לאַכט.

זי האָט נאָך געזאָגט עטלעכע ווערטער, און דערנאָך אַוועקגעגאַנגען.

„איך דאַנק פאַרן באַזוך, פריילן גיזעלהער!” זאָג איך.

„אָ, ביטע”, ענטפערט זי און שמייכלט צוריק איבער די אַקסלען. „דאָס איז נישט געווען קיין באַזוך, איך בין גאַנץ צופעליק פאַרבייגעגאַנגען. אַדיע, פירשט!”

זי איז דורכגעגאַנגען די לאָנקע, אַריבערגעשפרונגען דעם ראָוו און פאַרשוואונדן אין וואַלד.

כ׳האָב איר נאָכגעקוקט. ווי דורכגענעצט זי איז געווען, האָב איך געטראַכט, ווי די טראָפּנס האָבן געריזלט איבער אירע באַקן! און דערמאָנט זיך ווי איז דאָס געווען דאָרט מיט דעם קאַרפּן-טייך? ווי האָט א מענטש געקאָנט קומען אויף אַזאַ איינפאַל? כ׳האָב געשמייכלט.

## 2

דאָס איז געווען אונזער ערשטער געשפּרעך. דערנאָך האָב איך זי א לאַנגע צייט נישט געזען — די טאָכטער פון דעם וואַלד-האָלצהעקער. כ'האָב געלעבט רואיק אין מיין הויז אין באַרגיקן וואַלד און ס'איז געווען פרילינג. פון צייט צו צייט איז זי מיר געקומען אויפן זינען: ס'האָט אזוי געריזלט איבער אירע באַקן! און אז איינמאָל איז מיין בליק געפאַלן אויף די טירקיסן פון אַ צירונג-חפץ, האָבן אירע אויגן אויפגעשוועבט פאַר מיר. זיי זענען געווען ווי באַטויטע טירקיסן.

מער האָב איך נישט געטראַכט וועגן איר.

כ'האָב געלעבט רואיק פאַר מיר אין מיין הויז, כ'האָב ארומגעבלאָנדזשעט אין די וועלדער ארום.

כ'טראַכט וועגן דעם הויז און א שטילער ווייטאָק נעמט מיך ארום. דאָס איז געווען א טויטע זאַך, פאַרשטענדלעך, אָבער דאָך איז עס מיר פאָרגעקומען ווי מיט א נשמה. כ'האָב עס געזען אין שניי, אין שטורעם, אונטער הייסער זון, שטענדיק האָט עס גלייך רואיק אויסגעזען. העלדיש האָט זיך עס מיר פאָרגעשטעלט.

איצט שטייט עס שוין נישט מער. ווי א ראַנע וועט עס מסתמא אויסזען איצט אין באַרגיק וואַלד. איך אליין האָב אנגעמאַכט דעם וואַלד די וואונד. אין א נאַכט — אָבער כ'האָב עס נישט פאַרגעסן, עס שטייט שטענדיק וואַך פאר מיינע אויגן. דאָס איז אן אַלטער יעגער-שלאָס, זעט אויס ווי נחס

תיבה און איז אָפּגעמאָלט אויף געל. אין דער זון קאָן ער אויסזען גאָלדיק דורך די הויכע קאַשטאַנעס, און אָוונט־צייט קאָן ער אָננעמען א גליענד־רויט פּנים — אַזוי זעט ער אויס. אינעווייניק איז קיל און שטיל, די דורכגענג מיט דער גרויסער צאָל טירן זענען שניייווייס.

אָפט וואַנדער איך נאָך אין די געדאַנקען דורך די שניי־ווייסע דורכגענג, דורך די גרויסע, קילע צימערן. איך גיי אַהין און צוריק, עפן די טירן, פאַרמאַך זיי. איך קוק ארויס דורכן פענסטער. איך גיי אריין אין די ווייסע צימערן, באַגריס זיי, פאַרגנייגנדיק זיך, הער זיך איין און שמייכל. איך ויש אָפּ מיטן פינגער דעם שטויב פון שרייבטיש מיטן משונהדיקן לעשפּאַפּיר. אַלץ אין דער מחשבה.

איך עפן די שווערע הויז־טיר און קום ארויס אויף די טרעפּ. איך שטיי אין א באַשאָטנטער אַלטאַנע, וואָס די שפּיצן פון די קאַשטאַנביימער האָבן אויסגעפלאָכטן — נאָענט נעבן מיר שפּרייט זיך אויס א קליינע לאָנקע, דערנאָך הייבט זיך אָן דער וואַלד, כ׳ווענד דעם קאָפּ אויף לינקס, דערנאָך אויף רעכטס. וואַלד, וואַלד, וואַלד, ווי־ווייט עס גרייכט דאָס אויג, וואַלד און באַרגיק לאַנד. דער באַרג־וועג שלענגלט זיך לענג־אויס דער קליינער לאָנקע, פאַלט אראָפּ דערנאָך אין טאָל, פּרעסט זיך אריין צווישן וועלדער. טיף אונטן ליגט דער טאָל, קליין, שמאָל, אַ צאַרטע סטענגע ציט זיך איבער דער ערד, דערויף טוט אַ צאַפּל עפּעס אַלע מאָל — אַ וואָגן.

איך קוק אריבער איבערן טאָל, מיין בליק פאַלט אויף א טורעם־שפּיץ, וואָס, נישט גרעסער פון א בלייפעדער, שטרעקט ער זיך פון אנטקעגנדיקן וואַלד. דאָס איז רויטער־בוק און הינטער דעם באַרג ליגט הויכע־סאָסנע. נאָר דאָס זעט מען נישט. איצטער איז מיר נישט געבליבן מער ווי

דער יעגער-שלאָס, אָבער עס געניגט מיר פּולשטענדיק, וויפיל מאָל איך דערזע דעם טורעם-שפּיץ, שמייכל איך.

— אָנגענעמע ערינערונגען!

דער פריילינג איז געווען שענער פון אַלע אַנדערע, וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט. ער האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקע לופט. זי האָט נישט געציטערט, זי האָט זיך נישט באַוועגט, ווי אַן איינאייגציקער גרויסער טוי-טראָפּן האָט זי גערוט איבערן טאָל, קלאָר און דורכזיכטיק איז זי געווען. זי האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערן געשמאַק, כ׳האָב אים שטענדיק דערפילט, וויפיל מאָל כ׳האָב נישט אָפּגעאָטעמט. נאָך האָט זי געשמעקט ווי אייז און שוין האָט זי געשמעקט ווי האָניק.

כ׳האָב נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן מיידל, וואָס איז איינמאָל אַ פרימאָרגן אַראָפּגעקומען צוגיין, ווען איך בין געזעסן אויף די שטיגלעך און זיך געוואַרעמט אויף דער זון. ניין. מיין האַרץ איז איבערפולט געווען פון די קליינע וואונדער אַרום מיר. איך בין אַרומגעגאַנגען און באַקוקט מיר מיינע שיינקייטן. כ׳האָב דעם פריילינג אַריינגעקוקט אין זיינע ליכטיקע אויגן.

אין פעברואַר האָב איך שוין אַרומגעזוכט די אָנזאָגערס פון פריילינג. כ׳האָב אָפּגעשיילט די קאָרע פון צווייגן; ניין, ס׳איז נאָך גאָרנישט געווען. דעם פערצעטן פעברואַר האָב איך אָפּגערוקט אַ שטיין פון זיין אָרט און כ׳האָב דערזען אַ קליינעם, שוואַרצן כרושטש און קליינע, בלייכע זאָמען. אַז דאָס איז געווען דער פערצעטער פעברואַר ווייס איך, ווייל יענעם טאָג האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון פריינט בלום-הויפט דעם דיכטער.

דערנאָך איז געקומען דער דרום-ווינט, אין מיטן דער נאַכט — כ׳האָב מיך גלייך אויפגעכאַפּט און זיך צעלאַכט אויפן

קול פאַר פאַרגעניגן. דאָ האָט זיך ערשט אויפגעהויבן א טומל אין וואַלד — דיביימער האָבן אראָפּגעשאָקלט פון זיך דעם שלאָף און זיך גענומען אָפּרופן. פון דעמאָלט אָן בין איך געווען אויף דער וואַך. דער פרילינג איז געגאַנגען פון דער פייכטער ערד, פון דער לופט, פון אומעטום. איך בין געשטאַנען און זיך איינגעהערט: עס האָט געריזלט און גערוישט אומעטום. עס האָט אויסגעזען ווי אונטער די פוילנדע בלעטער וואָלט א געלעכטער געווען באהאַלטן, מ׳האָט געוואוסט, אז דאָרט אונטן געשעען מעשים. אַזאַ וואונדערבאַרער גערוך איז זיך צעגאַנגען פון דער ערד און וואָרצלען. דאָס וואַסער אין די סטאַוון האָט געביטן דעם טעם און פון די פלאַכטעס פאַרוועלקטע בלעטער האָבן אָנגעהויבן אַפּערקוקן — אַך! — גרינע גראָזן־קעפּלעך. ס׳אַראַ גרינס דאָס איז געווען! כ׳האָב שוין גאָר פאַרגעסן, אז ס׳איז פאַראַן אַזאַ גרינס. פון די בוקענע שטאַמען האָט געשלאָגן אַ פייכטקייט, אומעטום באַוועגונג, אַ שטילע התפעלות איז געווען אויסגעגאָסן אויף אַלעמדינק. כ׳האָב אַנטדעקט די ערשטע אַנעמאָנע. זעסט, פאַצאָ? — האָב איך געזאָגט צו מיין הונט, און פאַצאָ האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט די בלום און זיינע אויגן האָבן געפינקלט.

דערנאָך איז שוין אַלץ מיט שטורעם־שריט געגאַנגען פאָרויס. דער פרילינג האָט זיך נישט געזוימט. עס האָט אַרויסגעגרינט און אַרויסגעשלאָגן מיט קנאָספּן. פריער זענען אַרויסגעוואַקסן אַלערליי ביליקע, ווילדע גראָזן, דערנאָך האָט זיך דאָס גרינס געשפּאַרט אין דער הויך אויף די צווייג און גאָר־דערנאָך אויף די סאַמע העכסטע צווייגלעך פון די בוקן־ביימער. פון די קאַשטאַן־קנאָספּן האָט געטראָפּט, מחנות פלינקע פייגל האָבן הויך אין הימל געטריבן איבערן טאָל, אין בוקן־וואַלד איז צוגאַסט געקומען א פינק, און איינמאָל א

טאָג האָט זיך אַ ווייסער שמעטערלינג צעוויגט איבער דער לאָנקע! האָ־האָ! האָב איך אויסגערופן און צעלאַכט זיך.

איצט איז שוין דער פרילינג אויף אַן אמת געווען, כ'האָב געזען ווי ער איז אָנגעקומען, און דאָך האָט זיך מיר יעדן פרימאָרגן, ווען כ'האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער און אָנגעקוקט דאָס אַלץ אַרום, אויסגעוויזן, אַז דאָס איז ער איבער נאַכט געקומען.

כ'האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ, פאַרשטיין נישט געקאָנט.

די ערד איז אַרומגענומען געוואָרן פון גערויש, פון שכרות, זי האָט אָנגעקוואָלן.

איינמאָל אַ טאָג האָבן זיך צעבליט די עפּלביימער ביים באַרג־וועג... זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ־גאַס און איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אויך זיי האָבן נישט געזונגען און נישט געפלאַטערט ווי די פייגל.

דאָס שענסטע, וואָס כ'האָב פאַרמאָגט, איז געווען אַ קליינער בליענדער עפּלבוים. ער איז געשטאַנען ביים פאַרק־מויער און יעדן פרילינג האָב איך מיך פאַרליבט אין אים אויפסניי. און כ'האָב אים דאָס ערשטע מאָל דערזען, האָט עס מיך לייכט אַ צי־געטאָן ביים האַרצן און אַ רגע האָט מיר אָטעם אויסגעפעלט. ער איז געווען שיין און קליין און ליב, ווי אַן אויסגעפוצטע קליינע פרינצעסן האָט ער אויסגעזען, אינגאַנצן ווייס, אַ קליינע שלאַנקע פרינצעסן, אויף וועלכער אַלעמענס אויגן זענען געווענדעט, און וועלכע ווייס נישט, ווי שיין זי איז, און אַז אַלע מענטשן טוען נישט מער, נאָר טראַכטן וועגן איר טאָג און נאַכט.

כ'בין געווען גליקלעך און האָב אַריינגעקוקט אין מיין האַרץ. דאָרט איז נישט געווען קיין אַנדער זאַך, ווי פרייד און פאַרוואונדערונג.

אָפּט פלעג איך מיך אַריינזעצן אין גראָז און אָנקוקן אַ שטעל נישט גרעסער ווי די האַנט. ווי קונסטפול דאָס איז געווען און פאַרשידנאַרטיק! כ׳האָב מיר באַקוקט אָט די שטעל, גרויס ווי די האנט, און געשאָקלט מיטן קאָפּ און נישט באַנומען און אַ משונהדיקע גערירטקייט האָט געצויגן איבער מיין גאַנצן גוף, פון די טריט ביזן קאָפּ. גרויסער גאָט! ווי האָסטו דאָס געקאָנט דערטראַכטן? — און גאָט האָט אַרויסגעשמייכלט פון דעם קלענסטן גרעזל.

אַלץ איז געווען אַזוי וואונדערבאַר, כ׳האָב זיך איינגעהערט צום שלאָגן פון מיין אייגענעם אָטעם. אַזוי וואונדערבאַר האָט מיר אויסגעזען מיין אָטעמען. כ׳האָב געלעבט. אַזוי וואונדערבאַר איז דאָס געווען. כ׳בין געגאַנגען אין וואַלד און געזונגען, כדי נישט צו מוזן וויינען.

דאָס איז געווען פרילינג.

אָפטמאָל האָט מיך באַזוכט דער פרילינג אויך ביינאַכט אין מיינע חלומות, און כ׳האָב אַסך געלאַכט אין חלום. פאַרליבטע און קוריאָזע געשעענישן האָב איך דעמאָלט איבערגעלעבט. אַ דאַנק פרילינג, פאַרשטייט זיך. זיכער איז אויך דער פרילינג שולדיק געווען, וואָס איך האָב מיך פאַרליבט אין דער רויט־האָריקער ליזעלאָטע, פון צו הויז ווייקערסבאַך. זי איז שוין לאַנג געווען טויט, און געלעגן דאָרט אונטן אין דער דאָרף־קירכע, אָבער איר בילד איז געהאָנגען אין מיין צימער. זי האָט מיר נאָכגעקוקט וואוהין איך בין געגאַנגען, און געשמייכלט. זי האָט געהאַט אַ סך זומער־שפּרענקעלעך אויפן פנים און אַ בלויל עך־ווייסע הויט. אין חלום האָב איך זי אָפּט געקושט. קום, אַקסעל, האָט זי גערופן, — ער איז געפאָרן אין שטאָט צו קויפן פאַר מיר צירונג. אויף צומאָרגנס האָט זי געשמייכלט.

דער פֿרילינג האָט מיר זײַן זיסן גיפֿט אַרײַנגעשפּריצט אין די אָדערן — דאָס איז עס געווען.

אָפֿט בין איך געשטאַנען לאַנג בײַם ברעג וואַלד און געקוקט אויף דעם הויז און געטראַכט: ווער אַרויסקומען ליזעלאָטע אין דער קרינאָלינע מיטן מאַן אין פּערוק און שנאָלשיך? און כ׳האָב געוואַרט, הגם כ׳האָב געוואוסט, אַז ליזעלאָטע מיט איר מאַן זענען שוין לאַנג טויט. אויך דאָס, וואָס כ׳האָב געוואַרט אויף אוממעגלעכע געשעענישן, איז געשען, מסתמא, צוליבן פֿרילינג.

די לופֿט איז דאָס געווען, וואָס האָט אַלץ פֿאַרוואַנדלט אין אַ לעגענדע. מיר איז פֿאָרגעקומען, ווי כ׳וואָלט געבלעטערט אין אַ וואונדערלעך בילדער-בוך מיט משונהדיקע פֿיגורן, און אונטער איינער איז אָנגעשריבן: דאָס איז אַקסעל.

---

איינמאָל בײַנאַכט האָב איך מיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ געפֿיל פֿון גליק: אַ שטים האָט געזונגען אין וואַלד, כ׳האָב מיך אויפֿגעהויבן און אײַנגעהערט זיך. אַרום מיר איז געווען אײַנגאַנצן שוואַרץ, שטערנדלעך האָבן געפֿלימערט אין דער פֿינסטערניש.

ס׳האָט געזונגען. די שטים האָט געשוועבט אין דער נאַכט.

בין איך וואַך געווען, האָב איך געחלומט?

די שטים האָט זיך דערווײַטערט און פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן.

דאָס איז געווען אַ שעה נאָך האַלבער נאַכט, אָריאָנס שטערן-בילד איז פֿאַרזונקען אין וואַלד.

כ׳האָב מיך אַנידערגעזעצט אין העמד אויפֿן פֿענסטער-געזימס. האַלבע-נאַכט-לופֿט.

## 3

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך ווידער געטראָפן אינ־געבאָרג. איך בין געגאַנגען מיט פּאַצאָ דורכן וואַלד. דאָס איז געווען צווישן אַ בלעטער־שפּאַלער, וואָס האָט זיך גלייך ווי אַ פאָדעם געצויגן דורכן בוקן־וואַלד.

זי איז אָנגעקומען לאַנגזאַם מיטן וועג, באַוועגט מיט די אַקסלען און געקוקט אויף רעכטס און לינקס פון וואַלד, גלייך ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט. ווי יענסטמאָל איז זי געווען אָן אַ הוט און דורכגענעצט פון טוי. אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן עפּעס ווי אַ קרענצל. זי האָט געזונגען מיט אַ האַלב־קול, און ערשט, אַז מיר זענען שוין גאָר נאָנט גע־קומען, האָט זי שטיל־געשוויגן.

זי האָט אויסגעזען שיין, גייענדיק אַזוי צווישן בלעטער־שפּאַלער. דער שפּאַלער איז אָנגעזאַפּט געווען מיט גרין ליכט און איז געווען קיל און פייערלעך, ווי נאָר די קלויסטער־דורכגענג זענען דאָס, וואוהין עס קומען אַריין די זון־שטראַלן דורך די בויגן־פּאָרמיקע וויטראַזשן־פענסטער. אין אָט דעם גרינעם ליכט, אין דער פייערלעכקייט איז זי געגאַנגען ווי דורכלויכטנדיק, צונויפגעוועבט פון ווייסן, עטוואָס גאָלד און פון רויטן.

„גוט־מאָרגן!” האָט זי אויסגערופן און אירע אויגן האָבן געשטראַלט.

כ׳האָב איר דערלאַנגט די האַנט. איר האַנט איז געווען

אייז-קאַלט און בלוי פון קעלט. ס'איז געווען קיל. אויך דאָס פּנים אירס איז געווען געפרוירן-בלוי, שמאָל, און איר נאָז האָט אויסגעזען שפּיציק און קליין. אַ פּיינער שניט איז געלאָפן איבער איר באַק.

„היינט איז פריש, פירשט!” האָט זי געזאָגט און אַ ציטער געטאָן. „פון פינף דעם זייגער בין איך שוין אין וועג. מען מוז איצט באַצייטנס אויפשטיין, דער טאָג איז נאָך אַזוי קורץ”.

כ'האָב זי געפרעגט צי אַ גאַנצן טאָג שפּאַצירט זי אַזוי אַרום און זינגט?

„יאָ!” האָט זי געענטפערט און געקוקט מיר אין די אויגן.

דער שמייכל האָט מיך צעמישט. געוויס האָט זי געלאַכט פון מיין גרינעם קאַפּעלוש, פון די הויכע שטיוול, אָדער פון מיינע אונטערגעשוירענע וואָנסן.

ווען זי האָט געשמייכלט, האָט מען אַרויסגעזען אירע אויבערשטע ציין. זיי זענען אַביסל אַרויסגעשטאַנען.

וואוהין זי גייט?

זי האָט באַצייכנט אַ גרויסן בויגן מיט דער האַנט און געהויבן מיט די אַקסלען.

„כ'ווייס אליין נישט. קודם-כל גיי איך דאָרט אראָפּ אונטן”. און האָט געוויזן אויף דער ריכטונג, פון וואַנען איך בין אָנגעקומען. פּאַצאָ האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געקוקט אַהינצו, וואו ס'איז געווענדט איר פינגער.

דאָרט איז פאַראַן א קליין וואַסער, וויל זי א קוק טאָן וואָס עס טוט זיך דאָרטן.

כ'האָב געשמייכלט. עס פרייט מיך, וואָס זי האָט ליב די וועלדער פון עדלהאָף, האָב איך געזאָגט.

דערויף האָט זי נישט געענטפערט, געקוקט אויף דער ערד און אויפמערקזאַם אָנגעקוקט פּאַצאָן. זי איז געווען מיט

אַ קאָפּ נידעריקער פון מיר, כ׳האָב געקאָנט זען די שיינע ליניע פון אירע צעטיילטע האָר, גראַד ווי א פאָדים. מיין גליק איז געפאַלן אויף א גאָלדענעם מעדאַליאָן, וואָס זי האָט בעטראָגן ארומן נאַקעטן האַלז.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„ווי קלוג ער קוקט אייער הונט, פירשט!" האָט זי געזאָגט מיט התפעלות. „ער האָט אויגן ווי אַ מענטש."

פאַצאָס אויגן האָבן געגלאַנצט ווי פייכטע קאַשטאַנעס, ער האָט אַרויסגעבלעקט די צונג פון מויל און געאָטעמט אומרואיק.

„אַ שיינער הונט, ווי הייסט ער?"

„פאַצאָ".

פאַצאָ איז אויפגעשפרונגען שטייף אויף די פיס און געקוקט פון איינעם אויף דעם אַנדערן.

אינגעבאָרג האָט זיך איינגעבויגן און געזאָגט: „נו, קום אַהער, שיינער פאַצאָ!" און האָט אָנגעטאָן פאַצאָן אויפן האַלז דאָס אַנעמאָנען-קרענצל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט. פאַצאָ האָט זיך צעבילט פאַר פאַרגעניגן און אַ שפרונג געטאָ הויך אין דער לופטן.

אינגעבאָרג האָט געלאַכט און איז אויפגעשטאַנען. זי קוקט אויף מיר.

„ווערט ער באַנוצט אין יאַגד?" האָט זי פלוצלינג אַ פרעג געטאָן.

דאָס איז אַ יאַגד-הונט.

„אָ! -- יאָ, ער האָט שפּיציקע ציין, ווי דערנער".

כ׳האָב פיינט יאַגד-הינט און יעגער!" האָט זי געזאָגט און אינגאַנצן רויט געוואָרן אויפן פּנים.

„אַדיע, פירשט!"—האָט זי קורץ צוגעגעבן.

„אַזױ יע, פֿרײַלן גיזלהער!“

אָבער אינגעבאָרג איז נישט אַװעקגעגאַנגען באַלד, זי האָט זיך אומגעקערט צוריק.

„איר האָט פֿריער געזאָגט, אַז עס פֿרײט אײַך, װאָס איך האָב ליב די עדלהאָפֿער װעלדער. צו־װאָס האָט איר דאָס געזאָגט?“

כ'האָב געשמײכלט, אַרױסגענומען די קורצע ליולקע פֿון קעשענע און זי אָנגעצונדן. כ'האָב אַ בלינצל געטאָן מיט די אױגן דורכן רױך, געװאַרט נאָך אַ װײַלע און דערנאָך געענטפֿערט:

„װי? האָב איך דאָס געזאָגט? דאָס איז געװען נאַריש, איר זענט גערעכט. יעדער גוט־באַזיצער, װאָס איז שטאָלץ אױף זײַנע װעלדער, װאָלט געקאָנט זאָגן דאָס אײגענע“.

אינגעבאָרג האָט מיך אָנגעקוקט מיט חשד אין בליק. אַזױ האָט עס געקלונגען —

אַדיע, פֿירשט!

אַדיע, פֿרײַלן גיזלהער!

אין װאַלד האָט געקוקעט אַ קוקוליקע. איך בין מיר געגאַנגען מײַן װעגס און געשמײכלט אין זיך אַרײַן. דער בלעטער־שפּאַלער איז געװען צװײ־שעה־גאַנג װײַט פֿון אינגעבאָרגס װאױנונג, איך אָבער האָב אים געקאָנט דערגרײכן אין צען מינוט.—

איך בין װײַטער געגאַנגען. ס'איז געװען אַ שײנער פֿרימאָרגן. טיף אין װאַלד איז פּאַצאָ געװאָרן אומרואיק און געקוקט אין די געדיכטע געװיקסן. כ'האָב דערזען אַ מענטשן, װאָס האָט געאײַלט דורך די געװיקסן און געהאַלטן דעם קאַפּעליוש אין דער האַנט. ער איז אַרױסגעקומען אױפֿן װעג, געדרײט מיטן קאַפּעליוש אין האַנט און געמאַכט דעם אָנשטעל, װי ער גײט שפּאַצירן. דאָס איז געװען אַ שלאַנקער, יונגער

מזנגש מיט סאַמעט־שוואַרצע האָר און אַ בלייך פּנים. שוין פונ־דערווייטנס בין איך אויפגעפאַלנד געוואָרן אויף זיינע הענט. זיי זענען געווען לאַנג, בלייך־ווייס און יחוסדיק. דאָס זע־נען געווען גרויזאַמע הענט, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך אַ גרויסע קראַפט. לויט די הענט האָב איך דערקענט דעם יונגנ־מאַן. דאָס איז געווען האַררי אוזעדאָם, דער פידלשפּילער. כ׳האָב אים שוין גוטע זעקס יאָר נישט געזען, דעמאָלט איז ער נאָך געווען כמעט אַ ייִנגל און אינגאַנצן פון סאַמעט — סאַמעט זיין אַנצוג, סאַמעט זיינע האָר, זיינע אויגן און זיין פּנים. אויך דאָס שפּילן זיינס איז געווען סאַמעט, פיאָלעטער, זיידנווייכער סאַמעט איז געווען זיין שפּילן מיטן געשמאַק פון אָרכידעען.

כ׳האָב פאַרשטאַנען, נאַטירלעך. איצט האָב איך אַלץ באַ־נומען. „האַררי אוזעדאָם?״ האָב איך געזאָגט. ער האָט זיכער געוואָלט מיך פאַרבייגיין, וואָרים עד האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד. ער האָט נישט געוואוסט, אַז כ׳האָב אים געוואָלט פאַרשאַפן אַ גרויסע פרייד. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פייגלכן, און האָט מיד אַ שמייכל געטאָן. ער האָט געהאַט אַ גרויס מויל, עקל און זינד. אָבער שיין איז ער געווען. מיט דעם שמאָלן, שלאַנקן קאָפּ האָט האַררי אוזעדאָם אויסגעזען ווי אַ בלייכע פרוי.

מיר האָבן זיך באַגריסט און גערעדט פאַרשידענע זאַכן.

„גריסט אייער פאָטער״ — האָב איך געזאָגט — „איז ער נאָך ליידנד?״

„יאָ״.

האַררי אוזעדאָם האָט קיין חשק נישט געהאַט אַ סך צו שמועסן.

כ׳האָב געשמייכלט, עס פריידט מיך, וואָס כ׳האָב אים געטראָפן. אָפּט פאַרגייען טעג און כ׳טרעף קיין מענטש נישט אין וואַלד, היינט האָב איך שוין צוויי געטראָפן, אים און אַביסל פריער אַ יונג מיידל צווישן בלעטער-שפּאַלער. איצט, אַלזאָ, צום ווידערזען!

האַררי אוזעדאָם האָט זיך פאַרנייגט און איז רויט געוואָרן. ער איז אַוועקגעגאַנגען, איך האָב מיך אַרונטערגעשטעלט אונטער אַ בוים און אים נאָכגעקוקט. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אַראָפּגעבויגן, דעם קאַפּעלוש געדרייט ווי פריער און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז מיט דער גאַנצער רואיקייט גייט ער זיך ווייטער שפּאַצירן. אָבער כ׳האָב גוט באַמערקט, אַז ער שטעלט איבערנאַטירלעך-גרויסע שריט.

כ׳האָב געלאַכט.

איך, אַקסעל, דער אַפּטרופּס איבער ליבנדע!

אַ הייליקן אורעאַל אַרומן קאָפּ, ליבע-געטראַנק אין פלאַש!

כ׳האָב זייביידן געוואונטשן גליק.

פרילינג איז, גאָט וויל, אַז רויטע ליפּן זאָלן זיך אָפּזוכן געמיינזאַם.

## 4

די טעג אָן פאַרלאַנגען, די פאַרלאַנגענלאָזע טעג דאַרף מען לויבן און באַזינגען. זיי זענען ווי אַ שטילער, שטיל שאַפנדיקער זומער אין האַרצן, זיי לאָזן רויזן־צווייגלעך אויף קברים אַרויסוואַקסן, זיי זענען שטילע פרוכטבאַרקייט און מאַכן רייך, און דער רייכער איז געזעגנט. דעריבער זאָל מען לויבן די פאַרלאַנגענלאָזע טעג.

מ׳דאַרף אויך לויבן די טעג פון הייסע פלאַמענדיקע באַגערן! זיי זענען ווי סערפּן־קלעפּ אויף פאַרשלאָפענעם באָדן, זיי טראָגן אין האַרצן דעם זאָמען פון פרעכטיקער פרעמדער בליונג, וואָס פאַרמאָגט בלוט אָנשטאָט האָניק, און לעכצט נאָך מאָרד און פאַרניכטונג; זיי זענען ווי אַ שוואַרצער וואָלקן אין אַ פאַרנעם זומער־טאָג, וואָס זייט מיט בליצן און וואַרפט אום צעפרוכנעטעביימער, זיי מאַכן הכנעהדיק און שטאָלץ — אויך יי זאָל מען לויבן.

דאָס לעבן זאָל מען אין יעדער פאָרם לויבן—מאָרד און ליבשאַפט, וואָרים הייליק זענען מאָרד און ליבשאַפט.

מיינע פאַרלאַנגענלאָזע טעג זענען געקומען. שטיל האָבן זיי זיך פאַרבייגעשאַרט, ווי מענטשן, וואָס גייען פון קלויסטער. מיט אַ וואַרעם, גערירט האַרץ בין איך אַרומגעגאַנגען, און אָפט האָב איך אין זיך אַריינגעלאַכט, ווען כ׳בין געווען אַליין אין וואַלד.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק בין איך געווען דאָרט אין דער ברײ־

טער וועלט. כ׳האָב געטאַנצט. איבער מענטשן און הייליקע ביכער האָב איך אַרומגעטאַנצט. געוויס בין איך נישט אין איין אומגליק שולדיק געווען, דאָ און דאָרט האָב איך אויך אַ אָרעמער נשמה אַ קליינע פֿרייד פֿאַרשאַפֿט.

איצט האָב איך געלעבט אַליין פֿאַר זיך, כ׳האָב קיינעם נישט באַדאַרפֿט, כ׳האָב זיך אַליין געניגט.

כ׳האָב מיך קיינמאָל נישט געלאַנגווײַליקט, ניין, קיינמאָל נישט.

טעג און נעכט זענען פֿאַרבײַגעפֿלויגן, און פֿון אַ סך האָב איך גאָרנישט געוואוסט, ווי אַרום זיי זענען פֿאַרבײַ.

קיין זייגערס איז נישט געווען אין מיין הויז, נישט אין קעשענע, אָן דעם איז אויך געווען גענוג זייגערס: די זון, די בלעטער פֿון די ביימער, דער ברונען אין פּאַרק. ער האָט גערוישט בײַטאָג אַנדערש, ווי בײַנאַכט, אין מיטנאַכט אַנדערש, ווי באַגינען. אויך דער גערוך פֿון וואַלד איז געווען אַ זייגער. קליינע, גאָר די קלענסטע גערוישן, וואָס מ׳האָט נישט געוואוסט די סבה זייערע, האָבן אויך געהאַט זייערע באַשטימטע שעהן. אָן דעם איז אויך געווען גענוג זייגערס.

כ׳טראַכט דערפֿון, ווי אַזוי יענע טעג זענען פֿאַרגאַנגען, ווען מיין האַרץ איז געווען אָן פֿאַרלאַנגען.

כ׳האָב געפּייפֿט אויף פֿאַצאָן און מיר האָבן אַרומגעשפּרייזט אין אַרומיקן וואַלד. אָפֿטמאָל האָב איך אַרויפֿגעצויגן די הויכע שטיוול און געגאַנגען מיט די פּאַראָבקעס אויף די פֿעלדער. כ׳האָב געגראָבן און געגראַביעט, כ׳האָב געפֿירט דעם אַקעראײַזן, געשפּאַסט און געשמעקט טאַבאַק און געטרונקען פֿון די ערדענע קריגלעך. כ׳בין געגאַנגען אין ביבליאָטעק, אַרויסגענומען אַ בוך און געלייענט. ס׳האָט מיך פֿאַרכּישופֿט אַ געדאַנק, כ׳האָב זיך דערשראָקן פֿאַר זיין שיינקייט, טיפֿ-

קייט כ׳האָב מיר אים פאַרגעשטעלט, נאָכגעפאָלגט. א קרוין פאַר דעם מאַן! האָב איך געטראַכט. אַ קרוין און א מלכות. געווען קעפּ אויף דער וועלט...

כ׳האָב מיך געזעצט צום קלאַוויר, אָנגעשלאָגן אַ קלאַוויש און דער טאָן האָט מיר געריזלט דורכן בלוט. לאַנגע שעהן האָב איך אַזוי געקאָנט פאַרברענגען. אָט דער אויפגעהויבענער פליגל איז געווען אַן אַלוויסנדיק, אַלץ-עמפּינדנדיק וועזן. דאָס ווילדע, ציטערנדיקע מענטשלעכע האַרץ איז געווען דערין פאַרבאָרגן, זיין זיס ווייגען און דאָס משוגענע לאַכן זיינס. כ׳האָב זיך איינגעהערט. וואָס איז דאָס? האָב איך געטראַכט און געשראָקן זיך. און כ׳האָב נישט געוואַגט נאָך אַן אַקאָרד אָנצושלאָגן, כ׳האָב נישט געוואַגט. כ׳האָב דערזען אַזויפיל ווייטאָק אין זי אויג און האָב דאָס אויג נישט געקאָנט מער פאַרגעסן.

ס׳איז טונקל געוואָרן, די וועלט האָט פאַרלוירן די פאַרבן, און אין מיין קאָפּ זענען זיי געוואָרן וואַך. קאָראַלן-וועלדער און אַ ים פון רעגנבויגנס, ווענט פון קאַצן-אויגן און אַ זילבערנע אומענדלעכקייט. קאָמעטן, וואָס קרייזן אַרום מיינע ברעמען. כאַ-כאַ!

כ׳האָב מיר געקאָנט אויסמאָלן און צייכענען די וועלט לויט מיין גוטן ווילן נאָך. קוילנשוואַרצע וואַסערן, רויטער הימל, גרינע מענטשן, אוממעגלעכע זאַכן האָב איך געקאָנט פאַרווירקלעכן. ס׳איז שווער דעם טייוול אויף א נאָדלשפּיץ ארויפצוזעצן, אָבער איך האָב עס געקאָנט באַווייזן, דערנאָך האָב איך געקאָנט חוזק מאַכן פון זיין פאַריאָמערט פנים, כ׳האָב געקאָנט לאָזן זיראָפנידערן יהוהן אויף דער ערד מיט דער זון אין סיגנעט אריינגעפּאַסט, כ׳האָב געקאָנט אלץ, וואָס כ׳האָב געוואָלט. די וויזיעס מיינע, געזען דורך די פאַרמאַכטע אויגן-דעקלעך, זענען געווען אזוי ערלעך, אז כ׳האָב מיר אָפּט-

מאָל געוואונטשן בלינד צו ווערן. בלינד, ווי אומזיניק דער געדאַנק זאָל נישט זיין.

צום ביישפּיל, נו, גוט, איך פאַרמאַך די אויגן און וואַרט, איך זע א בראָנזיק-גרינע לופט. עפּעס ווייס׳ס באַווייזט זיך. דאָס לייב פון א פרוי, פון א שלאַנק מיידל. דאָס מיידל ווענדט אירע זאַפטיקע, וואַרעמע בליקן אויף מיר. שטיל און שטייף שטייט זי, די הענט לייכט צו די בריסט צוגעדריקט. איך לאָז זי פון אויג נישט אראָפּ און וואַרט. מיטאַמאָל צעבליִען זיך די בריסטן די קנאָספּן זייערע פלאַצן פאַנאַנדער און דורכזיכטיקע בלומען-בעכערס וויקלען זיך אויף. דער פרויס פינגער בליִען און קליינע ווייסע בליטן זענען ווי מילך-טראָפּנס אויסגעשפּרייט אויף זיי. צאַרטע קאָראַלן-צווייגלעך זענען די אָדערן פון די הענט און אָרעמס. דער פרויס ליפּן בליִען פּורפּור-רויט, די האָר פאַרוואַנדלען זיך אין גאָלדענע בלומען-שטענגלעך און לאָזן זיך אראָפּ איבער די אָרעמס און לייב. אַ קריסטאַל-קלאָרע בלויע טולפּע וואַקסט פון שטערן, פון די קניִען וואַקסט אַ קריסטאַל-קלאָרע בלויע טולפּע. די פרוי באַוועגט מיט די ליפּן, עפנט זיי און פליסטערט עפּעס, אַ קלייניקער שמעטערלינג שוועבט אַרויס פון מויל, נאָך איינער, אַ גאַנצע מחנה פון פאַרשידענע קאָלירן, און זיי רינגלען ארום די בליענדע פרוי, ווי פליענדיקע בליטן. די פרוי פאַרמאַכט די אויגן-דעקלעך און מיטאַמאָל באַווייזן זיך אויף די אויגן-דעקלעך סודותדיקע צייכנס, אין דימענטענעם שריפט געשריבן, די פרוי עפנט די אויגן און זיי שטראַלן מיט ווייסן ליכט. איצטער הויבן די ברעמען אָן צו בליִען...

נישט איין נאַכט האָב איך אויף אַזעלכע חלומות פאַרבראַכט. האָב איך מיך געזאָלט לאַנגווייליקן? ניין, די טעג זענען מיר פאַרגאַנגען. —

פון גראַף פליוגען האָב איך באַקומען צוגעשיקט אַן איינלאַדונג צו קומען אויף אַן אָוונט.

דער פּאַפּאַ ערוואַרט אייך אויף זיכער, איז געשטאַנען פון אונטן צוגעשריבן.

זאָל ער וואַרטן. איך האָב נישט קיין צייט.

האַררי אוזעדאָם איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר מיין הויז, פאַרהילט אין א פאַנטאַסטישן מאַנטל, ס׳איז געגאַנגען א רעגן. ער האָט זיך זייער געאיילט. איך בין געזעסן בין געזעסן ביים קלאַוויר און געזען ווי ער קומט ארויס אויפן וועג. כ׳האָב אויפגעהערט שפילן. ווייל געוויס הערט ער זיך איין מיט זיינע אויסגעפּרוטע אויערן, ער וויל מיין האַרץ אויסהאָרכן. א משוגנהדיקער געדאַנק איז דאָס געווען, אָבער ער האָט מיך געצוואונגען אויפצוהערן שפילן.

מיינע גריסן!—האָב איך געטראַכט און געשמייכלט.

איך דערמאָן מיך אזוי קלאָר אָן די נעכט פון אָט־דעם פרילינג. זיי זענען געווען אזוי וואונדערבאַר־שטיל, אזוי שטיל, אַז מען האָט זיך געמוזט איינהאָרכן אין דער שטילקייט. זיי זענען געווען שוואַרץ ווי סאַמעט מיט א סך א סך שטערן, איך בין אָפט געלעגן פאַר מיין הויז אין גראָז און געקוקט אין די שטערן. אַ האַרבער ריח איז געפאַלן פון די קאַשטאַנעס. זיי זענען געשטאַנען אין בליעכץ, האָבן אויסגעזען ווי גרויסע ווייַנאַכט־ביימער און זייערע צווייגן האָבן ווידער אויסגעזען ווי ווייַנאַכט־ביימלעך, אינגאַנצן פון ליכט.

כ׳האָב איינגעאָטעמט די קרעפטיקייט פון וואַלד און פעלד.

איך בין מיר אזוי געלעגן מיטן פנים ארויף און געקוקט אין הימל. גאָטס מח מיט געדאַנקען? האָב איך אריינגעקוקט אין גאָטס מח און געזען זיינע געדאַנקען ברענען? די שטערן

האָבן מיך אָנגעקוקט און ס׳האָט געטריפט דורך מיין לייב. זאָל איך אַנידערקניען? — האָב איך געטראַכט. און כ׳האָב געוואָלט זיין א פייל און ארייננעשאָסן ווערן אין הימל און א רגע שטיל בלייבן שטיין דאָרט אויבן און זיך אויסדרייען און ארומקוקן זיך, איידער כ׳פאַל צוריק אראָפּ אויף דר׳ערד. און אזוי לאַנג האָב איך געקוקט אין די שטערן, ביז זיי האָבן גענומען אראָפּטראָפּן אויף מיר, און מיך האָט ארומגענומען א שרעק. אַ מח פול מיט שטערן האָב איך געבראַכט אהיים, דערנאָך האָב איך געחלומט, אַז איך ליג אין גראָז און קוק אין די שטערן.

כ׳בין געווען רייך און גליקלעך.

דאָס זענען געווען מיינע פאַרלאַנגעוולאָזע טעג.

די אָוונט-אויפנאַמע ביי גראַף פליוגען איז פאָרגעקומען אין א זונטאָג, נאָכמיטאָג, יענעם זונטאָג, איז איינגעבאָרג אין אַן אָפענעם יאַגד-וואָגן פאַרבייגעפאָרן פאַרן שלאָס. זי האָט אליין אָנגעטריבן, געקנאַלט מיט דער בייטש און אַ נייג געטאָן צו מיר מיטן קאָפּ.

דאָס איז געווען אַזוי מאָדנע. פריער האָב איך געחלומט וועגן איר. כ׳בין געשטאַנען אויפן הויף מיט די בלויזע העמד-אַרבל און צוגעשריפט ביי אַן אַקעראייזן די שרויפן, וואָס זענען לויז געוואָרן. דער הויף האָט זיך געפינען צווישן שלאָס און די סטאָדאָלעס און אַ ברייטער טויער האָט אַרויסגעפירט צום באַרג-וועג. ס׳איז געווען זונטאָג, אומעטום רויק און פוסט. די זון האָט געלויכטן אזוי, אַז דאָס אייזן פון אַקעראייזן האָט געבלענדט און טיילווייז געשטאָכן אין די אויגן.

פּאַצאָ איז געלעגן אויף דער זון, די פיס שטייפערהייט אויסגעשטרעקט פאַר זיך, ווייס און בלוי האָט ער אויסגעזען, ער

האָט געוואָרפן אַ שמאָלן העל־בלויען שאָטן, וואָס יעדעס אָפּ־שטייענדיק הערלע פון זיין פעל איז אויף אים קענטיק געווען. ער האָט געמאַכט מיט די אויגן און אויסגעזען צו שמייכלען פון מיין לאַ־יוצלחדיקייט. און אַז כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט ער גענומען קלאַפּן מיטן עק אָן דר׳ערד, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט איבערבעטן פאַר דעם שמייכל און צוריקברענגען מיך אין אַ גוטער שטימונג.

פלוצלינג האָב איך געמוזט טראַכטן וועגן אינגעבאָרג. כ׳האָב געטראַכט, אַז די מעשה מיט די ברויט־שטיקלעך און קאַרפּן־טייך האָט זי זיכער ערגעץ געלעזן. אָדער ווייניקסטנס שוין אַ סך מאָל דערציילט און נישט ערשט אין יענער מינוט איז דאָס איר איינגעפאַלן. ניין, זיכער האָט זי דאָס געלעזן. האָט עס מיר דען גלייך נישט אויסגעזען צו זיין באַקאַנט? כ׳וועל זי פרעגן.

האַ—האַ, וועל איך איר זאָגן, פריילן גיזלהער, אָט די מעשה מיט די ברויט־שטיקלעך און מיטן קאַרפּן־טייך האָב איך נאָר־וואָס אין אַ ביכל אויסגעפונען. וואָס זאָגט איר דערצו?

געוויס וועט זי שוין דעמאָלט נישט זאָגן קיין ליגן.

כ׳וועל איר זאָגן, אַז כ׳וועל מיך פרייען זי צו זען אָנטער. איך האָב פיר יונגע פיקסן, קליינע, שפּילעוודיקע לאָבוסלעך — די פאַראָבקעס האָבן אַ נאָרע אויסגעבויט, — קומט צו גיין, פריילן גיזלהער, וועט איר אָנקוקן די דאָזיקע פיקסלעך.

דער שווייס איז מיר גערונען איבערן פנים און אַראָפּ־געטראָפּט מיר אויף די הענט, וואָס זענען שוין געווען שמו־ציק און פאַרפּעצט. דער גווינט פון שרויף איז, זעט אויס, געווען קאַליע.

גאַנץ ערנסט, איך וועל האָבן מיט איר אַ לאַנגן שמועס.

פרײַלן גיזלהער, אַזוי ווע׳ל איך אָנהויבן, כ׳האָב לאַנגע יאָרן אויף אײַך געוואַרט, אַליין נישט וויסנדיק דערפון.

כאַ—כאַ—כאַ!

פאַרוואָס לאַכט זי אײגנטלעך? — אַליין נישט וויסנדיק דערפון אויף אײַך געוואַרט. בענקשאַפט און חלומות פון אַזוי פיל יאָרן. בײַנאַכט געשטרעקט די אָרעמס דורכן פענסטער עמיצנס האַלז אַרומצונעמען — קײנער נישטאָ. מ׳קלאַפט בײַ מיר אין טיר — אַרײַן! — רוף איך אויס און דערשרעק זיך, וואָס ענדלעך קומט זי צוגײן. אָבער קײנער איז נישטאָ. איצטער אָבער...

כאַ—כאַ—כאַ!

יאָ, דאָס זענען לויטער ליגנס, באמת, פרײַלן גיזלהער. כ׳האָב ליב צו זאָגן ליגנט און בין זײער געשיקט אין דעם. קינדער און איך — וואָס פאַר אַ ליגן וועלן מיר אַלץ נישט דערטראַכטן! אָבער אײן זאַך זאָג איך אײַך — איר קענט מיך נישט, מײַן פרײַנדין. נײן, כ׳רויכער מיר מײַן פײַקע און שמײכל אין דער לופט אַרײַן, קײנער ווײס נישט וואָס איך טראַכט, ווען דער וואַלד צעקלאָגט זיך. איז עס נישט מעגלעך, איך זאָל האָבן אַ האַרץ? כ׳קוק אָן די מענטשן און טראַכט: זײ קענען דיך נישט, און דאָס שטימט מיך הײטערדיק.

מיט אַמאָל האָט פּאַצאָ אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ און אַ ציטער געטאָן מיט די אויערן.

אַ וואָגן איז פאַרבײַגעלאָפן אַרויף דעם וועג און דורכגעפלויגן פאַרבײַ דעם אָפענעם טויער.

אײנגעבאָרג האָט אָנגעטריבן. אַ חוץ איר איז קײנער נישט געווען אויפן וואָגן, וואָס איז געשפּאַנט געווען מיט צוויי פרעכטיקע ענגליאַדעס.

כ׳האָב זי געגריסט, אײנגעבאָרג האָט אַ נײג געטאָן

מיטן קאָפּ, קאַלט און איינגעהאַלטן, ווי זי וואָלט מיך גאָר נישט געקענט.

איך בין גראָד געשטאַנען אין די העמדאַרבל אויפן הויף. אין די העמד־אַרבל, הויכע שטיוול, און דערצו האָב איך געהאַט נאָך שמוציקע, אָנגעלאָפּענע הענט.

נישט געהאַט קיין מזל...

מיטאַמאָל האָב איך דערפילט, אַז איך חלום, און כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט! ס׳האָט געקנאַלט אין דער ווייט. ס׳האָט אָפּגעהילכט, גלייך ווי עמיצער וואָלט אויסגעשאָטן ניס פון אַ זאַק אויף ד׳ערד און צעקלאַפּט זיי.

כ׳בין געלעגן בײַ זיך אין צימער. וואָס אַזוינס האָב איך געחלומט! — טראַכט איך.

אָבער דאָס קנאַלן האָט זיך פאַרשטאַרקט און איצט האָב איך געהערט, ווי אַ וואָגן איז געפאָרן מיטן וועג באַרג־אַרויף. די פערד האָבן זיך געמוזט שאַרף איינשניידן אין דער ערד, ווײַל דער וועג איז געווען אַ באַרגיקער.

אינגעבאָרג איז אויף אַ יאַגד־וואָגן געקומען צו פליען. הינטער איר איז שטייפערהייט געזעסן אַלאָקיי, מיט פאַרלייג־טע הענט.

אינגעבאָרג האָט געהאַלטן די לייטשעס און געקנאַלט מיט דער בייטש.

זי האָט געקוקט לענג־אויס די פענסטער און געשמייכלט, ווען זי האָט מיך דערזען. די בייטש האָט געקנאַלט, אַז ס׳האָט אָפּגעהילכט ווי לייכטע שאָסן.

כ׳האָב זי באַגריסט און געשמייכלט. כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם משונהדיקן חלום.

אָבער אין אָוונט בין איך געבליבן אינדערהיים. כ׳האָב נישט געהאַט קיין חשק צו קומען צווישן מענטשן. דער אָוונט

איז געווען אַן אײַנציקער, שײנער חלום און כ׳בין אײַנגעשלאָפֿן ערשט ווען די העגער האָבן געקרייט. כ׳האָב געטראַכט וועגן ליזעלאָטען.

---

רויט-האָריקע ליזעלאָטע, געבוירן ווייקערסבאַך, וואָס איז מיט אונדז ביידע? מיר קוקן זיך אָן, שמייכלען, טראָגן פֿאַרבאָרגענע טונקעלע זינד אין די אויגן. וואָס וועט דײַן מאַן דערצו זאָגן?

כ׳בין אַראָפּגעגאַנגען אין דער דאָרפֿס-קירכע פֿון האָהענפֿליכט און אָנגעקוקט ליזעלאָטעס עפּיטאַפֿיום. כ׳האָב איבערגעלייענט די ווייניקע ציפֿערן, איבערגעלייענט דעם נאָמען, ליזעלאָטע, געבוירן ווייקערסבאַך, און ס׳איז מיר געווען טרויעריק און טונקל אויף דער נשמה.

ליזעלאָטע, דיך וואָלט איך ליב געהאַט, ווען דו וואָלסט געלעבט! יאָ, דאָס ווייס איך!

וואונדערבאַרע איבערלעבונגען האָב איך געהאַט מיט ליזעלאָטען.

ס׳וואָלט געקלעקט אויף אַ דיק בוך, ווען כ׳וואָלט זיי געוואָלט אויפֿשרײַבן. אַ בוך, איבער וועלכן מ׳וואָלט געמוזט אַ סך לאַכן. אַלע מײַנע איבערלעבונגען מיט ליזעלאָטען זענען פֿון פֿרייַלעכער נאַטור. — האָב איך נישט אַמאָל גיפֿטיקע יאַגדעס געגעסן?

## 5

איינמאָל אַ רעגנדיקן נאָכמיטאָג אין מאַי איז ליזעלאָטע געזעסן ביי מיר אין צימער, ווען איך בין אַהיימגעקומען. כ׳בין געהאַט געווען מיט פּאַפּאָ אין וואַלד.

דאָס איז נישט געווען ליזעלאָטע, דאָס איז געווען אינ־געבאָרג, אינגעבאָרג גיזלהער, די שיינע טאָכטער פון האָלצ־העקער דאָרטן אין שוואַרצן באַרגיקן וואַלד.

אָבער ס׳איז שוין געווען בין־השמשותדיק אין מיין צימער און אויפן ערשטן בליק האָב איך געגלויבט, אז איך זע פאַר מיר ליזעלאָטע, די רויט־האָריקע. דערנאָך, אז כ׳האָב שוין לאַנג געוואוסט, אז דאָס איז אינגעבאָרג גיזלהער, די גאָלד־בלאָנדע, האָט נאָך אַלץ דער גאַסט מיינער אָנגענומען דאָס אויסזען פון ליזעלאָטע, און אַלץ האָט זיך געוואַקלט פאַר מיינע אויגן.

ליזעלאָטע איז געקומען צו רעדן מיט מיר. יאָ, איצט איז זי געזעסן דאָ, מיר האָבן זיך שוין לאַנג געקענט פון די חלומות, מיר האָבן א סך געוואוסט וועגן זיך, מיר צוויי.

דאָס איז געווען אינגעבאָרג. נאַטירלעך, זענען זיי גאָר־נישט גלייך געווען, ליזעלאָטע און דעם האָלצהעקערס טאָכ־טער, און דאָך איז מיר שווער געווען נישט צו זען ליזעלאָ־טען אין אינגעבאָרג, נישט צו הערן ליזעלאָטען פון אינגע־באָרגס שטים.

די זיסע פרילינג־לופט האָט מיר פאַרטויבט דעם זינען.

דעם גאַנצן טאָג האָב איך געטראַכט וועגן ליזעלאָטען און גע־זוכט מיר צו דערקלערן, ווי קומט דאָס, וואָס איך מוז זי ליב־האָבן, הגם זי איז שוין לאַנג טויט. א גאַכט פריער בין איך אָפגעזעסן ביי איר בילד, ביז די אויגן זענען מיר צוגעפאַלן.

אינגעבאָרג איז געקומען צו שמועסן מיט מיר. זי האָט אנגעשלאָגן אויף א נישט־אָנגענעמען קלאַוויש. געוויס איז נישט אָנגענעם געווען צו הערן די דאָזיקע רייד.

אין אָנהויב האָט זי עפעס גערעדט וועגן אַ געיעג, און אז זי ברענגט מיר א גרוס, א זייער האַרציקן גרוס פון גראַף פליוגען.

„איר וועט מיר מוזן ענטשולדיקן, פריילן גיזלהער, וואָס איך באַגריס אייך אין די דאָזיקע הויכע שטיוול און אין דער אלטער קורטקע”, האָב איך געזאָגט, „איך קום פון געיעג”.

ביטע, ביטע!

„איך ברענג אַ זייער האַרציקן גרוס פון פּאַפּאַ. ער וואָלט אייך זייער גערן געוואָלט נאָכאַמאָל זען ביי זיך. אויף דעם אָנטסטן געיעג וועט ער אייך פאַרבעטן”.

דאַנק און צוריק־גריסונג.

מיר האָבן זיך אָנגעקוקט, און איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער ביי די פאָרהאַנגען עפעס צו־רעכט צו מאַכן. אינגעבאָרג איז געווען אויסגעצירט ווי א פרינצעסן, זי האָט אויסגעזען ווי אן ערשיינונג פון באָטיקיעליס א בילד. זי האָט געטראָגן א ווייסן ברייטראַנדיקן שטרוי־הוט און אירע זאָרגפעליק־געלאָקטע האָר זענען ווי גאָלדענע פראַנזן אַראָפּ־געהאָנגען איבער די באַקן.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבער מיין צימער, וואָס איז אַזוי גרויס געווען ווי אַ זאַל, פול מיט שענקלעך, וואַזעס, בי־כער. קיין גרויסע אָרדנונג איז דאָרט נישט געווען.

„איר וואוינט ווי אַ דיכטער!" האָט זי געזאָגט און גע־שמייכלט.

„איך בין נאָך ביי קיין דיכטער נישט געווען, אָבער איך גלויב, אַז אַזוי וואוינען זיי, די דיכטער".

איך האָב זיך איינגעהערט צו אירע רייד. ליזעלאָטע? האָב איך אַ טראַכט געטאָן. ליזעלאָטעס בילד אויף דער וואַנט האָט אָנגעהויבן שמייכלען.

ווער זי איז די פרוי דאָרט אויף דער וואַנט?

„ליזעלאָטע, געבוירן ווייקערסבאַך", האָב איך געענט־פערט און געמוזט זיך צעלאַכן. „אַ שיינע, לעבנסלוסטיקע דאַ־מע, נישט וואָר?"

יאָ.

דערנאָך האָט מיך אינגעבאָרג אָנגעקוקט און געזאָגט:
„איך האָב נאָך אַנדערע גריסן פאַר אייך. פון קלער דאַווי־סאָן. זי איז געשטאָרבן, איר ווייסט, מסתמא, וועגן דעם?

„פאַרשטייט זיך" — האָב איך געזאָגט. „פון קלער דאַ־ויסאָן?" איך בין געווען זייער איבערראַשט.

„זי איז געווען זייער אומגליקלעך. איר ווייסט, ווי אַזוי קלער איז געשטאָרבן?"

אינגעבאָרג האָט געקוקט אויף מיר. אָבער כ'האָב מיר גאָרנישט געהאַט וואָס פאָרצוואַרפן, כ'האָב געקאָנט בלייבן אינגאַנצן רויק.

„איך האָב זי זייער באַדויערט", האָב איך געזאָגט. „כ'האָב אַלץ געהערט, ס'איז טרויעריק. זי איז געווען אַזאַ שיינע און שטאָלצע".

„יאָ, אַזאַ איז זי געווען".

עטלעכע וואָכן פאַר איר טויט האָט זי געשריבן צו אינ־געבאָרג, אַז זי זאָל מיך לאָזן גריסן, אויב זי וועט מיך אַמאָל

טרעפֿן ערגעץ־וואו. מיט אַ יאָר צוריק אַן ערך איז דאָס געווען. פֿאַר צוויי יאָרן איז קלער געווען צו־גאַסט בײַם גראַף פֿליוגען דרײַ חדשים צײַט, עטלעכע מאָל זענען זיי דאָ אַרום פֿאַרבײַגעפֿאָרן. צי איך האָב זיי נישט געזען?

„ניין". כ'האָב געזאָגט דעם אמת. „איך דאַנק אײַך פֿאַרן גרוס, פֿריילן גיזלהער".

דערמיט האָט זיך דאָס נישט־אָנגענעמע געשפּרעך געענדיקט. מיר האָבן נאָך אַביסל געפּלוידערט. האָט זי נישט געהערט, דער פֿידלער האַררי אוזעדאָם האָט געקויפֿט דאָס גוט רויטער־בוק אָדער ניין?

יאָ, הער אוזעדאָם האָט געקויפֿט רויטן־בוק.

„דער אַלטער דער איזעדאָם, וואָס געפֿינט ער זיך איצטער?" איצטער געפֿינט ער זיך אין גוט רויטער־בוק בײַ זײַן זון.

ס'איז טונקל געוואָרן. אײַנגעבאָרג איז אויפֿגעשטאַנען. איך האָב זיך אָנגעבאָטן צו באַגלייטן זי אַ שטיקל, ווײַל ס'איז טונקל און פֿאַר אַ שטורעם.

ביז צום שפּיץ באַרג נעמט זי מיט פֿאַרגעניגן אָן מײַן באַגלייטונג, אָבער נאָר ביז צום שפּיץ באַרג.

כ'האָב פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס איך דאַרף זי באַגלייטן נאָר ביז צום שפּיץ באַרג.

אַ העפֿטיקער, קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן פֿון טאָל אַרויף און צעוויגט די וועלדער. צווישן די ביימער איז געווען טונקל און דער וואַלד האָט געשמעקט מיט רעגן און נאַכט. מיר האָבן כּמעט ווי נישט געזען דעם וועג. פֿאַצאָס ווײַסע פֿעל האָט געלויכטן, ס'האָט אויסגעזען, ווי דער הונט וואָלט געמאַכט הויכע משוגענע שפּרונגען און וואָלט אַלע ווײַלע געקריגן אַן אַנדער אויסזען.

אינגעבאָרג האָט מיט בײדע הענט צוגעהאַלטן דעם הוט, און דער ווינט האָט צונויפגעצויגן דעם זוים פון איר קלייד אַרום די פיס, אַזוי, אז זי האָט קוים געקאָנט גיין.

„כאַ-כאַ" — האָט זי געלאַכט. „ס'אַראַ ווינט!" פירן אַ געשפּרעך ווי ס'געהער צו זיין איז נישט געווען מעגלעך, און אונזערע ווערטער זענען זיך צעפלויגן איינצעלע און אָפּגעריסענע.

„האַררי אונזדאָם איז אַן אויסערגעוויינלעכער פידלער!" האָב איך אַריינגעשריגן אין ווינט אַריין.

„געוויס איז ער דאָס", האָט אינגעבאָרג צוריקגעשריג אויף אַן ענטפער.

„ער איז אַ שיינער מענטש!

„יאָ".

דער ווינט האָט אויפגעהערט, ס'איז געוואָרן זייער וואַרעם. מיר האָבן אָפּגעעטעמט.

„איר ווייסט, יענע ליזעלאָטע, וועמענס בילד איר האָט געזען בײַ מיר אין צימער, גייט אַרום אין שלאָס? אַזוי זאָגט מען. נאָכדעם, ווי זי איז געשטאָרבן, האָט זי יעדע נאַכט באַזוכט איר מאַן. ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל בלייכער און בלייכער, איז אָבער געווען גוט געשטימט און איז געשטאָרבן אַכט וואָכן נאָך ליזעלאָטעס טויט". האָב איך דערציילט. דאָס איז זייער משונהדיק, האָט אינגעבאָרג געענט. בפרט און כ'יך אָנגעקוקט און געשמייכלט אומבאַמערקט. זי האָט געשמייכלט גענוי אַזוי, ווי ליזעלאָטע האָט געשמייכלט צו מיר אין חלום, און אַ לייכטער גרויל איז מיר דורכגעלאָפן דורך די פּלייצעס.

„הערט זיך איין", האָט זי אָנגעהויבן, „מ'האָט מיר צוויפיל זאַכן דערציילט וועגן אייך. איז עס אמת, אַז איר האָט

בוכשטעבלעך געוואָרפֿן געלט אויפֿן גאַס? איר האָט געעפֿנט דאָס האָטעל־פֿענצטער און געוואָרפֿן געלט אויפֿן גאַס״.

„יאָ, דאָס איז געווען אַ קליינער שפּאַס, און קיין סך אייגנטלעך איז דאָרט אויך נישט געווען.״

אינגעבאָרג האָט געשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

כ׳האָב זיך צעלאַכט, כ׳האָב מיך דערמאָנט אָן דעם געשלעג פֿאַר מיין פֿענסטער און אָן מיינע לוסטיקע שפּיצלעך.

ס׳האָט ווידער גענומען בלאָזן אַ ווינט און געטריבן אונדז באַרג־אַרויף. איבערן שפּיץ באַרג איז געפֿאַלן אַ בלייכער ליכט־שטראַל. די לבנה איז אָפּגעשווימען, איינגעהילט אין וואָלקנס, ווי אַ בלינד אויג האָט זי אויסגעזען. אַלע זאַכן האָבן פּלוצלינג גענומען וואַרפֿן בלייכע, וואַסערדיקע שאָטנס, די ביימער, מיר ביידע, פּאַצאָ. אינגעבאָרגס לאָקן־קרייזלעך האָבן געפֿלאַטערט און ס׳קלייד אירס האָט געפֿלאַטערט.

„דאָ איז שוין דער שפּיץ באַרג״, האָט אינגעבאָרג געזאָגט.

מיר זענען שטיין געבליבן. פּאַצאָ האָט געוואַרט אָן אַ זייט און נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זיין שאָטן האָט אויסגעזען ווי אַ סילועט פֿון אַ הויכפֿיסיק לעגענדאַר באַשעפֿעניש.

כ׳האָב אַראָפּגענומען דעם הוט.

„כ׳דאַנק אייך!״ האָט אינגעבאָרג געזאָגט. אַ משונהדיקער נידערגעשלאָגענער שמייכל האָט אַרויסגעקוקט פֿון אירע אויגן.

„כ׳דאַנק פֿאַרן באַזוך״, האָב איך געזאָגט, האַלטנדיק דעם הוט אין האַנט, „טאָמער וועט אייך דער וועג ווידעראַמאָל פֿאַרבייפֿירן פֿאַרביי מיין הויז, פֿריילן גיזלהער?״

אינגעבאָרג האָט געלאַכט.

„עס קאָן זיין, איך וועל ווידעראַמאָל פֿאַרבייגיין דאָ־

אַרום", האָט זי אויסגערופן און אַ קוק געטאָן אויף דער לבנה, וואָס איז פאַרבייגעשווימען צווישן צאַרטע וואָלקנס. בלוילעך ליכט איז דורכגעלאָפן איבער איר פּנים, אירע ציין און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי עמאָל.

איינגעבאָרג האָט געקוקט אויף דער לבנה, דערנאָך געווענדט דעם בליק אויף מיר און אומגעריכט אַ זאָג געטאָן: „איר האָט זיך געמוזט עקלדיק באַגיין מיט קלערן, פּירשט! יאָ, עקלדיק!"

זי האָט גערעדט זייער גיך. געשאָקלט מיטן קאָפּ און שטיל ווייטער געצויגן:

„איך פאַרשטיי אייך גאָרנישט! ניין! איך ברענג אייך אַ גרוס פון איר, פון קלערן, מיר רעדן וועגן איר טויט און איר ענדערט צומאָלט די מינע נישט און זאָגט, אַז קלער איז ייך זייער אַ שאָד, וואָס באַטייט דאָס? זי איז אייך זייער אַ שאָד! און איר האָט דאָך זי ערמאָרדעט. יאָ, דאָס האָט איר געטאָן".

זי האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגן, אָבער איר בליק איז געווען נישט דרייסט און הכנעהדיק. אירע האָר האָבן זיך באַוועגט.

„איר ווייסט וואָס אַלץ קלער האָט מיר דערציילט וועגן אייך? ניין, נישט אָפט האָט זי גערעדט וועגן אייך, דאָס איז אמת. זי האָט דערציילט, איר זענט אַ גוטער און אַן איידעלער. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט נישט גערעדט מיט אייך מער ווי הונדערט ווערטער. איר האָט געוואוסט וועגן דעם, איר האָט אַלץ געוואוסט, אָבער דאָך זענט איר זיך באַגאַנגען עקלהאַפטיק. וואָס וואָלט קלער פאַר איין וואָרט אייערס געגעבן? צוויי מאָל זענען מיט פאַרבייגעפאָרן פאַרביי אייער הויז, קלער איז ווייס געוואָרן ווי קרייד. ניין, איך ווייס נישט וואָס צווישן קלער און אייך איז פאָרגעקומען, אָבער איר זענט

זיך נישט באַגאַנגען איידל מיט איר. איר האָט געקאָנט מאַכן אַ באַזוך ביי איר פֿאָטער, כּדי קלערן דערמיט פֿאַרגעניגן צו פֿאַרשאַפֿן — איר האָט דאָס נישט געטאָן, גאָרנישט געטאָן!"

כ'האָב געקוקט אויף איר און גאָרנישט געקאָנט ענטפֿערן. כ'האָב געטראַכט וועגן די משונהדיקע מענטשן, וועגן אַלעם האָב איך געטראַכט און וועגן גאָרנישט.

איינגעבאָרגס געזיכט איז געווען בלייך, אירע אויגן האָבן איינגעזאַפּט דאָס ליכט פֿון דער לבֿנה און געוואָרן בלייך די שטים אירע האָט אויך געקלונגען בלייך.

„פֿירשט!" האָט זי געפֿליסטערט, „ווער זענט איר דאָך? איך ווייס נישט ווער איר זענט, ניין!" און איז שטיל געוואָרן. זי האָט געשמייכלט און גאַנץ אומבאַמערקט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין, איך ווייס נישט, ווער איר זענט!" האָט זי נאָך שטילער איבערגעחזרט. דערנאָך האָט זי קורץ אַ לאַך געטאָן. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט טרוימערישע אויגן און געזאָגט:

„איך האָב אייך נישט ליב, ניין, אָבער איך מוז כּסדר טראַכטן וועגן אייך. פֿאַרוואָס זענט איר זונטאָג נישט געקומען? כ'האָב צוגעשריבן עטלעכע ווערטער צו דער איינלאַדונג און גערעכנט, אַז איצט וועט איר שוין זיכער קומען. אָבער דערנאָך האָב איך מיך דערשראָקן און מיט אַרומיקע וועגן פֿאַרבייגעפֿאָרן פֿאַרביי עדלהאָף. און דאָך זענט איר נישט געקומען. איך האָב געוואַרט און געוואַרט, כ'בין געזעסן אויף די טרעפּלעך און דער ווינט האָט געבלאָזן. הער אוזעדאָם איז געווען, אויך האַררי אוזעדאָם, אַלע זענען געווען. כ'האָב נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. וואָס זיי וועלן זיך טראַכטן וועגן מיר? דאָס איז מיר געווען גאַנץ גלייכגילטיק. האַררי אוזעדאָם האָט געזאָגט צו מיר: אָבער וואָס איז אייך? גאָרנישט, האָב איך

געזאָגט. כ׳האָב דאָס געזאָגט זייער נישט־העפלעך. איך האָב געצווייפלט אויף אייך, בלויז אויף אייך אליין! ס׳איז מיר גלייכ־גילטיק, וואָס איך בין געווען נישט־העפלעך צו האַררי אוזעדאָם — כאַ־כאַ — אַלץ האָט זיך געדרייט פאַר מיינע אויגן, דערנאָך בין איך געלאָפן ביז צום שפּיץ באַרג, ביז דאָ־אַהער, און געוואַרט. איר זענט אָבער נישט געקומען!״

כ׳האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער איינגעבאָרג האָט נישט צוגעלאָזט.

„ס׳האָט נישט געהאָלפן, וואָס כ׳האָב שטענדיק געזונגען״, האָט זי פאָרטגעזעצט, און דאָס אייגנטימלעכע, הכנעהדיקע שמייכעלע האָט געבלאָנדזשעט איבער איר פּנים אַהין און אַהער. „עס האָט מער גאָרנישט געהאָלפן. דעם גאַנצן ווינטער האָב איך געטראַכט וועגן עפּעס און נישט געוואוסט וועגן וואָס. אָבער אַז ס׳איז געוואָרן פרילינג, האָב איך עס פאַר־שטאַנען. איך בין געגאַנגען צו אייך, אָבער וויפל האָט עס מיך געקאָסט? דאָס, וואָס כ׳האָב דערציילט וועגן קלערן, איז גאָרנישט אמת, אָבער גאָרנישט! זי האָט מיר קיין שום גרוס נישט געגעבן פאַר אייך. כ׳האָב מיך באַלאַסטעט מיט אַ שווע־רן שולד. קאָנסט אים לאָזן גריסן, האָט געשריבן קלער, אָבער באַלד דערנאָך, כ׳האָב נאָר אַזוי געטראַכט, דאָס איז געווען אַ שפּאַס גיב אים נישט אָפּ קיין גריסן. ניין. ניין. קלער האָט דאָס נישט געוואָלט. זי האָט אויסדריקלעך געשריבן. אַז זי וויל עס נישט. איך דערצייל דאָס אייך פּונקט אַזוי, ווי ס׳איז געווען אין דער אמתן. אָבער דאָך האָב איך עס געטאָן. כ׳האָב דאָך געמוזט האָבן עפּעס אַן אויסרייד״.

כ׳האָב איר געוואָלט איבערשלאָגן די רייד.

„ניין, ניין״. האָט זי געזאָגט. „איר האָט מיך פריינט־לעך אויפגענומען. איר זענט נישט געווען ערשטוינט. און האָט

אויך נישט געשמייכלט. איר האָט מיך איבערגעבעטן — יאָ, צוליב דער אַלטער קורטקע און די שטיוול... דאָס איז געווען אַזוי פֿיין פֿון אייער זייט! איר זענט אַ פֿיינער. כ׳ווייס עס. אויך קלער האָט עס מיר געזאָגט. — אפילו זי. אייערע צוויי שלעסער און זעקס דערפֿער האָט איר אוועקגעגעבן פֿאַר אָרעמע לייט — כ׳ווייס אַלצדינג וועגן אייך”.

איך האָב געשמייכלט. „כ׳האָב זיך געשפּילט”, האָב איך געזאָגט.

„כאַ־כאַ־כאַ”, האָט אינגעבאָרג זיך צעלאַכט, „יאָ־יאָ־יאָ”— זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, געלאַכט, דערנאָך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

„פּירשט, פּירשט”, האָט זי געפּליסטערט און שטילגעשוויגן. אירע האָר האָבן געפֿלאַטערט. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? כ׳האָב נישט געפֿונען דאָס פּאַסיקע וואָרט. איך וואָלט איר גערן געוואָלט זאָגן אַ זאַפֿטיק וואָרט, אָבער ס׳איז מיר גאָר נישט איינגעפֿאַלן.

וואָס וויל זי דאָך פֿון מיר? אין אָנהויב האָט זי מיר געמאַכט פֿאָרוואורפֿן צוליב קלערן און דערנאָך...

פּלוצלינג איז אַ שמייכל אויפֿגעגאַנגען אויף מיין פּנים. דאָס אַלץ איז מיר פֿאָרגעקומען לעכערלעך. די אַלטע ווערטער, די אַלע פּוסטע ווערטער.

„איך בין נישט ווערט די אַלע ווערטער”, האָב איך געזאָגט. איך שמייכל. „יאָ, די ווערטער מאַכן מיך אפילו שטאָלץ”:

אינגעבאָרג האָט אַ ציטער געטאָן און מיך אָנגעקוקט אַ דערשראָקענע. אירע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט מיט אַ שמייכל און זי האָט געזאָגט אינגאַנצן אָן קלאַנג: „מ׳האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן אייך, פּירשט, האָב איך געטראַכט— האָב איך דערנאָך אָפֿט געטראַכט וועגן אייך. כ׳וואָלט געבעטן

זיי אייך אַביסל ליבע, ווען דאָס וואָלט געהאַט עפּעס א ווערט, אפילו דאָס וואָלט איך געטאָן. כ׳בין נישט שטאָלץ נאר אייך. נאָר מיר דאַכט זיך, איר האָט נישט קיין האַרץ״.

כ׳האָב געענטפערט: „איך לעב פאַר זיך, איך בין מיד, כ׳קאָן אייך נישט דערציילן, ווי אַזוי דאָס איז געשען״.

דאָס בלייכע מיידל־פּנים האָט זיך אַראָפּגעבויגן טרויעריק.

„איר קאָנט אַלזאָ שוין מער נישט ליב־האָבן?״ זאָגט זי. ווי לעכערלעך דאָס האָט געקלונגען.

„ניין״, האָב איך געענטפערט, „כ׳ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען״.

אינגעבאָרג דרייט זיך אויס און גייט אַוועק מיט פאַ־מעלעכדיקע טריט. אַלץ אויף איר פלאַטערט.

„פריילין גייזלהער״, האָב איך געזאָגט, כ׳האָב אייך מיט קיין איין וואָרט נישט געוואָלט באַליידיקן. איך האָב מיך באַמיט צו זיין אויפריכטיק. איך האָב זיך געפרייט, וואָס איר זענט היינט צו מיר געקומען.

אינגעבאָרג איז אַוועקגעגאַנגען. דאָס ווייסע געשטאַלט אירס האָט זיך שטיל אַריינגעשלייכט אין בין־השמשות אַריין. זי איז געוואָרן טונקעלער, גרוי, דערנאָך האָב איך זי מער נישט געזען.

כ׳האָב אַ רוף־געטאָן אויפן הונט און אַראָפּגעלאָזט זיך מיטן וועג.

---

## 6

כ׳בין אַראָפּגעשטיגן פֿון באַרג. ווי-נאָר דער ווינט האָט אויפֿגעהערט, האָב איך פֿאַרוויכערט די פּייקע. כ׳האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ און געלאַכט. גאָט, זיי מיר מוחל, וואָס כ׳האָב געלאַכט, אָבער דאָס איבערלעבעניש דאָרט אויבן אויפֿן שפּיץ באַרג האָט מיך געבראַנגט אין אַ הייטערדיקער שטימונג.

ווי דאָס שמייכעלע האָט געבלאָנדזשעט איבער איר פּנים אַהין און צוריק, ווי אירע ווערטער האָבן געפֿלאַקערט! און דאָס אַלץ צוליב מיר, איז עס מעגלעך? פֿרייד און שטאָלץ האָבן מיר פֿול געמאַכט די ברוסט.

כ׳בין אַראָפּגעשטיגן פֿון באַרג און זיך אַרייַנגעפּלאָנטערט אינעם ווינט. פּאַצאָ האָט צעשניטן דעם ווינט מיט זיין שפּיציקער ברוסט. איבערן שוואַרצן הימל האָבן געצויגן סטאַדעס פֿון שעפּסן-וואָלקנדלעך, וואָס האָבן אַלע געאיילט צו דער לבֿנה כּדי מיט ליכט זיך אָנצוטרינקען. זיי האָבן הייטערדיק געבלאַנקט און אויסגעזוצן צו שטויסן זיך און צו רייבן איינס אָן אַנדערן. דער וואַלד האָט גערוישט. דער ווינט האָט זיך אויסגעזוכט זיינע ביימער און געשאָקלט מיט זיי אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן אַזש מיט די שפּיצן די ערד אָנגערירט.

די פֿונקען זענען געפֿלויגן פֿון מיין פּייקע און יעדעס מאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך זע דאָס כּריילעכע פּנים מיינס.

איינגעבאָרגס ווערטער, אָט די האַסטיקע, אָפּגעריסענע

ווערטעו, האָבן זיך באַוועגט אַהין און אַהער אין מיין קאָפּ. זי איז געשטאַנען פאַר מיר, אירע האָר האָבן געפלאַטערט, דאָס פּנים אירס איז געווען בלייך און פול מיט נידערגעשלאָגנקייט. שיין, רירנד האָט זי אויסגעזען, ווי אירע אויגן האָבן געלויכטן! איך שווער, כ׳האָב נאָך איצט געזען דאָס ליכט זייערס!

כ׳האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ. אַזוי משונהדיק איז דער מענטש, פאַר אַ פּרעמדן וואַרפט ער זיך צו די פיס און מאַכט זיך אונטערטעניק דעמאָלט, ווען זיין צייט איז געקומען.

כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם יונגן מיידל און וועגן אירע ציטערדיקע ווערטער און בין געווען גערירט. ס׳איז געווען דער פרילינג. זי האָט געאָרנישט געקאָנט העלפן דערצו.

גאָטס ווילן איז עס געווען, זי זאָל זיך ווענדן צו מיר, וואָס האָב גראָד איבערגעלעבט מיינע פאַרלאַנגענלאָזע טעג, וואָס בין מיד געווען, צו־מיד פאַר דער ליבע, וואָס פאָדערט דעם גאַנצן מענטש פאַר זיך, זייער צו־מיד.

געווען צייטן, ווען דער בליק פון אַ דינסטמיידל איז ווי פייער געלאָפן מיר דורך די אָדערן, און לאַנגע נעכט האָב איך געמוזט טראַכטן וועגן דעם דאָזיקן נישטיקן הייסן בליק — איצט אָבער האָב איך איבערגעלעבט די פאַרלאַנגענלאָזע טעג פון דעם טרוימענדיקן בלוט.

כ׳בין שטיין געבליבן, געקוקט אין די פאַרביישוועבנדיקע וואָלקנס און אַ געפיל פון מיטלייד האָט מיך אַרומגענומען פאַר דער נידערגעשלאָגענער נשמה.

כ׳האָב געוואָלט לויפן נאָך איר און רעדן מיט איר. אַ דאַנק, אַ דאַנק, האָב איך איר געוואָלט זאָגן. איך קאָן אייך נישט ליב האָבן, פריילן אינגעבאָרג, איך לעב איבער מיינע פאַרלאַנגענלאָזע טעג, אָבער אַ דאַנק פאַר אייער ליבשאַפט.

אויב איר ווילט, קומט צו מיר צו גיין, טאָג און נאַכט ווייל איך מיט אייך פּלוידערן, איך וויל זיין אייער פֿריינט, איך שעם מיך פֿאַר זיך, איך בין אָרעם איצט, עגאָיסטיש, ווייל איך בין גליקלעך מיט זיך אַליין.

אָבער כ׳האָב נישט געציילט נאָך איר. איך בין ווייטער געגאַנגען.

כ׳האָב געטראַכט: טאָמער בין איך נאָר דערפֿאַר אַזוי רייך און גליקלעך, ווייל זי האָט מיך ליב? זי באַשענקט מיך מיט אירע געדאַנקען, מיט איר ליבשאַפֿט, פֿונדערווייטנס, איך ווער פֿרייליכער און הייטערער, און זי ווערט אָרעם און אומגליקלעך. וואַרפֿט זיך צו דר׳ערד און וויינט. און אין דער זעלבער רגע נעמט מיך אַרום אַ פֿרייד־געפֿיל, אַ נישט־דערקלערטע טיפֿע פֿרייד, און איך אָטעם־אָפּ מיט פֿולער ברוסט און שמייכל. קיינער וועט דאָס נישט דערקלערן.

כ׳בין געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער אַראָפּ מיט דעם טונקעלן וואַלד־וועג און ביי יעדן טריט האָב איך געטראַכט, — איך דאַרף מיך אומקערן און רעדן מיט איר.

און זי האָט געוואַנדערט דורכן רוישנדיקן וואַלד, פּאַמעלעך, פֿאַרשעמט, און געטראַכט וועגן דעם מאַן מיטן מידן האַרץ. אַ ווינט האָט געבלאָזן און זי האָט געהוסט. דערנאָך איז זי אַהיימגעקומען, אויסגעטאָן דאָס קלייד, דאָס שיינע העלע פֿרילינגס־קלייד, און אַרונטערגעוואָרפֿן אונטערן בעט. זי האָט עס מער נישט געוואָלט אָנקוקן. אין שפּיגל האָט זיך נאָך אָפּגעשלאָגן דאָס אויסזען אירס פֿון היינט אינדערפֿרי. איך וועל אים געפֿעלן? האָבן געשמייכלט די ליפּן. און די אויגן האָבן געזאָגט: יאָ, יאָ, וועסט אים געפֿעלן... זי האָט צוגעמאַכט די אויגן...

אַלץ ווייטער בין איך אַראָפּגעשטיגן מיטן באַרג־וועג

און אייגנטלעך געוואָלט זיך אומקערן. די וואונדערלעכע ווער־
טער האָבן געקלונגען אין מיין קאָפּ.

יאָ, איך דאַרף זיך אומקערן און זאָגן איר, אַז זי זאָל
זיין געדולדיק מיט מיר, געדולדיק! אַז זי איז שיין, יאָ, אַז
זי איז ערלעך־שיין, באַצויבערנד־שיין!

איך בין געגאַנגען און געגאַנגען. מיין געדאַנק האָט
זיך פאַרטונקלט.

פלוצלינג איז דאָס האַרץ מיינס אויפגעשפרונגען. ווי אַ
קנאָספּע איז עס אויפגעשפרונגען, כ'האָב דאָס געפילט. אַ
ציטער איז מיר דורכגעלאָפן. ס'איז געווען ווי אַ געשריי פון
פרייד אין מיין בלוט.

כ'האָב זיך אומגעקערט און אַרויפגעשטיגן באַרג־אַרויף,
תחילת פּאַמעלעך, דערנאָך מיט גיכע טריט. דער ווינט האָט
מיך געטריבן, דאָס געוואַלטיקע ברויזן אין וואַלד האָט אויפ־
געטרייסלט מיין נשמה ביז די טיפסטע טיפענישן.

כ'בין געגאַנגען און געגאַנגען. אינגעבאָרג האָב איך
שוין נישט דעריאָגט. כ'בין געגאַנגען דורכן שוואַרצן וואַלד,
וואָס אַמאָל ווייטער. פּלוצלינג האָב איך דערזען פאַר זיך אַ
שלאָס מיט אַ סך באַלויכטענע פענסטער אין וואַלד.

ס'האָט מיר אויסגעזען ווי אַ פעסטונג, איך בין שטיין
געבליבן.

ז

זאָל איך אַרײַנגײן אין שלאָס מיט די פּיל באַלויכטענע פענסטער און דורך די דינער לאָזן זאָגן: עס שטײט עמיץ אין פאָדערהויז, עמיץ, מיטן קאַפּעליוש אין האַנט? — —

ס׳איז געװען פאַרטאָג, דער טאָג האָט זיך געבלויט. כ׳האָב אַרויסגעקוקט דורך מײַן פענסטער צום פּאַרק-צו און זיך אײַנגעהערט צום געזאַנג פון אַ פויגל. ער האָט געזונגען אין דער ברײטער פרימאָרגן-שטילקײט, װען אַלץ איז געשלאָפן.

די גאַנצע נאַכט האָט ער געזונגען, ביז די זון איז אויפגעגאַנגען. דער פרילינג האָט אים נישט געלאָזט רוען.

אָפט האָב איך מיך שוין געהאַט געקװיקט מיט זײַן געזאַנג, אָבער הײַנט ערשט האָב איך פאַרשטאַנען דעם קלײנעם פויגל און מײַן האַרץ האָט געציטערט. כ׳האָב נישט געװאוסט װאָס דאָס באַטײַט. נאָר די אומגליקלעכע און די גליקלעכע ציטערן בײַם געזאַנג פון אַ פויגל. מײַן האַרץ האָט געציטערט בײַ יעדן קלאַנג, און האָט ער געצװיטשערט אַביסל שטילער, אַזױ אַז מ׳האָט אים קוים געהערט, האָב איך מיך דערשראָקן, געעפנט די ליפּן און נישט געקאָנט אָפּעטעמען.

מײַן שעה האָט געשלאָגן!

כ׳האָב צוגעפּרעסט די הענט צום פּנים און געשמײכלט און אָפּגעדריקט אַ קוש אויף מײַנע הענט.

מײַן שעה האָט געשלאָגן! — — —

מײַן געדאַנק איז טונקל, טונקל-גאָלדיק איז מײַן געדאַנק,

עפּעס קרייזט אַרום אין מיין געהירן. איך האָב אַ קלוטדיק האַרץ אין דער ברוסט.

כ׳גיי אהין און צוריק, באַריר די שענק, די טישן, ווי זיי וואָלטן פון פלייש געווען. כ׳גיי אהין און צוריק און רעד מיט זיך אליין. כ׳צי־צונויף די פאָרהאַנגען פון צימער, אזוי אז עס ווערט גאָלדיק ארום מיר. אין א גאָלדענעם צימער זיין איך און שמייכל צו זיך אליין. איך נעם דעם שטעקן און וואַנדל־אַרום. מיט גרויסע טריט, אין ברייטע קרייזן מוז איך שפּרייזן. מיינע טריט הילכן־אָפּ אין שלאָפנדיקע דער־פער, הינט בילן, איך וואַנדער, ברייטע קרייזן מוז איך מאַכן. אין צעשמייכל זיך. די שטערן שמייכלען. —

כ׳האָב געהייסן איינשפּאַנען און בין געפאָרן צו גראַף פליוגענס שלאָס.

זאָרגזאַם אָפּגעגאָלט זיך און אַ ווייסע בינדע זיך פאַר־בונדן. אינגעבאָרג האָט מען נישט געזען.

גראַף פליוגען האָט זיך צעגאָסן אין ליבנסווירדיקייטן. ער איז געווען אַ געבויגענער זקן מיט אַ לאַנגער באָרד און האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַ קאַרליק. כ׳האָב צעצויגן דאָס געשפּרעך, דערציילט פון ווייטע לענדער און פון זייער זון, אינגעבאָרג האָט מען נישט געזען.

קאַרעטעס זענען דעם גאַנצן אָוונט פאַרבייגעלאָפן פאַר־ביי מיין הויז. כ׳האָב נישט געזען ווער ס׳איז געזעסן אינע־ווייניק. איבער רויטן־בוק זענען פאַרביקע ליכט־באַלעמס אויפ־געגאַנגען אין דער טונקעלער נאַכט. אַ פאַרווײלונג! — האָב איך מיר געטראַכט. אין מיטן נאַכט זענען די קאַרעטעס ווידער געלאָפן מיטן באַרג־וועג אַרויף־צו. אינגעבאָרג איז געזעסן אין דער פאָדערשטער קאַרעטע, כ׳האָב זי דערקענט אָן איר קאַ־פּעלוש, כ׳האָב זי דערקענט אָן דעם צאַפּלען־זיך פון מיין האַרצן.

האַררי אוזעדאָם איז צוויי מאָל אין משך פון דער וואָך פאַרבייגעגאַנגען עדלהאָף. אַרויפגעשטיגן די בערג איז ער שנעל; אַראָפּ איז ער געגאַנגען פאַמעלעך און נישט זיכער. עפּעס איז געשען.

ווי אַ ייגל, וואָס קוקט אַריין דורך די שפּאַרעס פון דער קאַראַסעלע-בודע אויפן מאַרק, אַזוי האָב איך אַריינגעקוקט אין דעם, וואָס איז געשען. פאַרשידענע זאַכן האָבן זיך פאַרבייגעשאַרט און געציטערט פאַר מיינע אויגן.

אַ שטיל, טרויעריק ליד האָט איינמאָל אַן אָוונט דורכגעקלונגען דורך מיין נשמה.

אַ פראָסט איז מיר דורכגעלאָפן...

איינמאָל אַן אָוונט, ווען דער וואַלד האָט געלויכטן רויט אין דער פאַרגייענדיקער זון, האָב איך אויפן שפּיץ באַרג באַגעגנט איינגעבאָרג מיט האַררי אוזעדאָם. זיי זענען אָנגעקומען מיטן וועג, האָבן געטראָגן גרויסע בוקעטן מיט מאַי-גלעקלעך אין די הענט און האָבן געלאַכט. כ'האָב דאָס געזען, כ'האָב דאָס געהערט. שמייכלענדיקע זענען זיי אָנגעקומען ביידע, פון איינגעבאָרגס אויגן איז נישט קענטיק געווען דאָס מינדסטע געדענקען יענעם אָוונט.

האַררי אוזעדאָמס אויגן האָבן געשטראַלט. כ'האָב נאָך קיינמאָל אַזעלכע אויגן נישט געזען, זיי זענען געהאָנגען ווי לאָמפּן אין זיין פּנים, און דאָס פּנים זיינס, וואָס האָט שטענדיק אויסגעזען ווייס און קרענקלעך, איז באַצויגן געווען מיט דער פיינער רויזיקייט פון גליק.

„איר קענט זיך? — נאַטירלעך — — נאַטירלעך” — האָט איינגעבאָרג געזאָגט און געשמייכלט. דערנאָך האָט זי גערעדט מיט פּאַצאָן, און איך האָב גערעדט עטלעכע ווערטער מיט האַררי אוזעדאָם. צי עס געפעלט אים אויף רויטן-בוק.

זייערע שיינע וועלדער, נישט אמת? פּרעכטיקע וועלדער! און אַ שטייענדיק וואַסער איז אויך פֿאַראַן!

עס געפֿעלט אים זייער אויף רויטן־בוך! זיינע אויגן האָבן געלויכטן, זיי האָבן אויסגעזען ווי טונקעלע היילן, פֿול מיט טייערע צירונג. כ׳האָב געמוזט כּסדר קוקן אויף די דאָזיקע שטראַלנדיקע אויגן.

ער שרייבט איצט אַן אָפּערע. קיין קאָנצערט־רייזעס וויל ער מער נישט מאַכן.

האַררי אוזעדאָמס ליפּן זענען געווען ברייט, אין די ווינקלען געקרייזלט. האָבן דערמאָנט פּלאַסטערן פֿון מאַראַנצן. זיי זענען געווען רויט.

די הערן האָבן אַראָפּגענומען די קאַפּעלושן, אינגעבאָרג האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ און זיך לייכט פֿאַרנייגט, מיר האָבן זיך צעשיידט.

כ׳האָב פֿאַרדרייט אין נאָענטסטן זייטיקן וועג און פֿאַר־רויכערט די פּייקע. אַ סך זאַכן האָבן מיר געשווינדלט פֿאַר די אויגן אינם רויך פֿון דער פּייקע.

פּאַצאָ האָט מיך אָנגעקוקט. ער האָט מיך גוט געקענט און אַז איך האָב גערעדט צו אים, איז ער אויפֿגעשפּרונגען צו מיר און זיך געלאַשטשעט. איך האָב אים געגלעט איבערן רוקן מיט צערטלעכקייט אין האַנט — אַרויף און אַראָפּ.

אַ פּאָר טעג שפּעטער. כ׳בין געגאַנגען מיט אינגעבאָרג אויבן אויפֿן שפּיץ באַרג, לענג־אויס דעם ברעג וואַלד. די זון איז קרום און שוין עטוואָס רויט געשטאַנען איבערן וואַלד און געוואָרפֿן אַ שאָטיקן, טונקעלן שפּיצן־זוים איבערן באַרג, און אויף דעם שפּיצן־זוים זענען מיר געגאַנגען, הויך איבערן טאָל מיט זיינע קליינע דערפֿלעך און פֿינקלענדיקע וואַסערן. זונען־פֿלעקן האָבן געציטערט אויף אינגעבאָרגס קלייד און

פּנים, מיר האָבן גאָרנישט גערעדט. פּאַצאָ איז געגאַנגען לעבן אונז, מיט פֿאַרגעניגן האָט ער געטונקען זײַנע שלאַנקע פֿיס אין די הויכע זאַפֿטיקע גראָזן.

אינגעבאָרגס פּנים האָט אויסגעזען גרין אין אָפּגלאַנץ פֿון גראָז און פֿון וואַלד, טיילווייז האָט אַ לייכט געטאָן די זון, דעמאָלט האָט איר פּנים אויפֿגעפֿלאַמט א רגע.

אינגעבאָרגס שטערן איז געווען פֿול געדאַנקען.

מיר זענען צוגעקומען צו א באַרג און אינגעבאָרג האָט געזאָגט: „אפשר וועלן מיר זיך צוזעצן אביסל?" זי האָט אויף מיר א קורצן קוק געטאָן, דאָס פֿרעגנדיק. כ'בין איר דאַנקבאַר געווען פֿאַר דעם בליק און פֿאַר די גאָרנישט-זאָגנדיקע ווערטער. זי האָט דאָס געפֿילט, ווייל זי האָט מיך נאָכאַמאָל אָנגעקוקט און נאָכגעפֿאָרשט דעם אויסדרוק פֿון מײַן פּנים. כ'האָב דאָס זייער גוט באַמערקט. כ'האָב אַנידערגעשטעלט די ביקס ביי א בוים, פּאַצאָ האָט זי אָפּגעהיטן.

הינטער דער באַנק האָט געזונגען א פֿויגל. כ'האָב מיך צוגעהערט, וואָס פֿאַר א פֿויגל האָט דאָס געקאָנט זײַן? דאָס איז געווען א פֿויגל, וועלכן כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט. אפשר האָט ער פֿאַרבלאָנדזשעט אהער.

עפּעס האָט זיך געענדערט, דאָס האָב איך גוט באַמערקט. כ'בין געזעסן לעבן אינגעבאָרג און דאָס האַרץ האָט מיר געשלאָגן. אינגעבאָרג איז געזעסן דערלעבן מיט א גלייכגילטיק, פֿאַרשלאָסן פּנים, די גאָמבע אָן דער האַנט אָנגעשפּאַרט, און צוגעקוקט זיך צו די פֿעלדשפּרינגערס, וואָס זענען ארומגעשפּרונגען אין גראָז.

אַ צאַרטער פֿאַלד האָט זיך געצייכנט צווישן אינגעבאָרגס ברעמען, כ'בין נישט דרייסט געווען אָנצוהויבן רעדן. אויב זי איז שלעכט געשטימט, פֿאַרוואָס גייט זי נישט אַוועק?

זי איז געזעסן אַזוי נאָנט, אַז כ׳האָב נישט געקאָנט מיין האַנט אַנידערלייגן און זי נישט אָנרירן, און פּלוצלינג האָט מיר דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ, אַזוי נאָנט איז זי געזעסן. כ׳האָב געפילט איר וואַרעמקייט.

כ׳בין געזעסן שטיל, נישט באַוועגט זיך, כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם צאַרטן פאַלד צווישן אינגעבאָרגס ברעמען. זי האָט געקאָנט הערשן איבער מיר, יאָ, דאָס האָט זי געקאָנט. איין וואונק און איך פאַרשווינד און איך באַווייז זיך נישט מער קיינמאָל פאַר אירע אויגן. איך וואָלט פאַרלאָזן די געגנט, ווען זי וואָלט עס פאַרלאַנגט, מיין אָנוועזנהייט זאָל איר נישט פאַרדאַרבן די שטימונג.

שיין האָט זיך דער טאָל געשפרייט צו אונזערע פיס, און אַזש ביז דעם קליינעם פאַלד אינגעבאָרגס וואָלט אַלץ געווען פרעכטיק. טיף אונטן האָט אַ פּויער געקאָשעט מיט אַ בלאַנקענ־דיקער קאָסע, ער איז נישט געווען גרעסער פון אַ מוראַשקע. איבערן טאָל האָט אויף אַ גרינער לאָנקע געפינקלט עפּעס, ווי אַ טייערער שטיין, אָבער דאָס איז נישט געווען מער ווי אַ שטיק גלאָז, אַ צעבראָכענע פלאַש, וואָס האָט דאָרט אונטן געלויכטן. אויף דער אַנדערער זייט זענען צעוואָרפן געלעגן שטילע הייזלעך, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין נישט באַוואוינט.

פּלוצלינג האָט זיך פון גאָנטסטן קאָרן־פעלד אַרויסגעשאַרט אַ שפּאַדעל דערנאָך אַ קאַפּעלוש, אַ קאָפּ; דער קאָפּ האָט זיך בצוויגט אַרויף און אַראָפּ און ווידער פאַרשוואונדן אין קאָרן און אויך דער שפּאַדעל איז נישט געוואָרן.

אָט דער שפּרינגענדיקער קאָפּ האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון מיין פאַרטראַכטקייט. אַ משוגע־דרייסטער געדאַנק איז דורכגעלאָפן מיין קאָפּ. ווי וואָלט עס געווען, ווען איך זאָל אַזוי פּשוט אַרומנעמען אינגעבאָרג און זאָגן:

ווי? ס'איז פֿיין צו זיצן דאָ אַזוי לעבן אייך און אָנקוקן דעם טאָל. שטהן־לאַנג וואָלט איך געקאָנט דאָ אַזוי אָפּזיצן לעבן אייך, איר זאָלט אַפֿילו גאָרנישט רעדן.

כ'האָב געמאַכט אַ באַוועגונג מיט די ליפּן, איינגענעצט זיי און דערנאָך געזאָגט: „ס'איז פֿיין צו זיצן דאָ און אָנקוקן דעם טאָל".

איינגעבאָרג האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. „יאָ", האָט זי געענטפֿערט.

אין טאָל אונטן איז אַרומגעגאַנגען יענער מאַן מיטן שפּאַדעל, קליין, בלוי. ס'האַרץ האָט זיך מיר צונויפֿגעצויגן אין קראַמפּן. די גלאָז־שערבלעך אונטן אין פֿעלד האָבן אויפֿגעהערט צו לויכטן, שאָטנס זענען אויפֿגעגאַנגען. כ'האָב געווענדעט די אויגן אויף די הייזלעך אַנטקעגנאיבער אונז. זיי זענען געווען באַוואוינט, אַביסל פֿריער איז איין טיר געשטאַנען אָפֿן, איצט האָט מען זי פֿאַרמאַכט. פֿון וואַלד, וואָס האָט באַוואַקסן דעם באַרג איבער די הייזלעך, איז אַפּערגעקראָכן עפּעס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ וועגעלע, איינגעשפּאַנט מיט ווייסע מייז. עפּעס ווייס'ס איז געגאַנגען דערלעבן, עפּעס ווייס'ס איז געלעגן אויפֿן וועגעלע. דאָס האָט אַ מילנער געפֿירט זעק אויף אַ וועגעלע, איינגעשפּאַנט מיט צוויי גרויע פֿערדלעך. די פֿערדס פּיס זענען פֿאַרזונקען אין תּבֿואה. דאָס וועגעלע איז צוגעפֿאָרן ביז צום קליינעם פֿויערן־הייזל. דאָרט זיך אָפּגעשטעלט, און עטלעכע פֿאַרשוין זענען אַרויסגעקומען פֿון די טירן. איין מויד האָט אַ קלאַפּ געטאָן אויף די זעק און אַ שטויב פֿון מעל האָט זיך אויפֿגעהויבן — אַ קיילעכדיק וואָלקנדל, ווי פֿון אַ שאָס.

דאָס אַלץ האָב איך געזען זייער גענוי, בעת דאָס האַרץ האָט זיך מיר ווייטאָקלעך צונויפֿגעצויגן.

אינגעבאָרג האָט אַ ריר געטאָן מיט אַ פוס, כ׳האָב זיך דערשראָקן. זי האָט ווידער אַ ריר געטאָן מיטן אַנדערן פוס, כ׳האָב זיך דערשראָקן. דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין. אין וואַלד איז נאָך טונקעלער גע־וואָרן, וואָס אַמאָל טונקעלער. דער הימל האָט געלויכטן רויט ווי וויין דורך די מרה־שחורהדיקע ביימער־שפּיצן. לאַנג האָט זיך געצויגן אונזער וועג, מיר האָבן גאָרנישט גערעדט.

אַ פויגל האָט זיך צעצוויטשערט. כ׳האָב אַ שמייכל גע־טאָן. אינגעבאָרג האָט מיך אָנגעקוקט.

„כ׳האָב זיך דערמאָנט אַ חלום, פריילן גיזלהער", האָב איך געזאָגט. כ׳האָב גערעדט זייער גיך, כ׳האָב געוואוסט, אַז איצט קאָן איך שוין רעדן, און אַ פרייד האָט מיך דורכגענו־מען. כ׳האָב פאָרגעזעצט. „כ׳האָב זיך דערמאָנט אַ חלום. איך טראַכט אָפט, וואָס פאַרע משונהדיקע זאַכן עס געשעען זאָך מיט דעם מענטשנס נשמה. היינט טראַכט איך גאָרנישט וועגן גנבענען, אָבער מאָרגן קריג איך שוין חשק דאָס צו טאָן, און איבערמאָרגן טו איך עס שוין. מיט דריי טעג צוריק אָבער האָב איך נאָך וועגן דעם נישט געטראַכט. און איצט זיץ איך אין תפיסה און טראַכט וועגן זיך. פּלוצ־לינג פאַלט מיר איין, אַז אייגנטלעך האָב איך שוין אַמאָל יאָ געטרוימט וועגן גנבענען. אָבער, וואָס רעד איך דאָ, עס פּאַסט נישט דאָ אַזעלכס צו רעדן, כ׳האָב דאָס גאָר נישט געוואָלט זאָגן, כ׳האָב געוואָלט זאָגן, אַז אונזער נשמה האָט זיך אירע באַזונדערע פאַרלאַנגען, נאָר מיר קענען זיי נישט. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? כ׳האָב אייך געוואָלט דערציילן פון אַ חלום, וואָס האָט זיך מיר געחלומט. ס׳האָבן זיך מיר געחלומט די משונהדיקסטע זאַכן פון דער וועלט. נו, הערט זיך איין. פאַר אַ פּאָר וואָכן האָט זיך מיר געחלומט אַ שטים. ס׳איז אַ

שטים דאָס איז געווען! פֿאַרכּישופֿדיק־שיין איז זי געווען. איך בין געלעגן אין בעט און געחלומט, אַז איך ליג אין בעט און עס רעדט צו מיר אַ שטים, איר וועט הערן, ווי מאָדנע מיר האָבן גערעדט צווישן זיך, די שטים און איך. די שטים האָט געזאָגט — זי פֿאַרלאַנגט גאָר מין און אויף קיין פֿאַל נישט דעם לייכטער פֿון בורשטין און די שיכלעך פֿון פּערל־מוטער. ניין, ניין, נאָר דיך, האָט זי געטענהט. און איך בין מיר געלעגן און געשמייכלט און פֿאַרלוירן כמעט דעם זינען, אַזוי צערלעך און אַזוי כּישופֿדיק האָט געקלונגען די שטים. דערנאָך האָט זי געזאָגט, אַז מיר וועלן זיך האָבן אונזערס אַ הײַזל אויפֿן ברעג, אַ קליין הײַזל. דו ביסט אַ פֿישער, זאָגט זי. אויך אונזער קומען וועט ברענגען אַ פֿײַער און דו וועסט מיר אַרומקלעפּן די שיך מיט שיפֿן פֿון פֿיש. — דערויף האָב איך איר געענטפֿערט: יאָ! איך וועל אַרומבלאָנדזשען איבערן בלויען גרונט פֿון ים און זוכן שיינע זאַכן פֿאַרדײַנעטוועגן. אפֿשר וועל איך אויך אַ שיין מעסערל געפֿינען פֿאַר דיר", האָב איך געזאָגט.

כ'האָב אַ שמייכל געטאָן און מיט דער אייגענער גיכקייט ווייטער געצויגן: „די שטים האָט דערויף געענטפֿערט, איך זאָל זיין פֿאָרזיכטיק פֿאַר די פֿיש דאָרט אונטן אין ים. — באַ־כאַ! — און איך האָב פֿאָרגעזעצט: אַמאָל וועט אויך אַ פֿאַליע אַרויסוואַרפֿן אַ קאַסטן אויפֿן ברעג, און אַז מיר וועלן אים אויפֿברעכן, וועלן געמען פֿאַלן פֿון דאָרטן לויטער אַלטע קרוינען, גאָלדענע רייפֿן מיט גרינע און רויטע שטיינער, צעפּטערס און קלאַמערן. אַ האָר־באַנד וועט דאָרט אויך זיין פֿאַרדײַנעטוועגן. דאָס הערנדיק האָט זיך די שטים פֿריידיק צעזונגען: כ'האָב מיך אויפֿגעכאַפּט און אין גאָרטן האָט אַ טרילערל געטרילערט".

כ'האָב אַ קוק געטאָן אויף איינגעבאָרג און געוואַרט זי

זאָל עפּעס זאָגן, אָבער אינגעבאָרג האָט קיין באַוועגונג נישט געמאַכט, שמאָל, ווי פאַרפרוירן האָט אויסגעזען איר פּנים. זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

„אַ פויגל האָט גראָד געזונגען אין וואַלד, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער שטים און אָן חלום", האָב איך געזאָגט.

„יאָ, אָבער — כ'פאַרשטיי נישט דעם צוזאַמענהאַנג", האָט זיך אינגעבאָרג קעגנגעשטעלט.

דער פאַלד צווישן אירע ברעמען איז טיפער געוואָרן. צוזאַמענהאַנג? איז טאַקע נישט געווען קיין צוזאַמענהאַנג?

„כ'האָב דאָך געמוזט אויפקלערן מיין שמייכל, איר האָט מיך אָנגעקוקט, האָב איך געמיינט, אַז איך מוז אייך זאָגן פאַרוואָס איך שמייכל. ס'קאָן זיין, ס'איז געווען נישט-געשיקט פון מיין זייט—".

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו גראַף פליוגענס שלאָס. אויף די סלופּעס פון צוים זענען געשטאַנען שטיינערנע לייבן און געהאַלטן צוויי הערבן אויף זיך. מיט מאָך זענען באַדעקט געווען די לייבן, ווי מ'וואָלט זיי מיט עמערס שליאַם אָפּגעגאָסן.

אינגעבאָרג האָט מיר דערלאַנגט די האַנט. איך האָב זי אָנגעקוקט. זי האָט גוט פאַרשטאַנען מיין בליק. אַראָפּגעלאָזט די אויגן, דערנאָך האָט זי געזאָגט: „האַררי אוזעדאָם האָב איך געגעבן מיין וואָרט".

כ'האָב מיך פאַרנייגט. טיף זיך פאַרנייגט, מיין אומגליק האָט מיך טיף געדריקט. איך בין געווען געוואַלטיק נידערגע-שלאָגן.

„איך ווינטש אייך גליק!" האָב איך געזאָגט מיט אַ רו-איקער טיפער שטים און אַראָפּגענומען דעם הוט. איך בין אַוועקגעגאַנגען...

אַריינגעגאַנגען אין וואַלד, געבלאָנקעט אַהין און צוריק,

נישט געוואוסט צי גיין אויף רעכטס צי גיין אויף לינקס. ס׳איז אויך געווען אַלצאיינס.

כ׳האָב זיך שטילערהייט צעלאַכט, ווי איינער, וואָס פרירט. כאַ־כאַ־כאַ! האָב איך געלאַכט, כאַ־כאַ־כאַ!

אָבער גלייכצייטיק האָב איך געפילט אין מיר אַ דראַנג אַנידערצוואַרפן זיך אויף דער ערד און צו בלייבן ליגן.

כ׳האָב זיך דערמאָנט דעם וועג און פאַרקירעוועט אַהיים.

ס׳איז געווען שפעט, שטערן זענען אויפגעגאַנגען אויפן הימל.

עפעס ווייס׳ס איז געזעסן אויף די טרעפ פון מיין הויז. אינגעבאָרג.

זי איז אויפגעשטאַנען און צוגעלאָפן צו מיר.

„ניין, ניין", האָט זי גערופן.

זי איז צוגעגאַנגען, אָנגענומען מיך לייכט פאַרן אָרעם און געקוקט מיר פון אונטן אַרויף אין די אויגן אַריין. וואָס פאַר אַ בליק דאָס איז געווען? פול פרעגן, פול שטוינען, פול ליכט. זי האָט געשמייכלט און געטוליעט זיך צו מיר.

כ׳האָב זי אַרומגענומען מיטן אָרעם און געקושט זי אין די ליפן.

## 8

ווי אָפט האָב איך געקושט אינגעבאָרג? כ'האָב נישט געציילט. אויך אינגעבאָרג האָט נישט געציילט.

„אַ, זעסט?” האָב איך געזאָגט און געקושט זי. זי האָט געשמייכלט פאַרגעניגנדיק און דערלאַנגט מיר די ליפּן און דעם שטערן צום קושן. „האָסט געזאָגט, אַז דו קאָנסט שוין מער נישט ליב־האָבן.”

„יאָ, און זעסט?” האָב איך געזאָגט און געקושט זי.

אַך, אַהיים, אַהיים, ניין, ניין, איצטער אַהיים? ניין, ניין! ווער טראַכט וועגן דעם? דו? ניין, ניין, קיינער טראַכט נישט וועגן דעם.

ווי האָט אויסגעזען דער אָוונט? ער איז געווען ווי דער ווינט, וואָס איז דורכגעלאָפן איבער בלומען. ער איז געווען ווי דער חלום פון צוויי פייגל, וואָס דרימלען אויף אַ רויזן־צווייג. גאָט האָט אונז אַראָפּגעשיקט אַ שמייכל און גריסן, אַ סך גריסן.

שטערן זענען אויפגעקומען, כאַ־כאַ! בלוי און פול מיט סודותדיקער ליבשאַפט איז געווען דער הימל. מיר זענען געזעסן אונטער אַ בליענדיקן עפּלבוים, ער האָט איבערגע־שוימט פון בליעכץ. די ווייסע בליטן און דער בלויער נאַכט־הימל, — פון טויזנט און איין נאַכט — הימל איז געווען.

כ'האָב אָנגעקוקט אינגעבאָרג און געזאָגט: „ביסט שיין, שיין, שיין! מיט הימל באַשענקסטו!” און כ'האָב אַ שאָקל גע־

טאָן דעם עפּלבוים, און בליטן האָבן אָנגעהויבן פֿאַלן אויף אינגעבאָרגס שיינעם קאָפּ.

אינגעבאָרג האָט געזאָגט: „ניין, דו ביסט שיין! ווייסט נישט דערפֿון. ביסט אַזוי שיין, ווי דו וואָלסט גאָר קיין מענטש נישט געווען! דיינע אויגן זענען אַזוי וואַרעם און אַזוי ריין, קינדער־אויגן האָסטו, ווייסטו דערפֿון?"

ניין, דאָס האַרץ האָט מיר געשלאָגן.

„מיר דאַכט, וואָלסט געקאָנט שטאַרבן אונטער די הענט פֿון אַ מערדער און דיינע אויגן וואָלטן זיך נישט געענדערט. אַזעלכע אויגן האָט געהאַט יעזוס קריסטוס, כ'ווייס דאָס!"

מיין האַרץ האָט געשלאָגן.

אין קאָפּ ביי מיר האָט געברענט. אַ ווייסער שטערן איז אויפֿגעגאַנגען אין מיין קאָפּ.

ס'איז שוין שפּעט. גוטע נאַכט, גוטע נאַכט, גוטע נאַכט! האָט עמיצער אַ באַגריף ווי שטיל מען קאָן זאָגן אַ גוטע נאַכט? וואָס אַמאָל שטילער און שטילער און דאָך הערט מען עס נאָך. און ווי אַזוי מ'קאָן דאָס זאָגן? אַז עס זאָל אַזויפֿיל באַדייטן! — — — „אַ גוטע נאַכט, דו, מיין הימל־קעניגרייך!"———

כ'בין געווען אַליין. פּלוצלינג האָט זיך פּאַצאָ אַנידער־געשטעלט פֿאַר מיר און מיך אָנגעקוקט. קיינער האָט אים שוין מער נישט געזען. איך בין אַהיימגעגאַנגען, דורך דעם שטילן ברייטן וואַלד בין איך געגאַנגען אַהיים. אין מיטן ברייטן פֿייערלעכן וואַלד האָב איך באַגעגנט גאָט.

דאָס ביסטו, אַקסעל? האָט גאָט צו מיר געזאָגט.

כ'האָב אַנידערגעקניט. יאָ.

גאָט האָט מיט זיין אָטעם אַ בלאָז געטאָן מיר אין פּנים.

כ'בין געגאַנגען. אויפֿן אָפּענעם פֿעלד האָב איך באַגעגנט פּריילינג. נאַקעט און חוצפּהדיק. געכיכעט האָט ער.

פאַרשטייסטו מיך? — האָט ער געזאָגט. זיינע אויגן זענען גע-
ווען העל-גרין. יאָ, האָב איך געזאָגט, און געשמייכלט, פריער
דער קליינער עפּלבוים ביים פּאַרק-מויער, דערנאָך ליזעלאָטע ——

כ׳האָב זיך מיינע כּוונות בנוגע דיר! — האָט דער פרילינג
געזאָגט און אַ קיצל געטאָן מיך אונטער דער גאָמבע, אַז
כ׳האָב זיך געמוזט צעלאַכן.

כ׳בין אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק איבערן שטילן
ברייטן וואַלד.

עמיצער איז מיר אָנגעקומען אַנטקעגן.

ווידער ביסטו דאָ?

יאָ, כ׳גיי אַרום און אַרום אין אַ קרייז, האָט ער געזאָגט.

כ׳האָב אַנידערגעקניט. ער האָט אָנגערירט מיינע ברע-
מען מיטן פינגער און כ׳האָב דערזען פאַר זיך אַלע מיינע
פריילעכע טעג. מיינע אויגן זענען פייכט געוואָרן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳בין גליקלעך, כ׳קאָן דאָס רואיק זאָגן. איך ליג אין
גראָז פאַר מיין הויז, אַרום שמעקט, כ׳שפּיר דעם ריח פון
זשיווויצע און וואַלד. די כרושטשעס שוועבן איבערן הימל און
שווינדלען מיר איבערן קאָפּ. די גאַנצע נאַכט ליג איך אַזוי
און קוק מיר אויף די שטערן. אַז אַ שטערן טוט אַ בלינצל,
מוז איך אויך אַ מאַך טאָן מיט די אויגן, זילבערנע לאַנגע אויגן
שאַרן זיך פאַרביי מיינע אויגן. אַז אַ שטערן טוט אַ ציטער,
דערשפּיר איך אויך אַ לייכט ציטערן אין מיטן פון מיין האַרץ.

איך קוק אין די שטערן און דאָס האַרץ קלאַפּט מיר.
עס שווינדלט מיך דורך, די שטערן צערטלען מיך.

כ׳הער מיך איין אין דער שלוה דאָרט אויבן. זי שעפּטשעט-

# 9

טאָג גייט־אויף. נעפּלען צעציִען זיך. אַ מענטש זיצט אויפֿן שפּיץ־באַרג, אויף זיין קורטקע זענען טוי־פּערל געבליבן הענגען, ער האָט אַראָפּגערוקט דעם הוט פֿון זיין הייסן שטערן. נעפּל ציט פֿאַרביי אים שנורגוויז.

עס טוט עפּעס אַ בליץ אין נעפּל־וואָלקן, בלאַנקענדיקע שווערדן קרייצן זיך. דער נעפּל ווערט צעריסן, כאָסנע־שפּיצן ווייזן זיך אַרויס, זיי גליִען רויט. דורך איין ריס קוקט אַרויס אַ שטרייף פֿון בלויען הימל, אַ ברעג פֿון בלייך־גריניער לאָנקע, קליינע פּויערן־הייזלעך מיט ליכטנדיקע פֿענסטער. פּאַמעלעך טראָגט זיך דער נעפּל צוריק אַריבער אין די וועלדער, די לעצטע וואָלקן־שמאַטעס שאַרן זיך אַריין צווישן די צווייגן פֿון די בוקנביימער.

דער מענטש קוקט זיך אַרום איבערן טאָל. און דער טאָל זעט אויס ווי אַ גרויסע מושלע, וואוהין אַלע נאַרבן פֿליסן זיך צונויף. אַ שורה מיט שניטערנס באַוועגט אונטן מיט די קאָסעס אין אַ גלייכן טאַקט. די פֿענסטער פֿון די פּויערן־הייזלעך קוקן מיט שטויִנען אין דער אויפֿגייענ־דיקער זון. דער וואַלד טריפֿט און אָטעמט טיף אין דעם תּענוג פֿון אויפֿוואַכן. ליכטיקע פֿייגל־קולות צעקלינגען זיך אין וואַלד.

דעם מענטשנס אויגן בלענדן פֿון ליכט. די זון איז נאָכנישט קיילעכדיק, מיטצמאַל קומט אַרויס אַ מיידל פֿון וואַלד.

זי איז פייכט פון טוי, ווי בלומען און גראָזן. זי לויפט אַזוי, אַז דאָס קליידל פליט.

„איך האָב געוואָלט וואַרטן אויף דיר!" רופט זי אויס, אַז מ'הערט ווייט, „איך האָב געוואָלט די ערשטע דאָ זיין!"

זי לאַכט, וויינט, וואַרפט זיך אויף דער ברוסט פון מאַן. דעם מאַנס הענט ציטערן.

די זון איז אויפגעגאַנגען און פאַרטריבן דעם נעפל אין די וועלדער; מיר גייען מיטן וואַלד, די זון זינקט הינטער גאָלדענע הייכן, מיר גייען צוזאַמען, מיר צוויי. מיר קוקן אין דער הייך. די שפיצן פון די בוקנביימער זענען דורכזיכטיק, העל-גרין ווי וואַסער, מיר גייען ווי אין אַ העל-גרינעם ים, וואָס דער גרונט זיינער איז באַלויכטן פון זון.

„שוין האַלב-טאָג", זאָגן מיר.

טאָג נאָך טאָג אַזוי. דאָס האַרץ קלאַפּט מיר. מיר טרעפן זיך אויף דער באַנק אין דער הייך. אינגעבאָרג דערציילט מיר ווי אַזוי זי האָט געאיילט צו דער באַנק.

יאָ, תּחילת איז זי געגאַנגען גיך, זייער גיך, דערנאָך איז זי געלאָפן, און צום סוף איז זי געפלויגן דורך געוויקסן און וועגלעך, און ס'דויערט אַלץ נאָך צו לאַנג. איך שמייכל.

„די גאַנצע נאַכט בין איך געזעסן און געטראַכט וועגן דיר", זאָג איך.

אינגעבאָרג טוט אויס דאָס קייטל מיטן גאָלדענעם מע־דאַליאָן פון האַלז און דריקט עס מיר אַריין אין האַנט. האַסטיק, ווי עמיץ וואָלט נאָך געקאָנט דערזען.

„נעם!" זאָגט זי, „נעם! כ'האָב גאָרנישט מער, וואָס וואָל מיר זיין טייערער דערפון".

„ערלויב איך זאָל אַ קוש טאָן דעם שפיץ פון דיין שוך!" זאָג איך.

אין אָוונט קומט אינגעבאָרג אין בזשאָזענעם ווע̄לדל, וואָס פֿאַר איר הויז, זי האַלט אין האַנט אַ קלײנעם העפֿט.

„נעם!“ זאָגט זי. „נעם! דאָס איז אַ העפֿט פֿון שול, אַ קלענער העפֿט, אפֿשר וועט ער דיר מאַרשאַפֿן פֿרייד?“

איך מוז זיך אויסדרייען. איך דאַנק אינגעבאָרג פֿון טיפֿסטן האַרצן. איך נעם אַראָפּ דעם הוט און גיי לעבן איר.

„פֿאַרוואָס טראָגסטו דעם הוט אין האַנט?“ פֿרעגט אינגעבאָרג.

„עס איז דומפּיק אין וואַלד“, ענטפֿער איך.

אינגעבאָרג נעמט אַרויס אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון טאַש. זי לאַכט.

אָט שטייט ער — די פֿידל אין האַנט, און קוקט אונדז אָן מיט זיינע גרויסע פֿרויען-אויגן. אינגעבאָרג לאַכט.

„ער איז נאַריש און שטאָלץ“, זאָגט זי און צערייסט דאָס בילד אין דער לענג און אין דער ברייט.

די שטיקלעך וואַרפֿט זי צווישן די קשאַקעס.

איך לאַך — „יאָ, ער איז נאַריש און שטאָלץ“, זאָג איך.

„כ'וואָלט דיר אַלץ אָוועקגעשאָנקען, וואָס איך האָב נאָר“, זאָגט אינגעבאָרג.

איך ווייס נישט וואָס צו ענטפֿערן אויף דעם.

כ'דריק איר די האַנט.

„אָ!“ זאָגט זי און פֿאַרמאַכט האַלב די אויגן. „איך חלום!“

---

מײנע אויגן האָבן געקוקט אין דער שײנער וועלט און כ'האָב געהאַט דאָס טיפֿע געפֿיל, אַז איך געהער צו איר און באַדאַרף זיך נישט צו שעמען.

דאָס האַרץ איז מיר לאַסטיק געוועזן און רייך און באַלאָדן מיט זיסער משא. דאַנקבאַרקייט און באַוואונדערונג און ליבשאַפֿט איז געוועזן דעמאָלט מיין האַרץ.

כ׳האָב געזען ווי אינגעבאָרגס שוועבנדיק געשטאַלט איז גוגאַנגען לעבן מיר און כ׳האָב געשטוינט און בין דאַנקבאַר געווען, דאַנקבאַר צו יענעם גייסט, וואָס האָט זי געשיקט צו מיר אין דעם פרילינג, דאַנקבאַר צו איר, וואָס כ׳האָב געקאָנט גיין אָט-דאָ לעבן איר. כ׳האָב קיין אַנדער זאַך מיר נישט געוואונטשן, ווי צו קאָנען גיין לעבן איר. דאָס איז געווען גליק!

כ׳האָב געקאָנט איינשלאָפן, גייענדיק אַזוי לעבן אינגע-באָרג, דאָס באַוואוסטזיין פאַרלירן, און קיין געדאַנק שוין מער נישט האָבן אין קאָפּ, קיין קלאָרקייט. קלאָרקייט? — אַך — כאַ-כאַ-כאַ — ניין, כ׳בין באַטויבט געווען, קיין געדאַנק, קיין קלאָרקייט.

אינגעבאָרג האָט געפילט מיין בליק, זי איז צוגעקומען צו מיר, דערלאַנגט מיר ביידע הענט, געקוקט מיר אין די אויגן און געשמייכלט. לאַנג זענען מיר אַזוי געשטאַנען, גאָט ווייס ווי לאַנג, מיר האָבן שוין גאָרנישט געוואוסט.

אירע אויגן האָב איך געקענט זייער גענוי. אָפט האָב איך געטראַכט, כסדר האָב איך געטראַכט וועגן אירע אויגן. זיי זענען ווי טירקיסן, לויכטנדיקע טירקיסן, אָבער וואָס מיינט דאָס צו זאָגן? זיי האָבן אַן אייגנאַרטיקן, זוכנדיקן, שטראַלנדיקן בליק, עפּעס בליצנדיקס, כ׳דערמאָן מיך, אַז אין מיין קאָפּ האָבן זיי בליצן געצונדן. דעם אויסדרוק פון אירע אויגן האָב איך פאַרגעסן. קוק איך זיי ווידער אָן, יאָ, עפּעס איז פאַראַן לויכטנדיקס, בליצנדיקס אין אירע אויגן, קיינער קאָן דאָס נישט פאַרהאַלטן אין זכרון. דאָס פּנים אירס איז שמאָל, שפּיציק ביי דער גאָמ-בע, עס קוקט אַפּער פון צווישן די גאָלדענע לאָקן, וואָס הענגען אַראָפּ איבער די באַקן און רירן אָן כמעט די ברוסט, ווען זי בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ. אירע באַקן זענען שמאָל און לייכט גערויטלט, אַז זי שמייכלט, בילדן זיך גריבלעך אויס אין זיי.

אַ פֿאַרכּישופֿטן שמייכל האָט זי, און ווען זי שמייכלט, שמייכלט אַלץ אין איר; כ׳קאָן קיינמאָל דעם דאָזיקן שמייכל נישט פֿאַרגעסן, ער שוועבט אַרום מיר טאָג און נאַכט. כ׳קען אים גוט, אָבער יעדן טאָג באַווייזט ער זיך פֿאַר מיר נײַ. יעדן טאָג אַנטדעק איך אים, דעם דאָזיקן שמייכל, און ער ריזלט מיר דורכן בלוט, ביז עס ווערט הייטערדיק און פֿריילעך.

הײַנט טראַכט איך: איבער איר פּנים צעשפּרייט זיך אַ גאָלדענער אָטעם, ווי איבער די בילדער פֿון אַלטע מייסטער. און צומאָרגנס טראַכט איך: יאָ, עפּעס פֿון דעם גאָלד פֿון רייפֿע זאַנגען איז אויסגעשפּרייט אויף איר פּנים. און איבערמאָרגן טראַכט איך, אַז די פֿאַרבן פֿון לאָנקעס און פֿעלדער האָט זי אין פּנים, דאָס גאָלד פֿון זאַנגען, דאָס בלויקייט פֿון פֿאַרגעס־מיך־נישטן, דאָס רויטקייט פֿון יאַגדעס. אינגעבאָרג, אינגעבאָרג...

אין יענער צײַט האָב איך געשריבן אַ בריוו צו מײַן פֿרײַנט, דעם דיכטער קאַרל בלוטהויפּט. איך בין גליקלעך, האָב איך געשריבן, קום גלײַך! איך בין זייער גליקלעך, גרויסע זאַכן געשעען, איך וואוין אויף דער זון, אין שכנות מיט די שענסטע מלאכים, איך בין גליקלעך, קום גלײַך!

נאָך אַ סך מער האָב איך געשריבן, יאָ, פֿרײַנט בלוטהויפּט איז אַ דיכטער, ער וועט פֿאַרשטיין, ווען ער וועט לייענען: איך בין גליקלעך, איך בין זייער גליקלעך. אַ ים פֿון גליק האָט אַ פֿאַליע געטאָן אויף מיר, איך בין גליקלעך...

צוויי שעה האָב איך געדאַרפֿט גיין כּדי די בשׂורה פֿון מײַן גליק צו ברענגען צו דער פּאָסט. כ׳בין געגאַנגען אין דער נאַכט, געלאַכט און געדרייט דעם בריוו אַהין און אַהער.

איך בין גליקלעך, וואוין אויף דער זון, אין אַ גאָרטן אויף דער זון, אַ קוואַל פֿון גליק באַוואַסערט אָט־דעם גאָרטן,

די בלומען לאַכן. געניוערס מינדלעך — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר זענען געגאַנגען דורכן וואַלד, דורך אַ הויכן טענענ־וואַלד. פּאַצאָ האָט אויסגעשפּיצט די אויערן און געבליבן שטיין.

ער האָט אַ ביל געטאָן.

„שטיל, פּאַצאָ" — האָב איך אויסגערופן.

פּאַצאָ האָט געפאָלגט, צוגעשלייכט זיך צו מיר און געקוקט אין די געדיכטענישן.

„עמיצער איז דאָ אין וואַלד", האָב איך געזאָגט. „צווישן די געוויקסן איז פאַראַן אַ מענטש, נישט קיין חיה, איך קען פּאַצאָן."

אינגעבאָרג האָט מיך אָנגעקוקט און בלאַס געוואָרן. מיר זענען ווייטער געגאַנגען.

„לאָמיר אַרויסגיין אויפן אָפענעם פעלד", האָט אינגע־באָרג געזאָגט. זי האָט געציטערט.

אפשר איז דאָס געווען אויזעדאָם?

זי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט צו מיר אויפן אָרעם און מיך אָנגעקוקט מיט חשד.

„וועגן וואָס טראַכסטו?"

כ'האָב געשמייכלט. „שיין ביסטו, אינגעבאָרג! דאָס טראַכט איך. גוט ביסטו, אינגעבאָרג!"

„קום, איך וועל דיר דערציילן, אַקסעל. הער זיך איין. ער דרייט זיך דאָ אַרום, איך ווייס. זייט איך קען אים, גייט ער מיר נאָך. שוין אַלס יינגל איז ער געווען אַזוי. ער וואַרפט זיך אַזוי אָן און איז גאַווהדיק. פריער האָב איך זיך געשראָקן פאַר אים, באַזונדערס פאַר זיינע הענט האָב איך זיך געשראָקן. כ'האָב קיין שום געמיינזאַמס נישט געהאַט מיט אים, כ'האָב אים פיינט געהאַט. יאָ, אמת, טיילמאָל האָב איך אים ליב־

געהאַט אויך. דעמאָלט בין איך געווען אַ נאַריש מיידל, כ'בין שטאָלץ געווען מיט אים. פון פרויען האָט ער כסדר געקריגן בלומען צוגעשיקט, און ער האָט זיי אַוועקגעוואָרפן. ער האָט געהאַט אַ קראַוואַטן־נאָדל פון אַ קעניגין, האָט ער זי אַוועקגעשאָנקען אַ פויערן־שייגעץ. אַפילו פון קיין קעניגין וויל איך נישט קיין מתנות, האָט ער געזאָגט. דאָס איז מיר געפעלן, כ'בין אַזוי נאַריש געווען דעמאָלט. כ'האָב ליב געהאַט, ווען ער איז געשטאַנען פאַר מיר, זיינע אויגן האָבן אויסגעזען דעמאָלט, ווי די אויגן פון אַ הונט. דאָס איז אַלץ געווען פאַרשטעלט, ער איז אַזוי גאַוהדיק און נאַריש. שטענדיק רעדט ער וועגן זיך, פון זיינע קאָנצערטן און אַז מענטשן זענען אויף די וואָקזאַ"ן געשטאַנען און אים אָפּגעוואַרט. שטענדיק האָט ער געוויינט פאַר מיר. „כ'וויין פאַר דיר, פלעגט ער זאָגן, טויזנטער פרויען וואָלטן אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַר מיר, און דו ווילסט מיך צומאָלט נישט אָנקוקן".——

אַ פּאָר טעג שפּעטער זענען מיר ווידער געגאַנגען דורכן וואַלד, און ווידער האָט זיך פּאַצאַ צעבילט. דאָס איז געווען אין אַ וואַלד פון הויכע דיקע בוקנביימער. פּאַצאַ האָט געבילט און איז אַריינגעשפּרונגען טיפער אין וואַלד. האַררי אַוועדאָם איז אַפּגערגעקומען פון אונטער אַ בוים.

„רופט צוריק אייער הונט!" האָט ער געזאָגט און צונויפגעצויגן די הענט צו זיך.

ער איז געשטאַנען אויפן וועג און געקוקט אויף אײַנגעבאָרג.

זיין פּנים איז געווען בלייך, גרוי, טיפע רינגען האָבן זיך געצייכנט אַרום זיינע אויגן, וואָס האָבן מאַט געגלאַנצט.

זיין שמאָל געזיכט האָט אויסגעזען, ווי דאָס געזיכט פון אַ פר.י פאָרן שטאַרבן. זיינע ליפּן האָבן געציטערט, די לינקע

האַנט האָט ער געהאַלטן אויפֿן האַרץ און די פֿינגער האָבן נערוועז גענומען זיך באַוועגן.

„שוין עטלעכע טעג, ווי איך זוך אייך אַרום", האָט ער געזאָגט, „כ'האָב אייך נאָר דאָס געוואָלט זאָגן: איר האָט אַ קורצן זכּרון, פֿריילן אינגעבאָרג!"

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם הוט, זיך אויסגעדרייט און מיט גיכע טריט אַוועק אין וואַלד.

„קום", האָב איך געזאָגט צו אינגעבאָרג, אַרויפֿלייגנדיק לייכט די האַנט צו איר אויפֿן אָרעם.

אינגעבאָרג איז געווען בלייך, לאַנג האָט זי קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

„דאָך האָב איך אים ליב".

ס'האָט מיר אַ שטאָך געטאָן אין האַרץ, פּאַמעלעך האָב איך אַראָפּגענומען די האַנט פֿון איר אָרעם.

„ניין, ניין! נעם נישט צו די האַנט. כ'האָב אים נאָר אַביסל ליב, ס'איז מיר אים אַ שאָד, אָבער דיך ליב איך טויזנט מאָל מערער, טויזנט מאָל מערער. קוש מיך, אַקסעל, זיי גוט!"

„כ'ליב דיך", האָב איך געזאָגט און זי געקושט. אָ, אָ, איצט איז שוין אַלץ גוט.

„כ'האָב זיך דערשראָקן, אַקסעל. איצט וועל איך דיר אַלצדינג דערציילן. כ'האָב אים געגעבן מיין וואָרט — דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג נאָכדעם, ווי כ'האָב דיר דאָרט אין דער הייך געזאָגט, אַז איך ליב דיך. ער איז געקומען צו מיר אין גאָרטן. מ'זעט אייך איצט אַזוי זעלטן, האָט ער געזאָגט. איך שפּאַציר אַ סך. יאָ, האָט ער ווייטער געזאָגט, די קרוין פֿון אַ פֿירשט איז מער ווערט, ווי דער רום פֿון אַ פֿידלער. אַזוי בייז און אומגעלומפּערט איז ער געווען, אָבער איך בין דעמאָלט געווען אומגליקלעך און הילפֿלאָז, דערפֿאַר בין איך

נישט אין כּעס געווען אויף אים. כ'האָב געלאַכט. וואָס רעדט איר דאָ! האָב איך אויסגערופן און געלאַכט. אַך, אוזעדאָם, ווי נאַריש איר קאָנט אַמאָל זיין! דעם אָוונט האָב איך אים געגעבן מיין וואָרט, אויף צו להכעיס איז דאָס געשען. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אָרעם, און איך האָב געטראַכט וועגן דיר. ווען ער זאָל דאָס זען, האָב איך געטראַכט, ווען ער זאָל דאָס זען! איך בין אַרומגעגאַנגען אין וואַלד מיט אוזעדאָמען נאָר כּדי דיך צו באַגעגענען און דיר עגמת־נפש צו פאַרשאַפן. דו וועסט עס נישט פאַרשטיין, ניין, דו נישט. איך בין געווען אומגליקלעך און נידערגעשלאָגן, אין קאָפּ האָט זיך מיר געמישט. אָ, ווי גערן וואָלט איך דעמאָלט מיט דיר געגאַנגען, גלייך צו דיר צוגעגאַנגען, נישט־דרייסט דיך אָנגעקוקט און גערעדט מיט פּאַצאָ——"

מיר זיצן אין דער זון אויף אַ לאָנקע. אינגעבאָרג זינגט אין דער שטיל און בינדט צוזאַמען אַ קרענצל פון פעלד־בלומען. איך ליג אין גראָז און הער זיך איין און קוק זיך צו, ווי אינגעבאָרג בינדט צוזאַמען דאָס קרענצל. קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך נאָך אַזאַ שיינקייט נישט געזען, ווי אינגעבאָרג. אירע אויגן־הייטלעך זענען גאָלדיק און לאַנג. ס'דאַכט זיך, ווי זי וואָלט אַ קליינע אַרויסשטראַלנדיקע זון געהאַט אונטער די ברעמען. אירע ברעמען זענען גאָלדיק, רעגלמעסיק און אין אַ האַלב־ראָד געצייכנט, ווי גאָלדענע בויגנס, יעדעס איינצעלנע הערעלע זעט מען אָן. זיי זעען אויס ווי מיט אַ פּענזל געצייכנט און ווי די האַנט פון אַ יאַפּאַנער וואָלט געפירט מיט דעם פּענזל. איר שטערן איז הויך און ריין, און אונטער אים באַהאַלטן זיך די אַלע געדאַנקען, וועלכע זי אַליין קען נאָכנישט. אינגעבאָרג דרייט אַהער און אַהין דאָס קרענצל און דריקט עס מיט מוטערלעכער ליבשאַפט צו דער ברוסט.

אַ פֿויגל זינגט אין נאָענטן וואַלד, אינגעבאָרג הערט אויף בינדן און הערט זיך איין.

זי פֿילט מיין בליק, הייבט-אויף די ברעמען און שמייכלט צו מיר. זי נעמט זיך ווידער צו איר קרענצל, פֿאַרגעסט מיך אינגאַנצן, מאַכט אַ רונדיק קינדער-מיילכל און שמייכלט צו די בלומען און זינגט אין דער שטיל.

זי איז פֿאַרטיק. „שיין?" פֿרעגט זי.

„יאָ!"

„טאָ נעם דאָס דיר! נאָר היט עס אָפּ".

אינגעבאָרג איז די מוטער פֿון די בלומען און פֿייגל און זי צערטלט די ביימער. זי קען אַלע קרייטעכצער, די נעמען פֿון אַלע פֿייגל, געוויקסן. זי קוקט אין די ביימער-קרוינען, ווי זי וואָלט דאָרט פּנימער געזען, און כ'האָב זי געכאַפּט דערביי, ווי זי האָט גערעדט מיט די בלומען, ווי מיט קינדער.

אינגעבאָרג איז אין וואַלד געבוירן געוואָרן.

איך זע זי היינט, כ'וועל זי מאָרגן זען, כ'זע זי יעדן טאָג. יעדן טאָג דאַכט זיך מיר—איך זע זי דאָס ערשטע מאָל. און ווען זי קומט, ציטערט מיר דאָס האַרץ בישט ווינציקער, ווי דעם ערשטן פֿרימאָרגן.

אין יענער צייט בין איך אָפּט געלעגן פֿאַר מיין הויז אין גראָז ביז איבער האַלבער נאַכט. זילבערדיק האָט געשימערט דער טאָל און די וואָלקנדלעך אויפֿן הימל. טונקעלע פֿייגל האָבן אָן גערויש געשאַרט זיך איבערן וואַלד, גליווערימלעך זענען געפֿלויגן פֿאַרביי מיר, טיילמאָל אַראָפּגעלאָזט זיך נעבן מיר און איך האָב פֿון זיי דאָס אויגנייגט צוגענומען. אַזוי קליין ווי זיי זענען געווען, אַזוי שוויגנדיק און פּרעכטיק. זיי האָבן זיך ליב געהאַט און געווען אַזוי גליקלעך, ווי איך. כ'האָב זיי נאָכגעקוקט, ביז זיי

זענען פֿאַרשוואונדן אין דער טונקלקייט פֿון די געוויקסן. אַסך כרשטשן, נאַכטוואַנדלער און שמעטערלינגען, זילבער־געפֿליגלטע, האָבן זיך באַוועגט אין דער לופֿט אַרום.

איך בין געלעגן און געטראַכט וועגן אײַנגעבאָרג, געטראַכט וועגן זיך און וועגן מײַן גליק, וואָס איז נישט אַרומצונעמען.

די שלווה פֿון דעם בלאַנקענדיקן טאָל איז אויסגעגאַנגען אין מײַן האַרץ.

דאָס איז געווען אַזאַ טיפֿע שלווה, וואָס כ'האָב נאָך אַזעלכע נישט געקענט. מײַן האַרץ האָט איבערגעשטראָמט. און איך בין אויפֿגעשטאַנען און אויפֿגעהויבן די הענט און געבענטשט די וועלט. כ'האָב געטראַכט: שלווה אין אַלע מענטשן־הערצער, זיסער פֿרידן. גליקלעכע שעהן פֿאַר אַלעם, וואָס לעבט, דעם אָרעמסטן מענטשן אין ווײַטסטן לאַנד, דעם קלענסטן וואָרעמל אין דער טונקלסטער טיפֿקייט פֿון דער ערד. פֿײַער פֿאַרן פֿרירנדן, ברויט פֿאַר דעם הונגעריקן, אַ געלינדערטן טויט דעם מערדער, אַ גליקלעכע רײַזע דעם ים־פֿאָרער אויפֿן ים! ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט בין איך געלעגן אין גראָז און געהאַט דאָס געפֿיל, אַז איך שוועב.

שלווהדיק שוועבט זיך די ערד איר וועג, האָב איך געטראַכט. און כ'האָב געעפֿנט די ליפּן און געפֿליסטערט: „שלווהדיק שוועבט זיך די ערד איר וועגס".—

אין יענער צײַט, — יאָ, וואָס ס'איז אַלץ געשען אין יענער צײַט!

כ'האָב זיך געלייגט שלאָפֿן און געציילט די מינוטן, ביז איך וועל זי ווידער זען. נאָך איין מאָל בין איך דורכגעגאַנגען דעם ווײַטן טאָג און געזאַמלט. כ'האָב געפֿילט דעם דרוק פֿון אירע ליפּן אויף מײַן מויל, מײַנע הענט האָבן באַהאַלטן די צוינגערונג פֿון דעם דרוק פֿון אירע הענט. דאָס וואַרעמקייט פֿון

איר אָטעם איז געווען אין מיין זכרון, דאָס ווייכקייט פון אירע האָר, דאָס ליכט פון אירע אויגן, דער שמייכל פון אירע ליפּן.

דערנאָך בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן און אין חלום זיך ווידער באַגעגנט מיט אינגעבאָרג. פון שעה צו שעה האָב איך זיך געוועקט, געקוקט אין די שטערן, זיי האָבן געפינקלט, גע־לויכטן, געפלאַקערט, בלאַס געוואָרן — ענדלעך!

און אינגעבאָרג האָט געזאָגט: „בייטאָג גיי איך אַרום, ווי אין חלום, ביינאַכט וואָגל איך אַרום אין חלום, גלייך ווי כ'וואָלט וואַך געווען.״ אינגעבאָרג האָט געזאָגט: „אַלצדינק זע איך אין העכסטן גלאַנץ. דער הימל איז קיינמאָל נישט געווען תכלתדי־קער, דער וואַלד איז קיינמאָל גרינער נישט געווען. אַלצדינק זע איך, ווי מיט אַ רעגנבויגן אַרומגעזוימט. אָ, אַקסעל, דיר פאַרדאַנק איך דאָס אַלץ!״

אינגעבאָרג, אינגעבאָרג, ליבלינג פון גאָט, צירונג פון דער וועלט!

די טעג האָבן פאַרבייגעצויגן, ווי רויזן־בלעטלעך, געטראָגן איפּן שטראָם פון אַ קוועלעכל, שטיל, שיין און קוים באַמערקבאַר, אַזוי זענען געווען די דאָזיקע טעג.

דער טאָל האָט זיך געוויגט, ווי אַ גאָלדענע וויג, דער וואַלד האָט גערוישט, ווי אַן אָרגל, די פייגל האָבן געזונגען, ווי זיי וואָלטן דימענטענע שנאָבלען געהאַט.

און אינגעבאָרג האָט זיך געפרייט: „וואָס אַמאָל בלויער ווערט דער הימל, וואָס אַמאָל זיסער ווערן דיינע ליפּן!״

## 10

„איך ליבּ דיך.“ ווי שיין עס איז צו קענען דאָס זאָגן, ווי שיין עס איז דאָס צו הערן—

ס׳איז אַ קליין, קליין וואָרט, אָבער יעדער מוז עס איינמאָל זאָגן און יעדער הערט עס איינמאָל. ווען דאָס האַרץ פון אַ מענטשן טוט אַ ציטער אום פרילינג, מוז ער עס זאָגן. ער קען זיין אַ טיראַן מיט בלוטיק־שוואַרצע געדאַנקען, ער קאָן זיין אַ פאָרשער, וואָס זיצט שטענדיק איבער זיינע ביכער, זיין שעה וועט שלאָגן.

ער פאַרגעסט אַלצדינג, זיין שכל ווערט פאַרטונקלט און דאָס מויל זיינס רעדט אַרויס דאָס קליינע, קליינע וואָרט. מ׳קאָן האָבּן אין קאָפּ די שענסטע, אייביקסטע געדאַנקען, מ׳קאָן זיין אַ גרויסער מענטש, וועגן וועלכן אַסך מענטשן טראַכטן טאָג־איין, טאָג־אויס, זיין שעה שלאָגט און ער געפינט קיין זאַך נישט, ווי נאָר דאָס קליינע, קליינע וואָרט.

עס איז אַלט און טיף, עס פאַרבאָרגט אין זיך דאָס גאַנצע בלוט־רויטע האַרץ פונם מענטשן, דאָס גאַנצע גליק זיינס, זיין גאַנצן יאָמער, בּייטאָג און בּיינאַכט ווערט עס אַרויסגערעדט, געשעפּטשעט און מיט די ציין אַרויסגעקריצט, און ס׳וועט אַרויס־

גערעדט ווערן כסדר, אָן אויפהער, אַזוי לאַנג ווי דאָס טרילערל וועט טרילערן אין דער לופט ———

זיי געגריסט, אינגעבאָרג! כ׳ליב דיך, מעגסט גלויבן.

כ׳גיי אַהין און צוריק, קוק אַ סך אין הימל, קוק אַ סך אין דער ווייט. כ׳שמייכל. כ׳שטיי פאַר אַ שטיין אויפן וועג און שמייכל. כ׳בין קיינמאָל נישט מיד. ניין, נישטאָ מער איצט קיין מידיקייט פאַר מיר. כ׳פראַל אויף די אויגן און פריי און ליכטיק איז אין מיין נשמה.

שטענדיק האָב איך געדאַנקען אין קאָפּ, ערלעכע געדאַנקען, רייך איז דאָס געמיט מיינס, רייך און התלהבותדיק. כ׳פיל מיך ווי אַ דיכטער, וואָס גרויסע ווערק ברויזן אין זיין האַרצן.

איבערן פאַרק־מויער שפּריצן הויכע פאַליעס געבליטן, ווייסע, רויטע און פיאָלעטע און ציטרין־געלבע, ביי מיר אין גאָרטן וואַקסן אַ סך בלומען, ווי פלאַטערנדע פייערלעך זעען זיי אויס, ברענענדע קנויטן, זונען־פלאַטן, ווי רויטע וואונדער, ווי אויגן, יאָ, אויך ווי אויגן זעען זיי אויס. דער פרילינג האָט זייענע פייערן צעצינדן אין די בערג, און בייטאָג און ביינאַכט ברענען זיי. און אין די פייערן, וואָס ברענען, וואַרפט ער הערצער פון מענטשן, סאַרנעס און פייגל, פאַרלאַנגען פון בלומען, שמעטערלינגען אוןביימער.

דער הירש שרייט אין וואַלד.

איך גיי דורך דעם פרילינגס ברענענדיקע פייערן און שמייכל.

טיילמאָל טראַכט איך וואונדערלעכע געדאַנקען! אַ רויטער שוימיקער אָוונט־וואָלקן שטייט איבער די בערג, ווי אַ לויכטנדיקער שניי־שפּיץ. וואָלט איך נישט געוואָלט שטיין אויפן שפּיץ פון דעם וואָלקן און פלאַטערן מיטן קאַפּעלוש? איך קוק מיך איין אין דער לבנה און ס׳לויפט מיר דורך אַ געדאַנק, אַז איך

וואָלט גערן געשטאַנען אויפ'ן ראַנד פון דער לבנה און באַ־טראַכט די ערד.

ערלעכע טעג און נעכט. דאָס האַרץ שפּרינגט מיר אין דער ברוסט און איך לאַך אין דער שטיל.

קיינער ווייס נישט, ניין, קיין נשמה שפּירט דאָס נישט, דערפֿאַר שמייכל איך צו זיך.

איך זיץ אין מיין צימער, ס'ווערט אָוונט. וואָלט שוין שנעלער צוגעפֿאַלן די נאַכט! וואָלט איך דאָך אַ טונקעלע דעק געקאָנט צעשפּרייטן איבער דער ערד. אַזויפֿיל אומגעדולד איז אין מיר, קיינער ווייס נישט אויף וואָס איך וואַרט.

שווייגן איז אַרום, די נאַכט קומט.

כ'צינד אָן אַ ליכט און זעץ מיך פֿאַרן פֿלאַם. כ'הער ווי דאָס האַרץ קלאַפּט מיר. איך וואַרט.

מ'שפּרייזט מסתּמא ערגעץ־וואו דאָרט ווייט אין טונקעלן וואַלד? מ'יאָגט?

כ'וואַרט. איך האָב געדולד, ליבסטע, אייל נישט צופֿיל...

עס טוט אַ פּליסטער, עפּעס העלס טרעט אַריין אין די ראַמען פון דער טיר.

אינגעבאָרג!

כ'דערגען, קני אַנידער, אויך זי קניט אַנידער, און מיר קושן זיך, ביידע אויף די קני. מיר נייגן צו באַק צו באַק, פּרעסן ברוסט צו ברוסט.

„זעץ זיך!" זאָג איך שטיל.

„יאָ!" ענטפֿערט אינגעבאָרג אויך אַזוי שטיל. עס באַגעגנט מיך איר לויכטנדיקער בליק.

כ'נעם זי אַרום מיטן אָרעם. „ביסט ביי מיר, ס'איז שפּעט ביינאַכט. איך דאַנק דיר. אינגעבאָרג!"

„מיר זענען אינגאַנצן אַליין."

„יאָ!"

„קיינער ווייס נישט, אַז מיר זענען צוזאַמען."

„קיינער!"

„אינגעבאָרג, כ'ליב דיך שטאַרק, ווייסט עס."

„יאָ, יאָ!"

אינגעבאָרג בייגט זיך אויס, ציט-צו מיין האַנט צו איר ברוסט.

„כ'האָב נישט מער אויף זיך ווי נאָר דאָס קלייד", שעפטשעט זי און שמייכלט צו מיר

„ביסט גוט, אינגעבאָרג!"

מיר שמייכלען, אונזערע אויגן האָבן נישט קיין היטלען. די ברעמען ציטערן נישט מער.

כ'שטיי אויף און פאַרלעש דאָס ליכט.

איצט איז שוין אינגאַנצן טונקל. די טונקל-בלויע נאַכט קוקט אַריין. אַ שטערן וואַנדערט פאַרביי און לייכט אונז אַריין ביז אויף דער טיפעניש פון אונזערע אויגן.

אינגעבאָרגס ציין בלאַנקען, אירע האָר צעפינקלען זיך גאָלדיק.

די פיין-גערוכן פון וואַלד און פעלד אָטעמען אַריין דורכן פענסטער און נידערן אַראָפּ אויף אונז. פון גאָרטן דערגייט דער געשמאַק פון אַ מאַנדלבוים. לייכטע גערוישן וועקן זיך, דאָ נאָענט, דאָ ווייט אויפן שפּיץ פון קאַשטאַנבוים ביים פענסטער, אין די שטעלער—אַ קלימפּערײַ, אַ קלאַפּערײַ, די נאַכט קלינגט שטיל. די רויקייט הערט זיך איין. אַלע קליינע גערוישן הערן אויף, קיינער וויל נישט זיין דער ערשטער צו שטערן די רו.

אונזערע שטימען דערנידעריקן זיך אַזש ביז צו שעפּטערײַ, נישט העכער ווי דאָס ריזלען פון אַ ברונעם.

„מײַנע באַקן זענען הײס!" זאָגט אינגעבאָרג. זי איז שטאָלץ אויף דעם.

„יאָ", ענטפֿער איך, „דײַנע באַקן זענען הײס, ליבסטע".

„קאָן איך צערטלען דײַנע בריסט?"

„זײ געהערן דיר".

„זיס איז צו צערטלען דײַנע בריסט".

„זיס איז, ווען דו טוסט דאָס".

מיר פֿלױדערן אַ לאַנגע צײַט. די קלײנע גערױשן װעקן זיך. מיר באַװעגן זיך נישט. אונדזערע הערצער קלאַפּן שטיל.

„װי שײן!" פֿליסטערט אינגעבאָרג. „ס'איז נאָך קײנמאָל נישט געװען אַזױ שײן און אַזױ ליב!"

ליב! זאָגט זי. אַ פּראַקטיק װאָרט.

אַ בלײַענער קלאַנג פֿאַלט אין דער װײַט. עס שלאָגט דער זײגער דאָרט אונטן אין דאָרף. אַזױ שטיל איז אין טאָל, אַז װײַט אין װאַלד הערט מען דעם אָפּקלאַנג פֿון זײגער.

אינגעבאָרג שוידערט.

„מיר האָבן צײַט", פֿליסטער איך.

אינגעבאָרג באַװעגט זיך.

אַ מעשה װאַכט אויף אין מײַן קאָפּ, בעת איך זאָג: מיר האָבן צײַט.

„מיר האָבן צײַט — מיר האָבן צײַט. הער, זיסע אינגע־באָרג, כ'טראַכט װעגן צװײ יונגע מענטשן, װאָס רודערן אויפֿן ים. אַ פֿירשטן־טאָכטער און אַ יונגער גאָלדשמיד. ער האָט דער פֿירשטן־טאָכטער אַ צירונג געבראַכט, האָבן זײ זיך אָנגעקוקט בײדע. הער זיך אײַן, זײ האָבן זיך ליב געקריגן און אַנטלאָפֿן איבערן ים.

אונדזער שיף איז װי אַ װיג, װאָס װיגט צװײ קינדער, שעפּ־טשעט די געליבטע. איר חבר ענטפֿערט:

ים איז אונזער חתונה־בעט, הימל — דער קלויסטער מיט טויזנטער ליכט, לכבוד אונזער חתונה צעצונדן.

יאָ, זאָגט די פירשטן־טאָכטער, און הילט זיך איין אין איר ליבסטן, גאָט טראָגט אונז אויף זיין האַנט איבערן ים!

הער, זיסע אינגעבאָרג. דער רודערער קומט צוגיין און זאָגט:

איך טרעף נישט דעם וועג. מיר האָבן לאנג געדאַרפט שוין זיין ביים ציל, אַ סך וואָכן זענען מיר שוין אונטערוועגנס.

כאַ־כאַ־כאַ — מיר האָבן צייט!

דער רודערער קומט צוגיין און זאָגט:

איך טרעף נישט דעם וועג. מיינע האָר זענען ווייס ווי שניי. דרייסיק יאָר רודערן מיר שוין. —

כאַ־כאַ־כאַ — מיר האָבן צייט!

הונדערט יאָר פאַרגייען, טויזנט יאָר פאַרגייען. כאַ־כאַ־כאַ, מיר האָבן צייט! —"

אינגעבאָרג שמייכלט.

„רעדסט אַזוי, אַז דאָס האַרץ בלייבט מיר שטיין אין דער ברוסט", זאָגט זי.

„כ'בייג מיך איבער אויף פאָרנט, אַזוי אַז אירע האָר צער־טלען מיין פנים, כ'פאַרמאַך די אויגן.

„מיר האָבן צייט!" פליסטערט אינגעבאָרג און לאַכט אין דער שטיל.

„יאָ."

„טייער איז צו זיצן אין טונקלקייט, בעת די שטערן וואָג־לען זיך פאַרביי."

„יאָ, נישט צום אויסדערציילן טייער."

## 11

וואָס האָבן זיך געטראַכט די קנעכט און די דינסטן, וואָס זענען געגאַנגען אַהין און צוריק איבערן הויז? זיי האָבן געקוקט אויף מיר און געטראַכט, אַז כ'האָב דעם זינען פאַרלוירן זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די טרעפ זענען אויסגע־שאָטן מיט בלומען, ווי ס'וואָלט אַ חתונה געווען, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אין צימער פון זייער בעל־הבית איז היינט אויסגעשפּרייט אַ טעפּיך פון קאָרן־בלומען, מאָרגן פון מאָן־בלומען, און אַן אַנדער טאָג פון בזשאָזשנע בלעטער.

דאָס הויז איז מסתמא אַ פאַרכישופט הויז! אָפט האָב איך צעעפנט די טירן פון אַלע צימערן און דורכגעגאַנגען דורך אַלע צימערן. אַהין און צוריק, און דאָס האַרץ איז מיר איבערגעלאָפן פון פרייד און פרייהייט.

די בלומען פון די טאַפּעטן האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אויפגעלעבט און געשמעקט, די בילדער פון די אַלטע בעל־הבתים מיט די קאָמישע קאַפּעלושן און פּריזורן האָבן געשמייכלט. ליזע־לאָטע, געבוירן ווייקערסבאַך, האָט געוואונקען צו מיר. כ'האָב מיך אַנידערגעשטעלט פאַר איר און געשמייכלט. יאָ, האָב איך געזאָגט, ליידער נישט געקאָנט דיר בלייבן טריי, ליזעלאָטע, אַזוי איז די ליבע!

אַ משונהדיקע לופט האָט זיך געטראָגן דורך דעם דאָזיקן פאַרפּישופטן הויז.

זי האָט אַנטהאַלטן אויסרופן, שעפּטערייען, בליקן, דעם גלאַנץ פון ציין, דאָס געוויש פון גיכע טריט. אַ סך סודות האָט פאַרבאָרגן אין זיך די לופט, אַ שטילן געלעכטער, פאַרליבטע ווערטער, ברעמען, וואָס באַוועגן זיך, אָרעמס, וואָס רינגלען אַרום אַ האַלז, דאָס רויטקייט פון ליפּן, דאָס בלאַנקען פון אַ פינגערל. דער מענטש טראַכט וועגן גאָרנישט, פּלוצלינג הערט ער זיין נאָמען, די לופט האָט אים אָנגערופן, פּלוצלינג דערזעט ער אַ מויל, וואָס פאַרלעשט אַ ליכט, דערזעט זיך אַליין, ווי ער וואָלט אין שפּיגל זיינע אייגענע ליכטיקע אויגן שטודירט. די לופט שפּיגלט דאָס אַלץ אָפּ.

דעם גאַנצן טאָג איז די זון געגאַנגען שפּאַצירן איבערן הויז, זי האָט זיך אַריינגעקריגן דורך די פענסטער, דורך די שליסל-לעכער פון די טירן. דערנאָך איז אָנגעקומען דער בין-השמשות און אַ שטיקל צייט איז אַלץ געווען שטיל און טויט. דאָך ווי נאָר די לבנה און די שטערן זענען אויפגעקומען איז ווידער לעבעדיק געוואָרן אין דעם הויז. פונקען זענען געשפּרונגען איבער טיש און בענק, עפּעס האָט גערוישט און געשאַרט זיך פון די טאַפּעטן אַראָפּ, עפּעס זילבערדיקס האָט זיך געשפּילט מיט אַ פּראַנז, און דער פראַנז האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען.

אונטן אין דאָרף האָט געשלאָגן דער זייגער. איינס, צוויי, דריי—צען. אין דאָרף אונטן האָט געשלאָגן דער זייגער. איינס, צוויי — עלף.

עפּעס אַ אָטעם האָט אַ בלאָז געטאָן דורכן הויז. עפּעס רוישט, טרעפּ קרעכצן, טריט, פלאַקער-ליכט, עפּעס שוועבט — אַיינגעבאָרג!

אַ שעפּטעריי גייט דורך מיין צימער, שעפּטעריי, פליסטעריי

און געלעכטער. אָט־אַזוי ווי אַ קליינער וואַסער־שפּרונג וואָלט געזונגען און געלאַכט. דאָס זענען מסתּמא די הערשאַפטן אין די משונהדיקע קליידער און פּריזורן אַרויסגעשטיגן פון די ראַמען און געמאַכט זיך אַ שפּאַציר דורך מיין צימער.

אין משך פון אַ סך, אַ סך נעכט איז אינגעבאָרג געקומען צו מיר. דאָס האַרץ האָט מיר געשלאָגן אין די לאַנגע שעהן פון וואַרטן. מיט אַן אויסגעשריי פון פרייד האָט זי אויפגענומען מיין האַרץ. יאָ, ווי אַזוי פלעגן מיר זיך באַגריסן? ווי מיר וואָלטן לאַנגע יאָרן געווען צעשיידט און די בענקשאַפט האָט צעגליט אונזער ליבשאַפט און געקרעפטיקט זי און פאַרטויזנט־פאַכיקט.

אַ פאַרזונקען פון די געמיינזאַמע בליקן, געשטאַמלטע ווערטער, אַ קוש אויף די שפּיצן פינגער, דאָס איז געווען אונזער באַגריסונג. גאַנץ אָפט האָבן מיר גאָרנישט גערעדט, געגעבן זיך די הענט און געשמייכלט צו זיך, אַ לאַנגע צייט.

אינגעבאָרג פלעגט פון וואַלד קומען צו מיר, אין שטילער נאַכט, כ'האָב נישט געטאָרט איר גיין אַנטקעגן, כ'האָב נישט געטאָרט זי גיין באַגלייטן.

ניין, ניין, איך בין דיין ווילדע געליבטע, וואוין אין וואַלד, קום און גיי אַוועק — פאַרשטייסט?

זי האָט נישט געזאָגט ווען זי וועט קומען. כ'האָב דאָס נישט געטאָרט וויסן. טיילמאָל פלעגט זי זאָגן: היינט קום איך נישט, אָבער ס'איז נאָך קוים האַלבע נאַכט געווען, ווי זי האָט זיך באַוויזן ביי מיר.

„כ'האָב נישט געקאָנט שלאָפן, אַקסעל!"

„דאַנק, דאַנק, זיסע אינגעבאָרג! כ'בין געזעסן דאָ און געטראַכט וועגן דיין לעצטן בליק היינט אין אָוונט. ער האָט מיין

האַרין גליענדיק געמאַכט. אינגעבאָרג, היט זיך! כ׳וועל דיך דערוואַריקן אין מיינע אָרעמס״.

„יאָ, יאָ!״ זי פאַרבייגט דעם קאָפּ אויף אונטן און פאַרמאַכט די אויגן. אירע ציין שמייכלען.

„כ׳וועל דאָס טאָן, גאַנץ ערנסט, היט זיך, אינגעבאָרג! כ׳האָב דיך ליב, ווייסט עס. קאָנסט טאָן מיט מיר, וואָס דו ווילסט, אינגעבאָרג! דאָס זענען נישט בלויז ווערטער, ניין, ערנסט, קאָנסט מיך לאָזן בלינד־מאַכן, כ׳וועל זיך נישט קלאָגן, ניין, כ׳וועל שמייכלען. קאָנסט מיך טרעטן, קאָנסט אַלץ, וואָס דו ווילסט. אָבער היט זיך, מיין ליבע איז געפערלעך! מיין האַרץ איז רויט, בלוטיק־רויט און ווילד!״

„אָ, אַקסעל, ווי גוט מוז זיין גאָט, וואָס באַשענקט אונז מיט אַזאַ גליק!״

זאָג איך: „זיי ווייסן, ער האָט ליב אַלע ליבנדיקע. זעט, זאָגט ער צו זיינע מלאכים, זיי האָבן זיך ליב! און די מלאכים זאָגן: געליבט ביסטו פאָטער פון ליבשאַפט, ביסט אַ גוטער גאָט!״

די נאַכט פאַרגייט, ס׳פאַרגייט די נאַכט.

היינט איז די נאַכט שנעלער פאַרגאַנגען ווי נעכטן, מאָרגן וועט זי שנעלער פאַרגיין ווי היינט, איבערמאָרגן שנעלער ווי מאָרגן.

מיר פלוידערן. מיר שווייגן. מיר האָרכן אויף דאָס ליד פון פויגל, וואָס זינגט פון זיין גליק אין שטילן פאַרק. די נאַכט פאַרגייט.

„הער זיך איין, וואָס עס זינגט דער פויגל, אַקסעל! הערסט אַלץ? איצט האָט ער געזונגען דיין נאָמען״ — אינגעבאָרג קוקט מיך אָן — „בלייב אַזוי״, זאָגט זי, „בלייב אַזוי — פאַרמאַך די אויגן — שמייכל עטוואָס, אַזוי! איבערערדיש זעסטו אויס! בלייב אַזוי, ריר זיך נישט!״ זי קניט אַנידער און פליסטערט:

„בלייב אַזוי, כ׳וויל קוקן אויף דיר״ — זי גלעט מיטן פינגער איבער מיין האַנט, גאָר לייכט.

„כ׳ליב דיין האַנט, אַקסעל, כ׳ליב יעדער הערעלע פון דיין האַנט, יעדן באָגל, בלייב אַזוי, בלייב אַזוי — כ׳וויל צערטלען דיין האַנט —.״

איך זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן. מיין האַנט ווערט לייכט געהויבן אין דער הייך, איינגעבאָרגס ליפּן באַרירן זי — אַ שווי־דער לויפט מיר דורך. אַ דערשטיקטער געשריי פון תענוג בלייבט מיר אין דער קעל —

די נאַכט פאַרגייט, פון נעפּל שיילט זיך אויס דער פרי־מאָרגן. אַ העל קלייד ווערט פאַרשוואונדן אין נעפּל פון פרי־מאָרגן. כ׳נעם דאָס געווער און וואַנדער אַרום איבערן וואַלד. טיף אין וואַלד פאַלן צוויי שאָסן.

וואָס האָט דער הער דערשאָסן?

גאָרנישט, גאָרנישט.

איך טרעף נישט, שלעכטע אויגן, און צו־דעם ציטער איך נאָך אויך אַביסל, די קליינע פּיקע שטערט. — — —

גאַנץ צופעליק האָב איך שפּאַצירנדיק מיטן געווער באַגעגנט דעם גראַף פליוגען אין וואַלד. ווי אַ קאַרליק איז ער גע־באַנגען און געמאַכט מיט די לאַנגע אָרעמס. ער איז געגאַנגען אַזוי, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אויף דר׳ערד.

„הערט זיך נאָר איין, וואָס פאַר א משוגהדיק באַשעפעניש זי איז, די איינגעבאָרג!״ זאָגט צו מיר גראַף פליוגען און זיינע אייגעלעך פינקלען. „טאָג און נאַכט לויפט זי אַרום איבערן וואַלד. יאָ, כי־כי, ביינאַכט אויכעט.

יעדן זומער איז דאָס אייגענע, אָבער היינט לויפט זי ווי משוגע. זי שלאָפט אין וואַלד, דאָס מיידל שלאָפט אין וואַלד״.

כ׳האָב געלאַכט.

גראַף פּליוגען האָט אויך געלאַכט. ער האָט זיך אַזש פאַר־הוסט, אַזוי האָט ער געלאַכט.

„אָבער — אָבער נאַטירלעך" — און האָט אָנגעשלאָגן מיט די הענט אָן די לענדן — „זי איז דאָך אין וואַלד געבוירן געוואָרן". —

„אין וואַלד האָב איך זי געפונען. אַזוי ווי אין מעשהלע איז זי געזעסן, בלאָנד־האָריק, מיט אַ צעפּל ווי אַ ווײַדעלע, און געזונגען, געזונגען, אַז מײַלן־ווײַט האָט מען געהערט. ווי הייסטו? איך הייס אינגעבאָרג גיזלהער. ווער איז דײַן טאַטע? ער האָט אויך בײַמער פאַר די שיפן און מײַן מאַמע איז פון דענעמאַרק. זי האָט גערעדט אַזוי קלוג און אויפגעהייטערט, אַז דאָס האַרץ איז מיר פאַרגאַנגען פאַר פרייד. אפשר ביסטו דאָס דער וואַלד־גאָט, האָט זי געזאָגט. יאָ. אויב אַזוי קען איך דיך. מיט דרײַ טעג צוריק האָב איך דיך געזען מיט אַ צווײַג אַרום קאָפּ און מיט אַ גרויסן שטעקן אין דער האַנט. — כי־כי־כי — — דו זינגסט, אינגעבאָרג? יאָ, איך וועל ווערן אַ זינגערין, די מאַמע האָט אַזוי געזאָגט.

דערנאָך האָט זי מיר געוויזן אַן אויסגעהוילטן בוים, אין וועלכן צוויי טויזנט קאַרליקעס האָבן טאַקע געגעסן מיטאָג. זײַן טאָכטער איז קראַנק, האָט זי געזאָגט. וועמענס טאָכטער? נו, דעם קעניג וואַפּס. *) זי ליגט דאָ. וואו? נו, אין דעם שפּינוועבס. זי הוסט...— נו, און וואָס איז פאַר אונז געוואָרן אינגעבאָרג, פאַר מײַן ווײַב און פאַר מיר? כי־כי — אַ פרייד אויף אונזערע אַלטע טעג, אַ טרייסט, אַ פאַרגעניגן — —". ער האָט זיך צעקיכערט, אַ נויג געטאָן מיטן קאָפּ, טרערן זענען געלאָפן איבער זײַנע באַקן.

און דער אַלטער האָט אַלץ גערעדט וועגן אינגעבאָרג. ער

*) אַ וואַלד־גײַסט — ד. א.

איז געוואָרן אַביסל פּלוידערדיק אין די לעצטע יאָרן, אָבער כ'האָב זיך איינגעהערט, וואָס אַרט עס מיך.

„יאָ, יאָ, שלאָפט אין וואַלד, כמעט יעדע נאַכט. נו, זאָל זי זיך פרייען, אונזער אינגעבאָרג".

דאָ האָט מיך דער טייוול אַ שטויס געטאָן און כ'האָב געזאָגט:

„אפשר האָט זי אַ געליבטן, צו וועלכן זי קומט? וואָס?"

גראַף פליוגען האָט אַ פייף געטאָן דורך די ציין און אַ פינקל געטאָן.

„וואָס פאַלט אייך איין! ניין, ניין, אַ פאַלשער געדאַנק — ער איז אמת זייער אַ באַגאַבטער און אַ שיינער, אָבער עס פעלט אים עפּעס — יאָ, ער איז נישט קיין מאַנספאַרשוין — ער איז אַ ליידנדער, זייער אַ קראַנקער, מיין איך. גיט נאָר אַ טראַכט, שוין צו צוועלף יאָר האָט מען אים געשלעפּט פון שטאָט צו שטאָט. ניין, ניין, וואָס פאַלט אייך איין!"

גראַף פליוגען האָט געלאַכט.

איך האָב אויך געלאַכט.

„קומט דאָך אַמאָל אַריין צו מיר! איר האָט נישט קיין צייט? איך מיין, אויך אונזער אינגעבאָרג וועט זיך פרייען. נישט לאַנג האָט זי געפרעגט, פאַרוואָס זעט מען דעם פרעמדן אַקסעל אַזוי זעלטן?"

איך וועל מסתמא אינגיכן אַריבערקומען.

„אַ סך גריסן פאַר פרײַלן אינגעבאָרג".

„אַ דאַנק, אַ דאַנק. ס'וועט איר פאַרשאַפן פאַרגעניגן, געוויס. איינמאָל האָט זי מיר דערציילט עפּעס וועגן אייערע אויגן, כ'קאָן עס אייך נישט זאָגן, יונגער פריינט — כי-כי —

פויער האָט זי זיך אייך פאַרגעשטעלט ווי אַ בלוי-האָריקן ריטער, און אַזוי ווי אין מעשהלע — דערנאָך האָט זי אייך קענען גע-לערנט, פאָריקן הערבסט. פּאַפּאַ, האָט זי געזאָגט, נו, און דעמאָלט האָט זי מיר דאָס טאַקע דערציילט וועגן אייערע אויגן. — אַדיע, יונגער פריינט".

## 12

רויטע טעג! בלויע נעכט! שיין איז דאָס לעבן! די טעג זענען באַרוישונג, די נעכט — אַ לעגענדע. די טעג זענען זינגען און לאַכן, די נעכט זענען קושן, וואָס טרינקען אַרויס טרערן פון גליק פון אונטער די ציטערנדיקע אויגן־הייטלעך. די טעג זענען אַ גרויסע, רויטע זון, די נעכט — אַ בלוי ליכטל לבנה־שיין אין אַ אויג, וואָס זיין טיפקייט האָט קיין באָדן נישט.

איינמאָל אַ זונטאג איז געקומען צו מיר אַ מענטש, וואָס איז איינגאַנצן געווען פון האָר, זשיוויצע און האָניק. איך בין געשטאַנען ביים פענסטער און געזען אים אָנקומען מיטן באַרגוועג. אַ דיקער שטעקן איז געגאַנגען לעבן דעם מענטש. דער שטעקן האָט געמאַכט נאָך גרעסערע שריט, ווי דער מענטש, און איז אים שטענדיק פאָרויסגעלאָפן. דער מענטש איז שטיין געבליבן און אַריינגעשטעקט דעם שטעקן אין דר'ערד.

„דער בעל־הבית איז אין דער היים?” האָט ער אויסגערופן דורך דער לאָנקע.

יאָ, דער בעל־הבית איז אין דער היים.

גלייך האָט דער מענטש ווייטער גענומען שפּרייזן, ריכטנדיק זיך צו דער טיר; דער מאַן מיטן שטעקן זענען פאַרשוואונדן אין הויז.

מ׳קלאַפּט אויפן קול און אַ באַבערדיקטער ברוינער קאָפּ מיט לויכטנדיקע וואַסער־בלויע אויגן האָט זיך באַוויזן אין דער טיר.

„גוטמאָרגן" — האָט ער געזאָגט און אַרייַנגעצאַנגען מיטן שטעקן אין האַנט.

ער איז אַ האָלצהעקער, קומט פון וואַלד און הייסט גאָט־געטריי גיזלהער.

„זייט געגריסט!" האָב איך געזאָגט און אויסגעצויגן די האַנט צום גאַסט.

„נאָר נישט געאיילט זיך, הער!" האָט געזאָגט דער מענטש וואָס איז געקומען פון וואַלד. ער האָט זיך צוגערוקט אַ שטול נענטער צום טיר, באַקוועם אַנידערגעזעצט זיך, דעם קאַפּעלוש געלייגט זיך אויפן שויס און דעם גראָבן שטעקן איבער די קני. אַרומגעקוקט זיך איבער מיין צימער, אַן אמתער מוזעום פון צו־געקליבענע זאַכן, און זיך גרינגשעצנדיק צעשמייכלט.

אַ קאָפּ האָט ער געהאַט ווי אַן אַפּאָסטאָל, דאָס פּנים זיינס איז כמעט פאַרשוואונדן אין דער אַרומראַמונג פון פאַרזשאַווערטע, צעפּליטערטע האָר פון קאָפּ און באָרד. די ברעמען, אויף פּעדערן ענלעך, זענען אַראָפּגעהאָנגען אין דער העלפט איבער זיינע וואַ־סער־בלויע האַרציק־טרייע אויגן. דער מענטש האָט געהאַט גרוי־סע הענט, אַזוי ווי העק, צעראַצט און צעשפּאָלטן, די נעגל אָפּ־געשאָבן און ברוין.

„יאָ, איך קום פון וואַלד", האָט געזאָגט דער באַבערדיק־טער און געקוקט אויף מיר. „אַ ווייטער וועג אַהערצו, אַ ווייטער וועג: אָבער ס׳איז גוט צו גיין דורך גאָטס וועלט, שטענדיק גוט, נישט אמת?"

ס׳איז גוט צו גיין דורך גאָטס וועלט, דאָס האָט ער רעכט.

דער מענטש האָט אַרויסגענומען אַ גרויסע בלויע שנופּטוך פון קעשענע און מיט געריויש זיך אויסגעשנייצט די נאָז.

„די תבואה שטייט שיין, די קאַרטאָפל זעען אויס גוט. נאָך אַביסל רעגן און דער אייבערשטער איבער מענטש און פי וועט שוין מאַכן עס זאָל גוט זיין".

ער האָט צונויפגעוויקלט די שנופּטוך, געוויגט דעם קאָפּ אַהין און אַהער און געשמייכלט.

ער איז אַלזאָ אינגעבאָרגס פאָטער. אינגעבאָרג קען איך דאָך, ווי?

„זיכער, זיכער!"

„הם. דער הער גראַף איז אַ פיינער מאַן מיט אַ האַרץ, וואָס איז געפעלן צו גאָט. ער האָט אינגעבאָרג גענומען צו זיך און זי אויפגעצויגן אויף אַ גרויסע דאַמע — דאָס איז אַלץ זייער שיין און רעכט. זי האָט אַ קלאָרן קאָפּ, אינגעבאָרג, דאָס האָט דער הער גראַף שוין אין דער ערשטער שנה געקאָנט באַמערקן. ווער איז דיין פאָטער? האָט זי דער הער גראַף געפרעגט. ער האַקט אויס ביימער פאַר די שיפן און מיין מוטער איז פון דע־נעמאַרק, האָט זי אים געענטפערט. זי איז אים געפעלן, באַזונ־דערס איז איר שטים אים זייער געפעלן — אַלץ גאַנץ שיין און רעכט, אַ סך מיילער פרעסן פון מיין שיסל. אַ מענטש מוז אויך עפּעס וויסן אין אונזער צייט. איך וואָלד האָבן מיר דאָס נישט. אַלץ גאַנץ שיין און רעכט. גישט גערן האָב איך זי געלאָזט אַהער, אָבער פאַר איר איז דאָס געווען אַ סך בעסער און אייגנ־נוץ איז קיין נוץ נישט. נו, כ'האָב מיך אויך געקאָנט זען מיט איר אָפּט, נאָכפרעגן זיך, וואָס הערט זיך מכח די פאָרעמבעס ביים סטאַוו, מכח די שפענער, האָלץ־אַראָפּפירן, — יאָ, ס'איז שטענדיק געווען אַ סיבה אויף צו קומען אין שלאָס אַריין, יאָ, יאָ, זייער גוט".

„אַלץ איז זייער שיין און גוט", זאָגט גאָטגעטריי גיזלהער און וויגט דעם קאָפּ אויף די ברייטע אַקסלען אַהין און צוריק.

„אַלץ איז זייער שיין און גוט, יאָ, יאָ". גאָטגעטריי גיזל־הער האָט אַ הוסט געטאָן, גענומען דעם גראָבן שטעקן אין האַנט און לייכט באַוועגט מיט אים.

ער האָט מיך אָנגעקוקט און געמורמלט עפּעס אין דער באָרד אַריין, דערנאָך האָט ער אַ בלאָז געטאָן מיט די ליפּן, אַז די וואָנסן האָבן זיך צעפּלאַטערט.

„אַלץ איז זייער שיין און גוט, אָבער אָפּטמאָל טראַכט איך, אַז פּאַר איינגעבאָרג וואָלט אפשר בעסער געווען, ווען זי וואָלט זיך נישט געוועסט אַריינגעקריגן אין שלאָס אַריין. ליבערשט זאָל מען בלייבן אָרעם, אָבער אמת אין האַרצן, איידער ווערן אַ גרויסע דאַמע — נו, נו, הם, פאַרשטאַנען?"

„צום וואַלד, ליבער פּריינט, האָט קיין צוטריט נישט די זינד. הערט זיך איין, אין וואַלד — האַ — דאָ־דאָ, וואָס איז אין וואַלד? וואָס איז אין וואַלד נישט, זאָג איך. שטילקייט, טונקל, גרין און דער פּיקהאָלץ פּיקעט. אַזוי! איך זיץ פּאַר מיין הייזל און ס'ווערט אָוונט. נישט פאַראַן קיין אָוונט אין די שטעט און אין די שלעסער, נאָר אין וואַלד. דאָ איז ער. קאָנסט אים אָנטאַפּן, ער זיצט לעבן דיר אויף דער באַנק! עס רוישט אין וואַלד, עס שמעקט אין וואַלד, זשיוויצע טריפט פון די ביי־מער. מיין פריינט, ווי ער רוישט דער וואַלד! איך הער דאָס. פופציק יאָר לעב איך שוין אין וואַלד און איצטער הער איך ערשט ווי ער רוישט. אַרום און אַרום רוישט. דער וואַלד רעדט! ווערטער גייען מיר דורכן קאָפּ, ווערטער, אָט אַזוי ווי זיי שטייען אין די ביכער. כ'זיץ אויף דער באַנק און קלאַפּ־צו מיט דער ליולקע צום טאַקט. כ'קלאַפּ־צו מיט דער ליולקע צום טאַקט, כ'וויל אַרויסרעדן די ווערטער — און שוין נישטאָ. כאַ־

כאַ-כאַ! כ׳בין נישט געגאַנגען מער ווי אין דער דאָרפישער שול, נאָר אין דער דאָרפישער שול — מיין הער, וואו איז דער יום-טוב אַזוי שיין ווי אין וואַלד? כ׳האָב אויף זיך אַ פריש העמד און מיינע בעסטע מלבושים, כ׳זיץ פאַר דער שטוב און האָרך-אויף דאָס רוישן פון די ביימער. אַך! איר הערט? קוים וואָס ס׳רוישט. די ביימער-קרוינען פאַרנייגן זיך. — דאָס איז גאָט!! גאָט גייט דורכן וואַלד, און איך הער דאָס, איך שטיי אויף, נעם אַראָפּ דעם הוט און זאָג — גאָט?! — איך הער אים, הער זיינע ווערטער, שטרעק אויס די האַנט און רעד צו די ביימער — צו — — — איך רעד צו זיי — ״

דער מאַן פון וואַלד איז געזעסן שטייף, מיט אַן אויסגע-שטרעקטער האַנט און שטראַלנדיקע אויגן, ווי ער וואָלט גערעדט צו די ביימער.

„יהי אור!״ זאָג איך. ליכט! פאַרשטייסטו, הימלישער זון, וואָס דאָס איז? ליכט! ליכטיק זאָל ווערן. כ׳הער שטי-מען, גאַנץ דייטלעך, כ׳האָרך אויף. איך הער זיי גאַנץ דייט-לעך. — — האָרך-אויף — — און שוין נישטאָ. דאָס איז דער וואַלד״.

און גאָטגעטריי גיזלהער האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגן וואַלד, ער האָט דערציילט, אַז זונטאָג קומען ארויס צו אים אַלטע מענער און פרויען און ער פאַרטייטשט זיי פון דער הייליקער ש״יפט. פונוואַנעט האָט ער אָבער די גאָב צו פאַרטייטשן די הייליקע שריפט? פון גאָט און פון וואַלד! שפּעטער האָט ער זיך צורעכט געמאַכט אויפן שטול און געזאָגט: „איך בין גע-שיקט פון גאָט כדי דיר דאָס צו זאָגן. נאָך צייט תשובה צו טאָן. ביי די ביכער און נאַקעטע פרויען אויף די ווענט איז זינד, אין וואַלד איז גאָט. צווישן דיר און מיר איז אַן אָפּגרונט, מיין פריינט!״

זיינע אויגן האָבן געפינקלט, מיטן שטעקן האָט ער אָנגע־צייכנט אַ ליניע אויף דער פּאָדלאָגע. „דאָ — אָרעם, דאָ — רייך, דאָ — גאָט, דאָ — דער טייוול. יאָ—יאָ!" ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זיינע האָר האָבן אַ פלאַטער געטאָן, און מיט אַן אויפגערעגטן טאָן האָט ער ווייטער גערעדט: די רייכע לייט זענען פאַרן גהינם. רייכקייט און נישט־פרומקייט איז איינס. מיין טאָכטער איז געוואָרן רייך, אָבער נישט אויף דעם האָב איך זי אַוועקגעלאָזן פון זיך און פון דער מוטער, אַז זי זאָל אויך ווערן נישט־פרום! זי האָט אָרעמע עלטערן, וואָס וואוינען אין וואַלד, קאָן זי נישט ווערן נישט־פרום, ניין!"

דאָ האָב איך גענומען דאָס וואָרט. זי איז דאָך גאָר אַזוי נישט געוואָרן?

„ניין!?" גאָטגעטריי גיזלהער האָט זיך מיט חוזק צעלאַכט.

„ניין, דו בעל־עבירהניק? — — יאָ, גאָט האָט זיינע וואַכן אומעטום צעשטעלט. כ'האָב באַקומען אַ בריוו פון אַן אומ־באַקאַנטן — "

„פאַרשטייט זיך", האָב איך געזאָגט, „אינגעבאָרג איז ניין כּלה".

„כאַ־כאַ־כאַ! מיין פריינט, אויך מאַרען איז געווען מיין כּלה! כּלה, וואָס רעדסטו, כאַ־כאַ־כאַ! פריינט! איך זאָג דיר, מאַרען איז געווען יונג און שיין, פון דעם וויטן דאַניען־לאַנד, האָט גערעדט אַזוי משונהדיק, געזונגען ווי אַ פויגל. אָפט איז געקומען צו מיר דער טייוול און געוואָלט מיך פאַרפירן. קיינער וועט נישט זען, האָט ער געזאָגט, זע ווי אַנדערע טוען דאָס! אָבער — האַ, אַכט יאָר האָבן מיר געוואַרט! — אַ כּלה, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש!"

פּאָטער גיזלהער האָט זיך צעלאַכט, גערוקט זיך אויפן

שטול אַהין און צוריק און ביידע הענט אָנגעשפּאַרט אָן גראָבן שטעקן.

יאָ, צוליב דעם טאַקע איז ער געקומען, גאָט פּרייט זיך מיט יעדער צוריקגעפונען שעפּסעלע. ער וויל וויסן — ער וויל וויסן —

כ׳האָב געשמייכלט. „כ׳מיין, אַז מיר וועלן זיך קאָנען פאַרשטענדיקן״, האָב איך געזאָגט.

כ׳האָב אים באַרויקט וויפל כ׳האָב געקאָנט. כ׳וועל רעדן מיט איינגעבאָרג.

אַלץ, וואָס ער פאַרלאַנגט, וועט געשען.

פּאָטער גיזלהער האָט אַ נויג געטאָן מיטן קאָפּ.

„כ׳זע, אַז מיט דיר לאָזט זיך רעדן, מיין זון, גוט!״ ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן אין ווינקל.

„אַ שיינער טאָג!״ ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט. „טייערע זאַכן פאַראַן דאָ אין דעם צימער!״

איצט קאָן ער מיר שוין, דאַכט זיך, דערלאַנגען די האַנט?

„איצט שוין!״ פּאָטער גיזלהער דריקט מיר די האַנט.

מיר האָבן צוזאַמען דורכגעלעבט אַ שיינעם נאָכמיטאָג און אָן אָוונט, פּאָטער גיזלהער און איך. פּאָטער גיזלהער האָט נישט געוואָלט בלייבן, אָבער ס׳איז מיר געלונגען אים צוצורעדן. אַזוי איז ער פאַרבליבן ביזן אָוונט, און דערנאָך ביז האַלבע נאַכט.

כ׳האָב אים ליב געקריגן. אַפילו ווען ער וואָלט נישט געווען איינגעבאָרגס פּאָטער, וואָלט איך אויכעט ליב געקריגן אָט דעם דעמב פון וואַלד, און ער איז נאָך געווען דערצו איינגעבאָרגס פּאָטער. און איינגעבאָרגס פּאָטער וואָלט איך ביי אַלע אומשטענדן ליב געהאַט, וואָלט ער געמעגט אַפילו זיין אַ צוועלעפּפאַכיקער מערדער, אַפילו אַ קעשענע־גנב.

מיר האָבן געפּלוידערט, געגעסן און געטרונקען. פּאָטער

גיזלהער האָט תחילת אָפּגערוקט יעדן ווײַן מיט אַ האַרבער באַוועגונג פֿון דער האַנט, אָבער ווען כ'האָב אים געזאָגט, אַז אַפֿילו יעזוס קריסטוס האָט גאָרנישט געהאַט געגן ווײַן־טרינקען — ווײַל צי האָט ער דען נישט אויף דער חתונה אין קנה פּשוט וואַסער אין בעסטן ווײַן פֿאַרוואַנדלט? — האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדן. ער האָט געטרונקען דעם שטאַרקסטן ווײַן ווי וואַסער, און איך האָב געהאַט דערפֿון נחת.

ער האָט גערעדט, גערעדט וועגן אינגעבאָרג און ווי שטאַרק ער האָט זי ליב, מיט פֿײַכטע אויגן האָט ער גערעדט. ער האָט גערעדט וועגן דער וועלט און ווי שלעכט זי איז געוואָרן, פֿול מיט פֿאַראַכטונג האָט ער אַ שפּײַ געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע.

„נו, איך מוז דיר זאָגן, כ'לייען אַ בלאַט, עס הייסט „דער ווײַנשטאָק און די ווײַנטרויבן", דער גלח פֿון הײליגענבערון שיקט עס מיר אַלע מאָל צו, שטייט דאָרטן געשריבן ווי שלעכט און גאָטלאָז די וועלט איז געוואָרן. אַי־אַי־אַי! — אַי־אַי! איז דאָס מעגלעך? אַן אומגלויבלעך־משוגענער מענטש האָט פֿאַרזיכערט, אַז גאָט איז געשטאָרבן! גאָט איז געשטאָרבן — וואָס הייסט — אָבער דער שוטה לעבט נאָך! ער האָט אַליין געזען ווי גאָט איז געשטאָרבן, ער האָט אים די אויגן צוגעדריקט, פֿאַרשטייט זיך! כאַ־כאַ־כאַ! און דערבײַ איז דאָך שוין אין דער ביבל געשריבן: אײביק איז אדוני צבאות! יאָ, יאָ!—"

אַ שטייגער איז ווידער אויפֿגעשטאַנען אָט אַזאַ פֿאַלשער איבערגעשפּיצטער תּלמיד־חכם פֿון די פּרושים און האָט פֿאַרזיכערט, אַז יענער נס אויף דער חתונה אין קנה איז אויסגעטראַכט. כאַ־כאַ! אָבער אַ מענטש, וואָס קאָן מחיה־מתים זײַן, קאָן דאָך אויך וואַסער אין ווײַן פֿאַרוואַנדלען? יעדעס קינד וועט דאָס פֿאַרשטיין!

ווי קלוג זיי זענען דאָך די פּרושים. „אָבער גאָט איז אַלמעכטיק, ער קאָן מיין שטעקן פאַרבייטן אין אַ הון, אונז ביידע אין גערשטן-קערנער פאַרוואַנדלען, און די הון וועט אויפפרעסן די גערשטן-קערנער. קיינער וועט נישט גלויבן, אַז דער שטעקן האָט אונז אויפגעפרעסן, און דאָך איז עס אַזוי. יאָ, ביי אים איז קיין זאַך נישט אוממעגלעך!"

פּאָטער גיזלהער האָט גערעדט און גערעדט, געגעסן און געטרונקען. אַלץ כסדר האָט ער דערציילט וועגן וואַלד, און אַז ווערטער קלינגען אים אין קאָפּ, אַזוי אַז ער קאָן זיי כמעט אָנכאַפּן און איינהאַלטן. שטופּנווייז האָט ער אָנגערופן אַ רייע נעמען, וואָס זענען מיר, פאַרשטייט זיך, געווען פרעמד, געפרעגט זיך דאָס און יענץ, ער האָט מיך אויך געפרעגט צי איך מיין, אַז פעטער פון דער מיל האָט געגנבעט דאָס מעל, אָדער נישט.

ניין, איך גלויב נישט.

אויך פּאָטער גיזלהער גלויבט נישט. ניין, קיינמאָל נישט, אויף קיין פאַל נישט, האָט ער דאָך געקענט פעטערס פאָטער, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן פון אַ בוים אין יענער שטורעמנאַכט פון 3 נאָוועמבער 1867. צי איך האָב אַמאָל איבערגעלעבט ווען עס איז אַזאַ שטורעם?

„כאַ-כאַ! ס'אַראַ שטורעם! אַי-אַי!"

פּאָטער גיזלהער האָט נאָכגעמאַכט דאָס ברילן פון שטורעם, דאָס קראַכן פון די ביימער, דאָס פּייפן פון די צווייגן, דאָס וואַקלען-זיך פון די סאָסנעס. די צווייגן פון די ביימער האָט ער פאָרגעשטעלט מיט די פינגער, וועלכע ער האָט באַוועגט, דערביי האָט ער איבערגעקערטע עטלעכע גלעזלעך.

„אָבער דאָס אינטערעסאַנטסטע איז, אַז דער דאָזיקער פעטער האָט דאָס מעל דאָך געגנבעט, אַ פאַקט! ער האָט עס אַליין מודה געווען, צוויי חדשים זיצן האָט ער געקריגן!"

פלוצלינג האָט פּאָטער גיזלהער אויפגעהויבן דעם פינגער אין דער הויך. דער וואַלד האָט גערוישט.

אַ שמייכל האָט באַלויכטן זיין בערדיק־ברוין פּנים, ער האָט גאַוועגט מיט די ליפּן און צוגעקלאַפּט מיט דער פּייקע צום זאַקט אויפן טיש.

„יאָ, יאָ, אַ סך וואונדער לעבן אין וואַלד", האָט ער גע־רעדט צו זיך אַליין. „קיינער ווייס נישט, פאַרוואָס דער דעמב מוז זיין קנאָכיק און די סאָסנע שלאַנק, פאַרוואָס דאָס רויט־העלזעלע האָט אַ רויט העלדזל, קיינער ווייס דאָס נישט. פאַרוואָס זענען די מענטשן אין וואַלד גאָטספאָרכטיק און די אין שטאָט — גאָטלאָז? אַן ענטפער? כאַ־כאַ!"

אַרום האַלבע נאַכט איז פּאָטער גיזלהער אויפגעשטאַנען. כ'האָב אים אָנגעבאָטן דעם וואָגן, אַליין געוואָלט אים אָפּפירן אַהיים.

ניין, ניין!

„אַז גאָט האָט מיר געגעבן פיס, צו־וואָס זאָל איך פאָרן? דאָס איז געגן דעם שכל. — אַלזאָ, ווי מיר האָבן אָפּגעשמועסט: פאַר גאָט און פאַרן געזעץ".

„כ'וועל איבעררעדן מיט אינגעבאָרג".

פּאָטער גיזלהער איז מיט גרויסע טריט אַראָפּגעגאַנגען דעם באַרג און אַזוי באַוועגט מיטן שטעקן, אַז פונקען זענען געפלויגן פון די שטיינער. דערנאָך האָט ער מיט אַ הויכער שטים גענו־מען זינגען א כאָראַל. דער וואַלד האָט אָפּגעהילכט. — — —

אויפן אַנדערן טאָג האָב איך געטראָפן אינגעבאָרג אין וואַלד און גערעדט מיט איר. ס'האַרץ האָט מיר געציטערט, זי זאָל כאָטש וועלן זאָגן יאָ!

אינגעבאָרג האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געקוקט אויפן וועג.

וועגן דעם האָט זי נישט געטראַכט, גיין.

זי האָט אַ ציטער געטאָן. „יאָ, אָבער ווער האָט דאָס אים געשריבן דעם בריוו?"

אונזערע בליקן האָבן זיך צונויפגעטראָפן.

אינגעבאָרג איז בלאַס געוואָרן. „אָ", האָט זי אויסגערופן און באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט, „וואָס פאַרע אומפאַרשעמטע מענטשן ס'זענען דאָ, פוי, פוי!"

„דאָס אומגליק זיינס האָט אים צעמישט די געדאַנקען", האָב איך געזאָגט. „ער וואָלט געוויס נישט פעיק געווען אויף אַזאַ אומווירדיקייט. באַטראַכט נאָר, ווי טיף דו האָסט אים געטראָפן".

„ווי שלעכט, ווי שלעכט!"

„פאַרצווייפלונג נעמט־אָפּ דעם זינען, אינגעבאָרג. שלעכט איז ער ערשט געוואָרן".

אינגעבאָרג האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און אירע אויגן האָבן געשטראַלט.

„דו, דו, דו ביסט גוט, אַקסעל! ער איז דיין ריוואַל און דאָך פאַרטיידיקסטו אים. ביסט גערעכט. — יאָ, אַקסעל, מיין נישט, אַז כ'האָב דיך נישט ליב, ווייל כ'זאָג נישט גלייך יאָ. כ'האָב געוואָלט זיין דיין געליבטע, דיין ווילדע געליבטע, וואָס קומט פון וואַלד צו גיין. אַזוי שיין איז עס געווען.—"

„קאָנסט דאָך בלייבן אַזאַ".

„זאָלסט מיך שטענדיק באַטראַכטן אַלס דיינע אַ געליבטע, אַקסעל. נישט אַלס אַן אַנדערע".

„יאָ, אינגעבאָרג".

## 13

זומער! אונזער זומער!

מיר וואוינען הויך אויבן איבערן טאָל, ווי פייגל אין זייער נעסט. מיר פילן זיך שטאָלץ און פריי. עפּעס פון דעם שטאָלץ און קעניגלעכן פילן-זיך פון אָדלערס איז אַריינגעדרונגען אין אונז. טיף אונטן דער קליינער טאָל, בערג און בערג, וועלדער און וועלדער, אַזוי ווייט ווי עס גרייכט דאָס אויג. אויף ווי-ווייט גרייכט אונזער בליק, אַזש ביז די ווייטע העל-בלויע בערג-שנורן, וואָס טראָגן אויף זיך דעם ברייטן הימל.

דאָס אַלץ, וואָס מיר זעען, איז געוואָרן פאַר אונז איין פּנים, אין וועלכן מיר לייענען; דאָס פּנים קאָן שמייכלען, אָנ-בלאָזן זיך, ס'קאָן אויסזען הילפלאָז, ס'קאָן ציטערן פאַר צאָרן און איינגעהאַלטענעם כעס, טויט-טרויעריק קאָן עס זיין, גלייכגילטיק. איבער דעם פּנים קאָן זיך דורכשניידן אַ ציטער פון גערירטקייט, ווען די פייערדיקע שליחים פון דער זון שוועבן אין פרימאָרגן איבערן הימל, דאָס פּנים קאָן פול מיט בענקשאַפט נאָכקוקן דער זון, וואָס געזעגנט זיך, פאַרצווייפלט-ווערן, ווען די זון איז פאַר-גאַנגען, אָפּשטאַרבן.

די לבנה קומט אויף און קיצלט דאָס פּנים, שמייכלט עס און קיכערט.

ווי פֿלעגט די לבנה דעם זומער אָפּערשווימען פֿון אונטער די וואָלקנס! אַזוי פֿריי און אַזוי שטאָלץ און אַזוי מלכותדיק שטיל. טיילמאָל האָט זי אויסגעזען צו זיין פֿאַרחדושט, טיילמאָל שמייכלענדיק, ווי אַ הולטאַי, טיילמאָל גלאַנצנדיק, ווי זי וואָלט געקומען פֿון באָד. ס'איז איר גוט געגאַנגען. זי האָט געבלענדט, ווי אַ שפּיגל פֿון זילבער, אויף וועלכן עס פֿאַלן די שטראַלן פֿון דער זון. אַלע שטערן זענען געווען אויפֿן אָרט און געפֿינקלט, זי האָט געשמייכלט מיט ישוב־הדעת.

דאָס טריילערל האָט געזונגען און געטריילערט' אין אָט־די ווייסע נעכט.

די זון האָט געגאָסן מיט ברענענדיקן ווייַן אויף דער ערד, יעדן טאָג. ס'האָט גערעגנט מיט זון; אין ליכטיקע, פֿאַרעדיקע קוואַלן איז זי מיט די אַלע וועגן און סטעזשקעס געפֿלאָסן צו זאַראָפּ צום טאָל. אַ פֿאַרע פֿון זון איז געלעגן איבער די וועלדער, אַ רויטע פֿאַרע, אין וועלכער ליטער קליינע זונען האָבן געציטערט. האָט מען געוואָלט דורכקוקן דורך דעם דאָזיקן זוניקן נעפּל, האָט מען געמוזט שאַרף אָנשטרענגען דעם בליק און דאָס ליכט פֿאַרשטעלן מיט דער האַנט. דעמאָלט האָט מען טיף אונטער די דרימלענדיקע וועלדער געקאָנט דערזען עפּעס בליצנדיקס, אַ שלאַנג פֿון קוועקזילבער, דעם טייך. עפּעס האָט געבליצט, געצאַפּלט זיך, באַוועגט זיך,— די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אויף די פֿעלדער.

ס'האָט גערוישט און געברומט אַרום. „הערך!" האָט אינגעבאָרג געזאָגט. יאָ, כ'האָב געהערט, ס'האָט געקלונגען, ווי ערגעץ זייער ווייט וואָלט אַ דרעשמאַשין געיאָגט. דאָס איז געווען דער זומער.

דער פֿרילינג קלינגט, דער זומער רוישט, דער הערבסט קלאָגט און מורמלט, דער ווינטער שווייגט.

די וועלדער זענען געשלאָפן, האָבן געשמייכלט אין הייס שלאָף, חלומות פריילעכע געחלומט; די ערד איז געווען הייס, ווי מ'וואָלט געבאַקן אויף איר ברויט. זענען מיר אַמאָל אַרויסגע-גאַנגען פלוצלינג אויף אַ ליכטיק אָרט, אַזוי איז דאָס ליכט גע-בליבן שטיין פאַר אונז ווי אַ מויער — מיר האָבן געמוזט צוריק-טרעטן. די לופט האָט געציטערט און פאַרביקע פייערלעך האָבן אַרומגעטאַנצט איבער די גראָזן.

די יאַגדעס זענען רויט געוואָרן, דאָס קאָרן—גאָלדיק און די מענטשן—ברוין. דער שוויים איז אַרויסגעטרעטן אויף זייערע שטערנס, אין די שווייסיקע אויגן האָט געקאָכט די זון. לאַנגזאַם זענען די פויערים אַרויפגעקומען מיטן באַרג-וועג, אָפּט זיך אָפּ-געשטעלט און געווישט זיך מיטן אַרבל דאָס פּנים. דער באַרגוועג איז געווען ווייס ווי שניי, באַדעקט מיט הויכן שטויב, ס'איז זיך געגאַנגען אויף אים ווי אויף סאַמעט. די שפּורן פון אַ סך נאַ-קעטע פיס האָבן זיך אָפּגעדריקט אויף אים אַזוי בולט, ווי אין מעל.

דאָס הויז האָט גאָלדיק אפּגעפינקלט פון הינטער די קאַשטאַנעס, אין די פענסטער האָבן העלע פייערן געברענט. דאָס גראָז אויף דער לאָנקע איז געשטאַנען הויך און אָן אַן אויפהער האָט געזוימלט דאָרט פון פאַרשידנפאַרביקע זומערפייגעלעך. איז מען דורכגעגאַנגען די לאָנקע, אַזוי האָבן זיי גענומען פלאַטערן אַרום און אַרום אין דער לופטן, אַז ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן וועמען פאַרפאָלגט. פרעכטיקע קלאָגעריינס האָבן זיך אָפּט אויסגעזעצט אויף די הייסע טרעפּ און געוואַרעמט זיך אויף דער זון.

אין הויז איז געווען הייס און די בלענדיק-ווייסע דורכ-גענג מיט דער גרויסער צאָל טירן זענען געווען די איינציק-קילע ערטער אין הויז. אין די צימערן איז ס'רוב געווען טונקל, ווייל

די לאָדנס האָט מען געמוזט פֿאַרמאַכן. האָט מען אַרויסגעשטעקט אַ פֿינגער דורך אַ שפּאַרע פֿון לאָדן, האָט מען געקאָנט דערפֿילן, ווי די זון בריט אין דרויסן.

צום שענסטן איז געווען אין פּאַרק. ער איז געווען פֿאַרווילדעט, אַלט, ענלעך אויף אַן אוראַלטן וואַלד מיט זײַנע דיקע באַמאָכטע ביימער, וואָס זענען אַרומגעפּלאָנטערט געווען מיט פֿאַרשידענערליי געוויקסן. אויף אַ סך שטעלן האָט די זון נישט געקאָנט צוקומען, האָט זי מיט שאַרפֿע נאָדלען דורכגעשטאָכן די בלעטער, אָבער זי האָט נישט געהאַט די קראַפֿט צו צעשטערן אָט־די טונקלקייט. דאָ איז געווען קיל און פֿייכט, מ׳האָט געשפּירט דעם ריח פֿון פֿייכטע בלעטער. אַלע וועגן אין פּאַרק זענען געווען פֿאַרוואַקסן און מ׳האָט זיך געמוזט דורכשלאָגן אַ וועג מיט די עלנבויגנס. איין לאַנגער הויפּט־וועג איז נאָר געווען, וואָס האָט געפֿירט צום שלאָס. ווי אַ וואַסער־שטראָם איז זיגזאַגיש געפֿלאָסן די זון אין דער מיט פֿון וועג. דאָ איז געשטאַנען אַ ברונען, אַ קײַלעכדיקער בעקן, פֿון וועלכן ס׳האָט געשפּרודלט אַ דיקער, קורצער שנור וואַסער. אָט־דעם זינגענדיקן, מורמלענדיקן ברונען, איבער וועלכן ס׳האָט שטענדיק געשוועבט אַ קילקייט, האָט אינגעבאָרג גאָר באַזונדערס ליב געהאַט. שעהן־לאַנג האָט זי געקאָנט אָפּזיצן אויף זײַן ראַנד און טונקען די הענט אין דעם קילן גרינעם וואַסער און זיך אײַנקוקן אין דער גאָלדענער נעץ, וואָס האָט געציטערט אויפֿן באָדעם פֿון בעקן. זי איז אַנטשטאַנען דורך דעם צוזאַמענטרעפֿן־זיך פֿון ליכט מיט די קליינע פֿאַליעס, וואָס האָבן אָן אַן אויפֿהער געאײַלט צום ברעג בעקן, ווי זיי וואָלטן זיך געיאָגט נאָך אינגעבאָרגס הענט.

דאָ איז זי געזעסן און געחלומט, ביז פֿלוצלינג האָט זי זיך אומגעדרייט צו מיר און געשמייכלט צאַרט און פֿול נישט־אויסדריקלעכער ליבשאַפֿט. איר שמייכל האָט אָפּגעגלאַנצט

פויער אין די אויגן, דערנאָך אַראָפּגעגליטשט זיך אויף די ליפּן. די ליפּן האָבן זיך אויפגעעפנט און די ציין האָבן געשמייכלט, אויף אירע באַקן איז אַרויסגעטרעטן אַ באַזונדערס גוטמוטיקער, כמעט קינדישער שמייכל.

דערנאָך האָט אינגעבאָרג געזאָגט מיט אַ פאַרחלומטער ווייכער שטים: „הער זיך איין ווי דער ברונען רוישט!"

זי האָט געוויזן מיט דער האַנט אויף דער אַלטע אונטן. עפּעס ווייס׳ס האָט דאָרט אַ שימער געטאָן אין זונענליכט, די טויבן, וואָס האָבן געפּירט אין הויז אַריין. און זי האָט געזאָגט: „דאָרט וואוינען מיר!" ווי אין חלום האָט זי דאָס געזאָגט.

און איך בין צוגעגאַנגען נענטער, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף איר אַקסל. ווי לייכט כ׳האָב נאָר געקאָנט, און געזאָגט: „כ׳האָב דיך ליב, אינגעבאָרג". ווי שטיל כ׳האָב נאָר געקאָנט.

אינגעבאָרג האָט גאָרנישט געענטפערט, געשמייכלט צו מיר, גענומען מיין האַנט און געלייגט זי אויף איר ברוסט.

פילסט? האָט געפרעגט איר שמייכל.

און מיין שמייכל האָט געענטפערט, — כ׳פיל דאָס גוט.

הערסט, וואָס עס זאָגט מיין האַרץ? האָט געפרעגט איר שמייכל.

און מיין שמייכל האָט געענטפערט, — איך הער גוט, וואָס עס זאָגט איר גוט, ערליך האַרץ.

אינגעבאָרג, אינגעבאָרג, ווי אַזוי זאָל איך דאָך אָנרופן דיין האַרץ? — —

אינגעבאָרג וואוינט אין די ווייסע צימערן פון שלאָס, וואָס גייען אַרויס אויף דער זייט, וואו די זון גייט-אויף. איך הער ווי זי זינגט, ליכטיק און ריין איז איר שטים און קרעפטיק, די וועגט קלינגען-אָפּ און דער וואַלד הילכט-אָפּ, ווי פון צעקלונגענע גלאָקן, ווען זי זינגט אינעווייניק אין וואַלד.

כ׳קוק אויף מיין טיר. דאָרט שטייט: גייסט, אינגעבאָרג? און כון דרויסן אויף דער טיר איז געשריבן: געגריסט זײַ, אינגעבאָרג!

כ׳ווער אַנטשלאָפן, פינף מינוט דרימל איך, כאַפּ זיך אויף, אַ גרויסער בריוו מיט פינף רויטע זיגלען איז אָנגעקומען, אָדער אַ פּעקל מיט בלומען און עטלעכע גרויסע קיזלשטיינער.

בריוו פליען אַהין און צוריק, הגם מיר זענען כמעט שטענדיק צוזאַמען. אָבער דאָך בלייבט נאָך שטענדיק עפּעס צו זאָגן, עפּעס האָט מען פאַרגעסן, עפּעס האָט מען נישט דע־רעדט. אַ בוך קומט אָן מיט אַן אונטערגעשטראָכענער שטעל, אָדער אַ בלויזער ווייסער בלאַט פּאַפּיר, אינגאַנצן ליידיק, גאָרנישט גע־שריבן דערויף, אָבער אַז מ׳קוקט זיך נענטער איין, זעט מען אַ קליינעם מאַטן פּונקט.

אינגעבאָרג גייט אין וואַלד נאָך בלומען, זאָג איך: אייגנ־טלעך האָב איך גאָרנישט וואָס צו טאָן, אינגעבאָרג, וועל איך מיטגיין.

כ׳גיי אַרום דעם קליינעם שטייענדיקן וואַסער, וואָס אין מיטן פּאַרק. אינגעבאָרג קומט אָן.

וואו גייסטו, אַקסעל?

כ׳גיי אַרום דעם שטייענדיקן וואַסער!

איך גיי אויף דעם אייגענעם וועג!

איך לייען אָבער אָט־דאָס בוך.

איך לייען אויך דאָס אייגענע בוך.

אינדערפרי וועק איך מיך, ליפּן קושן מיך, אינגעבאָרג שטייט פאַר מיר מיט צעפלאָשעטע האָר און נאַס פון טוי, בלו־מען אין די הענט.

וואו ביסטו געווען

כ׳בין געשלאָפן אין וואַלד, אַ פאַרגעניגן געווען. כ׳האָב מיך געבאָדן אויבן אין וואַסער־קוואַל!

אַ סך נעכט שלאָפט אינגעבאָרג אין וואַלד, אָפט טרעפט, איך זע זי נישט אַ גאַנצן מעת־לעת. כ׳זיץ און טו גאָרנישט, איך וואַרט אויף איר. דאָס האַרץ קלינגט מיר און זינגט. דער געדאַנק ווערט מיר פאַרטונקלט — כ׳פיל, אַז אָט קומט זי אָן. זי קומט פון וואַלד, פּאַצאָ באַגלייט זי. ער איז איבערגעגאַנגען פון מיר צו איר.

דאַנדעראַדיי — דאַנדעראַדיי — זינגט זי און כאַפּט דעם שמוּיס אין האַנט. עס קלינגט ווי פון פאַנפאַרן.

די הענט מיינע ציטערן, מיינע פיס טרייסלען זיך, איך גיי איר אַנטקעגן, מיט פייכטע אויגן גיי איך איר אַנטקעגן, איך גיי לאַנגזאַם, ווייל די קני ציטערן מיר. ווען נישט דאָס וואָלט איך דאָך געשפּרונגען און געפלויגן.

אָ, פּרעכטיקע דו! טראַכט איך, איך שעפּטשע די ווערטער.

„כ׳האָב עפּעס געפונען אין וואַלד!” רופט אינגעבאָרג. „זיבן צעטעלעך. דו האָסט זיי געשריבן, אַקסעל! צום אָנהויב האָב איך געפונען איינס. כ׳לייען איבער: אינגעבאָרג. אַקסעלס האַנטשריפט, טראַכט איך. איך זוך ווייטער און געפין זיי זיבן שטיק. פאַרגעלט זענען זיי, אָבער דאָך קאָן איך זיי נאָך איבער־לייענען. ווען האָסטו זיי געשריבן?”

„כ׳האָב זיי געשריבן אַ פּאָר טעג דערנאָך, ווי דו האָסט גערעדט מיט מיר אויבן, אינגעבאָרג! כ׳האָב אַ סך אַזעלכע אָנגעשריבן און געלאָזט זיי מיטן ווינט”.

„אַקסעל, אַקסעל!”

כ׳האָב געלאָזט אַראָפּפאַלן די פּייקע אין גראָז אַריין כדי צו קאָנען אומבאַמערקט פאַר איר אַנידערקניען. — —

אָפט נעמען מיר זיך פאַר די הענט און לויפן איבער

דער לאָנקע — דורכן וואַלד און שרייען און לאַכן. הוריהאָ! הוריהאָהאָ!

גרויס און ברייט איז געוואָרן מיין נשמה. אַ גאַנצער וועלט־רוים איז איצט מיין נשמה, פול מיט פלאַטערנדיקע ליכטער. מיין נשמה שפּרייט־אויס אַלץ ווייטערע קרייזן. איך אַנטדעק זיך אַליין. כ׳שטוין, שטוין איבער זיך אַליין, בין פאַרחידושט איבער זיך אַליין. כ׳זיץ און קוק אַריין אין זיך: בליענדיקער כאַאָס, פלאַטערנדיקע וואונדער, ליכט און פורפור און זאַפטיקע מוזיק. כ׳צעשפּרייט די אָרעמס און קוק אַריין אין הימל, קיינמאָל האָב איך נאָך נישט געקוקט טיפער אין דער אונענדלעכער בלויקייט.

כ׳צעשפּרייט די אָרעמס... אַז דו ביסט אַזאַ שיינער, דו גרויסער גאָט, וואָס פאַר אַ גוטער מוזטו שוין זיין!

כ׳הער ווי ס׳קלינגט אין מיר דאָס בלוט, ס׳איז רויט, ס׳פינקלט, האָט פייער צעצינדן, לאַכט אַרויס דורך מיין קאָפּ, שלאָגט זיך אָפּ אָן מיין שאַרבן, ליכטיקייט בליצט אַרויס פון מיינע אויגן.

כ׳פיל ווי דאָס האַרץ טרייבט מיר דאָס בלוט אין די אָדערן, עס רוישט, אַ שפרודלענדיקער קוואַל פון בלוט בין איך.

כ׳פיל דאָס לעבן אַרום זיך. דאָס לעבן אין אַ זאַנג, אין אַ בלאַט, זאַפטן פליסן, דער זאַנג ציטערט, אַ בלום וויקלט זיך צונויף, שוידערט פאַר מתיקות, גיט זיך אָפּ.

אינגעבאָרג האָט אַרויפגעלייגט דעם פינגער אויף מיין האַרץ, האָט עס אָנגעהויבן שלאָגן, אַזוי שלאָגט עס נאָך און שלאָגט!

דערשטיקטע געשרייען פון תענוג ברויזן אין מיר, מיין בלוט שרייט און איך שוידער־אויף — יאָ — — —

געוועזן שעהן, ווען גאָט האָט אונזערע נשמות צונויפגע-

פלאָכטן אין איין וועזן. אַ שמייכל האָט אַנטדעקט פאַר איינע אַלצדינק, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם אַנדערנס ברוסט, מיר האָבן עס געפילט, קיין ווערטער האָבן מיר נישט געדאַרפט. כ'האָב אויפגענומען אינגעבאָרגס שטים פאַר מיין שטים, און אינגעבאָרגס אָטעם איז געווען מיין אָטעם. דערנאָך האָט זיך אין מיין קאָפּ אויפגעעפנט נאָך אַן אויג, אַ שאַרפערס, און דאָס אויג האָט אַריינגעקוקט אין אַן אַנדער וועלט, וואָס די פאָרשטעלונג פון איר האָט מיך אויפגעטרייסלט.

מיר זענען געזעסן אין אַ טונקעלן צימער און זיך צוגעקוקט ווי עס עפנט זיך אַ בלום. אַ ווייסע ליליע. זי האָט זיך אַרויסגעשיילט פון אירע הייטלעך, פּאַמעלעך אויפגעריסן דעם קנאָספּ, די בלעטער האָבן זיך אַריבערגעבויגן מידע און באַפרידיקטע, פול שמייכל, פול טרערן און האָפנונג.

שעהן האָט געדויערט, ביז די ליליע האָט זיך צעעפנט. מיר האָבן זיך דערוואַרט דערויף. ס'איז געווען, ווי צוזאַמען מיט דעם ריח וואָלט גאָט אויפגעגאַנגען פונם בעכער, ווי פרייד וואָלט געשאַלט אַרום, ווי אָט די קלייגע בלום וואָלט אַרויסגערופן אַ צעטרייסלונג, אַ פאַרענדערונג פון דער וועלט. די וועלט האָט געשטעלט אַ טריט פאָרויס און מיר האָבן געפילט דעם טריט. וואָרים קיין בלום וועט נישט אויפגיין, קיין פויגל וועט זיך פונם איי נישט אויספּיקן, אַז אַלצדינק, וואָס לעבט, זאָל דאָס נישט מיטפילן, מיטלעבן.

אָפט טרעפט — אַ שטילער געלעכטער לויפט מיר דורכן בלוט אין די שעהן, ווען כ'בין טרויעריק, כ'ווייס פונוואַנעט ער קומט דער שטילער געלעכטער.

טיילמאָל האָט אינגעבאָרג דערציילט.

„האָ - האָ!" האָט זי געלאַכט, „ווי שיין דאָס איז געווען!"

זי האָט נאָך געלאַכט אַ ווײַלע פאַר זיך און דערנאָך אָנגעהויבן.

שטענדיק האָט זי דערציילט פֿון וואַלד. „.... און ס'איז געשטאַנען אַן אַלטע, אַלטע סאָסנע, פֿון וועלכער דער מאָך איז אַראָפּגעהאָנגען, ווי גרויע בערד. כ'האָב געקוקט אויף איר אָפּט און לאַנג. איינמאָל האָב איך אָנגעקלאַפּט אָן דער סאָסנע — נאָך וואָס? — ווייס איך שוין נישט. און ווי דאַכט זיך דיר? די אַלטע סאָסנע האָט זיך צערעדט! גאָט! אַקסעל, כ'האָב אַליין געהערט! זי האָט גערעדט מיט זייער אַ נידעריקער שטים, ווי פֿון אַ פֿאַס: ווילסט האָבן שישקעס? דערנאָך אַ שאָקל־געטאָן זיך זון, אַ סך שישקעס זענען אַראָפּגעפֿאַלן". טויזנטער אַזעלכע מעשׂיות פֿלעגט זי דערציילן.

„... צמאָל האָט מען מיך געשיקט אין שטאָט אַריין, כ'האָב שוין געדאַרפֿט עפּעס אָנהויבן לערנען. שטענדיק האָב איך געחלומט וועגן וואַלד. איינמאָל האָב איך געחלומט וועגן אַ גרויס שטיק ליידיק פֿעלד, וואָס איז אינגאַנצן באַזייט מיט יאַגדעס. יאָ, כ'האָב נאָך קיינמאָל אַזויפֿיל יאַגדעס נישט געזען. אַראָפּגעבויגן זיך, און אַלע, אַלע, אַלע יאַגדעס האָבן גענומען אַראָפּפֿאַלן, רויט און קלעפּיק איז געווען דאָס גראָז... אין שטאָט האָב איך אויסגעהאַלטן אַ יאָר צייט. דערנאָך בין איך צוריקגעקומען. הער, אַקסעל, האָב איך זיך דערשראָקן! דער וואַלד האָט מיך מער נישט געקענט, געבייזערט זיך אויף מיר, אָ, ווי אַזוי ער האָט מיך אָנגעקוקט! כ'האָב געוויינט. דערנאָך בין איך געפֿאַלן אויף אַ טייערן געדאַנק. צו יענער צייט האָט מען מיך זייער געפּוצט. האָב איך אַרויסגענומען די קייט פֿון די האָר, אָנגעטאָן דאָס אַלטע קלייד מיינס, אויסגעטאָן שיך און זאָקן, צעשויבערט זיך די האָר און אַ לויף געטאָן אין וואַלד אַריין און געשריגן, ווי אַ משוגענע. ווען דו זאָלסט דאָס זען, אַקסעל, האָ־האָ! יאָ, דער וואַלד האָט מיך ווידער דערקענט..."

„איינמאָל ווידער איז אַ מענטש דורכגעגאַנגען דורכן וואַלד, כ׳האָב פאַרגעסן ווי ער האָט אויסגעזען, ער האָט געשמייכלט און געהאַט ליכטיקע אויגן. כ׳בין געגאַנגען מיט אים אַ שפּאָר שטיק וועגס. ער האָט מיך געקושט אין שטערן. כ׳האָב געטראַכט — דאָס בין איך מיט יעזוס קריסטוס געגאַנגען, און שפּעטער, ווען כ׳בין געוואָר-געוואָרן, אַז ס׳איז שוין גאַנץ לאַנג, ווען יעזוס קריסטוס האָט געלעבט, בין איך טרויעריק געווען. אָבער אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט זיך מיר ווידער געדאַכט, אַז יעזוס קריסטוס האָט מיך געטראָפן און אַזוי ליכטיק איז געוואָרן אין מיין נשמה״ —

„און איצט ?״

„פרעג נישט, גוטער !״ זי האָט אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין און אָנגעלענט דעם קאָפּ אָן מיין ברוסט.

אַ ווײַלע שפּעטער, אַז זי האָט זיך אויסגעוויינט, האָט זי געשעפּטשעט : „דו ביסט געווען דער מענטש אין וואַלד, דו ! כ׳האָב דיך דערקענט גלייך ווי כ׳האָב דיך געזען דאָס ערשטע מאָל. גיי אַריין, רעד, העלף זיי, די אָרעמע מענטשן !״

## 14

כ׳האָב דערציילט פֿון מיין גליק, ס׳איז שיין, פֿאַר מיר איז דאָס שיין. זייט אַלזאָ פֿריינטלעך און לאָזט מיר ווייטער דער־ציילן. כ׳וואָלט דאָס געקאָנט טאָן אָן אַן אויפֿהער — אַפֿילו טויזנט נעכט...

ווען איר וואָלט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן דאָס איז צו טראַכטן וועגן דעם אַלעם! עס לאַכט אין מיר, עס פֿרייט זיך, טיילמאָל לויף איך אַרום אין אַ קרייז, וויין פֿאַר פֿרייד. אָפּטמאָל איז די פֿרייד פֿון דער ערינערונג גרעסער ווי דער ווייטאָק, וואָס דאָס אַלץ איז פֿאַרגאַנגען, און דערפֿאַר טאַקע דערצייל איך. —

דאָס זענען טעג פֿון גרויסע יום־טובים. זייער גלאַנץ רינגלט מיך נאָך אַרום און באַלייכט מיר די איינזאַמע שעהן.

אַלץ ווערט רעליגיע, רעליגיע ווערט אַלץ.

ווערטער ענדערן זייער זינען, די טאָג־טעגלעכסטע ווערטער ווערן רעטענישן.

מיר עסן מיטאָג און רעדן די פּשוטסטע ווערטער.

„ברויט, ליבער!"

„יאָ, דאָס ברויט, כ׳דאַנק, ליבסטע!"

וואָסערע ווערטער זענען דאָס? דאָס זענען די פּשוטסטע

ווערטער, יאָ, אָבער דאָס זענען פאַרשטעלטע, רעטזלהאַפטע ווערטער. זיי באַדייטן: כ׳ליב דיך, ליבסטער. זיי הייסן: כ׳ליב דיך, ליבסטע.

אָבער ווידער פאַרקערט, וואָס זענען דאָס פאַר אַ ווערטער? פאַרשטעלטע, רעטזלהאַפטע ווערטער. זיי באַדייטן: ווערן, לעבן, טויט. זיי הייסן: גאָט, אייביקייט, באַפרייונג. און ווידער פאַרקערט, וואָס זענען דאָס פאַרא ווערטער? פאַרשטעלטע, טיפע, זייער טיפע ווערטער. זיי הייסן — ווער וועט זיי אַ נאָמען געבן?

„וועסט טרינקען וויין, ליבסטע?"

„יאָ, אַ דאַנק".

„רויטן, ווייסן?"

וועסט נעמען סם? יאָ, כ׳וועל נעמען סם. וועסט נעמען אַ גלאָז טויט? יאָ, כ׳וועל נעמען אַ גלאָז טויט.

אַלע ווערטער ענדערן דעם זינען זייערן.

מיר גייען דורכן וואַלד. אַ וואונדער איז דער וואַלד, אַ וואונדער רוישט דורכן וואַלד. מיר גייען דורך די פעלדער, דורך די לאָנקעס, אַ וואונדער זענען די זאַנגען, אַ וואונדער די קלענסטע בלום. פון אַלעם ווערן וואונדער.

„לאָמיר זען ווי די זון פאַרגייט, אַקסעל".

די זון פאַרזינקט הינטער די בערג.

„אָ-אָ!" איינגעבאָרג דריקט די הענט צו די בריסט, אירע אויגן גלאַנצן.

אַ שוידער לויפט מיר דורך.

„אַקסעל, די לבנה גייט-אויף!"

„אָ-אָ! זע, אַ קליינער שטערן באַגלייט זי! אַ גרויסער גאָלדענער שטערן פינקלט דאָרט איבער די סאָסנעס!" טרערן פון אַנטציקונג שטייען איר אין די אויגן.

דאָס וואונדער — שטערן און מענטש — — — —
צי די טעג זענען שענער ווי די נעכט, צי די נעכט זענען שענער ווי די טעג — ווער קאָן דאָס אויף געוויס זאָגן?

קיינער נישט!

אַ פּאָר מאָל אין וואָך קומט צופאָרן גראַף פליוגען. ער צעשפּרייט די אָרעמס, זעענדיק אינגעבאָרג, פלאַטערט מיטן טיכל, די קאַרעטע פאָרט צוריק אין וואַלד אַריין.

„האָסט מיר אַלץ צוגענומען, אַקסעל!” זאָגט ער צו מיר, און צאָרנט באַהאַלטענערהייט. ער גייט געבויגענער, ער ווערט פלוצלינג אויף אַן אמת אַלט.

דער קאָפּ שווינדלט מיר, ווען איך טראַכט וועגן מיין גליק.

ווידער האָב איך אָנגעשריבן צו פריינט בלוטהויפּט. קום, קום, שרייב איך. כ'בין גליקלעך, אַלץ פרייט זיך אין מיר. קום, כ'האָב זיך געענדערט, כ'בין באַצויבערט, פאַרכישופט. קום, דיין גרעסטע איבערראַשונג וועסטו איבערלעבן — — —

איינמאָל נאָכמיטאָג איז האַררי אוזעדאָם אין אַ צעבראָכע־נעם וואָגן פאַרפאָרן פאַר מיין הויז.

כ'בין געזעסן אויף די טרעפּ, געלאָזט זיך בראָטן פון דער זון און געוואַרט אויף אינגעבאָרג, וואָס איז געווען אין וואַלד.

„אַ קליינער צופאַל האָט מיר געטראָפן!” האָט האַררי או־זעדאָם געזאָגט.

דער דייקסל פון וואָגן איז צעבראָכן. דער וואָגן האָט זיך איבערגעקערט.

„איר האָט זיך עפּעס געטאָן?” האָב איך אים געפרעגט, ווי גרויס ער איז איז ער געווען באַדעקט מיט שטויב.

„ניין”, האָט ער געזאָגט און געשמייכלט. „כ'בין נאָר אומ־געפאַלן אויפן וועג. גוט אָפּגעשניטן”.

כ׳האָב אים געבעטן אַריינגיין אינעווייניק, ביז די דינער וועלן פאַרריכטן דעם שאָדן.

מיר זענען געזעסן אין מיין צימער און געפּלוידערט.

„איר האָט דאָ פיינע זאַכן״, האָט ער געזאָגט און באַטראַכט אַלצדינג מיט אַ קינדישער פרייד. ער האָט נאָך אַלץ בלייך אויסגעזען, אָבער ער איז געגאַנגען גלייך און גערעדט פריי און אויפגעהייטערט. זיין בליק איז געפאַלן אויף דער טיר, וואו ס׳איז געווען אויפגעשריבן: גייסט איינגעבאָרג? ער האָט אַ ציטער געטאָן, זיך איינגעקוקט אין די ווערטער, רויט געוואָרן. באַלד האָט ער זיך באַהערשט און גערעדט וועגן די זאַכן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין מיין צימער.

ער האָט גערעדט וועגן יעדער זאַך באַזונדער, געהייסן זיך דערציילן די געשיכטע דערפון, געשמייכלט, אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט, אָבער די געדאַנקען זענען אים אַרומגעלאָפן. דער וואָגן איז שוין געווען פאַרראָכטן.

האַררי אוזעדאָם איז נישט אַוועקגעגאַנגען.

ער האָט ווייטער גערעדט וועגן די וואַזעס און בעכערס און אַלע ווייכע צוגעגאַנגען צום פּאָרטעפּיאַן און אָנגעשלאָגן עטלעכע אַקאָרדן. ער האָט גערעדט, געלאַכט אין דער שטיל און גאָר אין מיטן אַלעם—זיך איינגעהערכט. צי איך האָב אַ פידל? כ׳האָב אים זי געבראַכט, ער האָט זי האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן און געשפּילט. בעתן שפּילן איז ער לאַנגזאַם געגאַנגען איבערן שטוב אַהין און צוריק. ער האָט געריסן די סטרונעס און געזונגען. זיינע אויגן האָבן געלויכטן, דערנאָך געוואָרן טרויעריקער, דאָס פּנים זיינס האָט מיטגעשפּילט. כ׳האָב זייער גוט פאַרשטאַנען וואָס ער שפּילט.

אין מיטן שפּילן איז איינגעבאָרג אַריין אין צימער.

דאָס פּנים אירס האָט געפלאַמט, אירע אויגן האָבן געשי-

מערט מיט ליכט און בלויקייט. פּאַצאָ איז מיטאַריינגעקומען מיט איר. ער האָט געבילט און געוואָרטשעט און געוואָלט זיך וואַרפן אויף אוזעדאָמען.

אוזעדאָם האָט תּיכּף אויפגעהערט שפּילן. די פידל האָט ער אַנידערגעלייגט אויף אַ שטול. באַלד האָט ער זי גענומען פון שטול און אַנידערגעלייגט אויפן פּאָרטעפּיאַן. זיין האַנט האָט געציטערט, אַזוי אַז די פידל האָט אָפּגעקלאַפּט, בעת ער האָט זי אַנידערגעלייגט אויפן פּאָרטעפּיאַן.

„דו דאָ?" האָט אינגעבאָרג געזאָגט און אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט. „ווי גייט עס?"

„כ'דאַנק!" האָט ער געענטפערט און אַרום זיין מויל האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן. „אַ קליינער צופאַל האָט מיר געטראָפן מיטן וואָגן. דער דייקסל האָט זיך צעבראָכן. כ'בין געבליבן דאָ אַביסל, געפלוידערט — כ'בין נאָך פאַרשטויבט — נעם ניש‬ט פאַר אומגוט — דערנאָך האָב איך געשפּילט אַביסל פידל — דאָ איז אַזוי געמיטלעך, איך בין שטענדיק אַליין—"

ער האָט אָפּגעריסן און לייכט זיך פאַרנייגט. ער האָט אָנגעקוקט פּאַצאָן; מיט גוטע אויגן האָט ער געקוקט אויף אים. געצערטלט אים.

„בלייב איבער, האַררי. שפּיל ווייטער".

„כ'דאַנק", האָט ער געזאָגט, „דו ביסט אַזאַ גוטע, אַזאַ גוטע, אינגעבאָרג. כ'דאַנק דיר פון גאַנצן האַרצן — כ'וועל שפּילן, אויב דו פאַרלאַנגסט — זייער גערן" — ער האָט אויס-געשטרעקט די האַנט נאָך דער פידל, אָבער ער האָט זי נישט גענומען.

„ניין", האָט ער דערנאָך געזאָגט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, „איך קאָן נישט שפּילן, איך קאָן איצט נישט שפּילן — כ'לעב אַזויפיל איבער, וואָס דאָס איז פאַר אַן אויגנבליק! ביסט גוט—

אַלץ דינק פֿאַלט איין אויף מיר". ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, זיינע אויגן-הייטלעך זענען פייכט געוואָרן.

„האַררי!" האָט אינגעבאָרג געזאָגט צו אים ווייך און אָנגערירט זיין אָרעם.

ער האָט אַראָפּגענומען איר האַנט פֿון זיין אָרעם און איז אַניז־ערגעפאַלן פֿאַר איר אויף די קני.

„— — — איין רגע נאָר — איין רגע, אינגעבאָרג" — אינגעבאָרגס אויגן זענען פֿול געוואָרן מיט טרערן, זי האָט געשמייכלט.

„— — — איין רגע נאָר — איין רגע, אינגעבאָרג" — דאָס שלאָכצן האָט אים דערשטיקט דאָס קול.

ער איז אויפגעשטאַנען און געשמייכלט, דאָס פּנים נאַס פֿון וויינען.

„זייט מוחל!" האָט ער געזאָגט, געשמייכלט ווי אַ גליקלעך ייִנגל און אַוועקגעגאַנגען.

ס'איז געוואָרן נאַכט.

„הערך!" האָט אינגעבאָרג געזאָגט.

אונזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. אין וואַלד האָט גע־זונגען אַ פֿידל. די פֿידל האָט אָפּגעקלונגען הייטערדיק. ס'איז געוואָרן גאַנץ שטיל און די פֿידל האָט זייער דייטלעך אַריינגע־קלונגען צו אונז, ווי עמיצער וואָלט געזונגען האַרט אונטערן פֿענסטער. כ'האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געהערט אַזאַ וואונדערבאַר ליד. וויינענדיק גליק איז דאָס געווען.

אינגעבאָרג איז געזעסן אָן באַוועגונג און געקוקט פֿאַר זיך מיט גרויסע אויגן. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן וויינען, אָן אַן אויפהער האָט זי געוויינט אין די הענט אַריין און דאָס געוויין האָט אויפגעטרייסלט מיט איר גאַנצן קערפּער. אירע אָרעמס האָבן געציטערט.

דאָס ליד פֿון דער פֿידל האָט זיך דערווייטערט, איז אָפּ־געשטאָרבן אין דער גרויסער שטילקייט.

„פֿאַרגיב מיר דאָס וויינען״, האָט אינגעבאָרג געזאָגט.

פֿאַרגיב מיר דאָס וויינען, האָט זי געזאָגט!

דריי נעכט נאָכאַנאַנד האָט אָפּגעקלונגען די פֿידל אין שטילן וואַלד.

דערנאָך האָבן מיר זי שוין מער נישט געהערט. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז פֿון ווייטן דרום אָנגעקומען אַ קאַרטל, צו אונז ביידן אַדרעסירט. כ׳דאַנק! איז געשטאַנען אָנגעשריבן. מער גאָרנישט.

## 15

איינמאָל אַ טאָג איז קאַרל בלוטהויפּט, דער דיקטאָר, אָנגעקומען צופאָרן. דאָס הייסט, געקומען איז ער אין מיטן דער נאַכט, אַלע צוגן האָט ער פאַרשפּעטיקט, מיט גרויס רעש און ליאַרעם האָט ער אונז אויפגעוועקט פון שלאָף.

געוואוינט האָט ער אויבן, אויף דער פאַציאַטע פון שלאָס, און געאַרבעט טאָג און נאַכט. טיילמאָל פלעגט ער אַראָפּקומען צו אונז, געלאַכט, געשטראַלט, באַרוישט געווען פון זיין ווערק. אַמאָל פלעג איך אים זען שטיין אויפן הויף און פירן אַ שמועס מיט איינע פון די שיינע דינסטמיידן. דעם געשפּרעך האָט מען געקאָנט הערן אויף זייער ווייט, ס'האָט אָפּגעהילכט אַזש אין וואַלד, אַ געשפּרעך מיט געלעכטער. אַן אַנדערש מאָל האָט ער אונז געקאָנט באַגעגענען אַן אָנגעברוגזטער, מיט קנייטשן אויפן שטערן, אַ צעשטרייטער, ער האָט זיך געגריבלט אין זיין ווערק.

ער איז געווען אַ הויכער, אַביסל העכער נאָך פון מיר, ברייטנבייניק, קנאָכיק, ביים גיין האָט ער געשטעלט גרויסע טריט. האָר האָט ער געהאַט טונקל-רויטע, ווי קופּער, צעפּאַטלטע, אַ נאָז פון אַן אָדלער, טונקל-בלויע אויגן און אַ שטענדיק צעעפנט, שטענדיק צעשמייכלט מויל. ער האָט אויסגעזען ווי אַ זינגער פון די פאַרגאַנגענע צייטן, וואָס ביי טאָג גייט ער נאָכן אַקעראייזן און

אין אָוונט זינגט ער אויף דער לאָנקע פאַר די פרויען. דאָס וועזן זיינס איז שווער געווען צו דערקענען, פול מיט ווידער־שפּרוכן, ער איז געווען זייער שטאָלץ און דאָך נישט־דרייסט, זיינע פאָדערונגען זענען געווען האַרט, גרויזאַם, און דאָך איז ער געווען ווייכהערציק, ער האָט געקאָנט זיין ווי אַ קינד, טאַנצן, לאַכן, און געווען שעהן, ווען ער איז געווען פאַרמרה־שחורהט, ערנסט, עפּעס האָט געציטערט אין זיינע אויגן, די באַקן זענען אים איינגעפאַלן, גערעדט משונהדיק־טיפע ווערטער, דער גייסט האָט איבער אים געקריגן די שליטה, ער האָט גערעדט מיט זיך אַליין, מיט אַ אינו נראה. דעמאָלט פלעגט ער אַוועקגיין צו זיך אין צימער און אַרבעטן. און פון דער אַרבעט האָט ער געקאָנט צו־ריקקומען אַ מידער, אַ גליקלעכער ביז דורכגעגומענקייט, דעמאָלט האָט ער גערעדט מיט אַ פייכטער, ווייכער שטים.

גייסטיק און קערפּערלעך איז ער צוגעלאָזן געווען אַזש ביז צו חוצפּהדיקייט, שטענדיק אַ גוטער, שטענדיק אַן איידעלער, פון די מענטשן האָט ער גאָרנישט פאַרלאַנגט, קיינמאָל נישט, גאָר־נישט נישט. געגעבן האָט ער זיי שטענדיק, אַלצדינק! כ׳האָב אים ליב געהאַט. שעהן־לאַנג וואָלט איך געקאָנט דערציילן וועגן אים, ווען ס׳וואָלט ווער געוואָלט הערן.

יאָ, ער איז אָנגעקומען אין מיטן דער נאַכט, דורכגענעצט ביז אַ פּאָדים, אַ גאַנצע נאַכט האָט גערעגנט.

„האַלאָ!” האָט ער אַ רוף געטאָן.

כ׳בין אויפגעשפּרונגען, ס׳בלוט האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין, דאָס איז ער געווען, דאָרט איז ער געשטאַנען. דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָב איך אויף אים געוואַרט. כ׳האָב ווידער דערקענט זיין געשטאַלט, כ׳האָב עס וואָס אַן אמת נישט געהאַט פאַרגעסן, אָבער ווידער דערקענט. כ׳האָב דערקענט זיין

האַנט, דעם דרוק פון זיין האַנט. זי איז געווען שמאָל און ביייניק, כמעט ווי אַ סקעלעט, פריינט בלוטהויפּטס האַנט.

„אָבער דיר גייט עס גוט, טייוולאָניש גוט!"

כ'האָב דערקענט זיין קול. ווי ליב האָב איך געהאַט אָט דאָס קרעפּטיקע, אַביסל פויערישע קול!

נאַטירלעך איז אים אויך געגאַנגען גוט. אים איז שטענ־דיק געגאַנגען גוט, ער האָט געקאָנט שטאַרבן פון הונגער, ער האָט געקאָנט ווי פאַרצווייפלט זיין: עס גייט מיר גוט.

כ'בין אויף גיך אַוועק צו אינגעבאָרג. „קאַרל איז דאָ", האָב איך געזאָגט צו איר, געלאַכט און באַלד צוריק אַרויס־געגאַנגען.

שנעל דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, דער רעגן האָט גע־קלאַפּט אין די שויבן, ס'איז געווען אַ טייער געפיל, יעדן טראָפּן האָב איך געפילט אויף מיין לייב.

דערנאָך איז געקומען אינגעבאָרג. אין משך פון אַן אומ־גלויבלעך־קורצער צייט האָט זי באַוויזן זיך אָנצוטאָן. זי האָט געטראָגן דאָס שענסטע קלייד אירס, אינגאַנצן ווייס און געפּאַסט שטייף אַרום איר קערפּער, די שיך פון וויזל־פוטער, וואָס איך האָב פאַר איר אויסגעקלערט, איין רויז האָט זי געטראָגן אויף דער ברוסט און איינע אין האַנט. די האָט זי דערלאַנגט בלוט־הויפּטן. אירע אויגן זענען געווען פייכט, זי האָט גאָרנישט גערעדט.

כאַ־כאַ, יאָ, ער איז געווען איבערראַשט, כ'מוז דאָס מודה זיין. ער איז געוואָרן רויט, דערנאָך בלאַס, דערביי האָט ער זייער שיין אויסגעזען.

אינגעבאָרג האָט אים דערלאַנגט די רויז, ווי עס דערלאַנגט אַ קינד אַ רויז דעם געוועלטיקער פון לאַנד, פאַרבויגן דערביי דעם קאָפּ אויף אונטן און געשטאַנען אינגאַנצן אַן איבערגעבויגענע.

ער האָט גענומען די רויז, דערלאַנגט איר די האַנט און עפּעס געשטאַמלט.

ער האָט קיין באַגריף נישט געהאַט — די מינדסטע השגה נישט — ער בעט אַנטשולדיקונג, אָבער אַלע צוגן זענען אָפּגעגאַנגען פריער, ווי מ'האָט געקאָנט מיינען.

כ'האָב מיך זייער געוויילט די נאַכט, כ'בין געווען אַזוי גליקלעך, אַז כ'האָב מיך געקאָנט פרייען פון גאַנצן האַרצן. אינגעבאָרג האָט זיך איינגעקוקט אין בלוטהויפּטן, אין זיין מויל, אין זיין שטערן, אין זיינע הענט, האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, ווען ער האָט געעפנט די ליפּן. ער האָט גערעדט אַזעלכע פשוטע ווערטער.

זי האָט נאָך קיין דיכטער נישט געזען און נישט געהערט. זי האָט געמיינט — דיכטער טראָגן רויזן אין די האָר און רעדן אין פערזן. כ'האָב מיר פאָרגעשטעלט די דיכטער ווי עפּעס פלאַטערנדיקס, עפּעס גאָלדנס, האָט זי איינמאָל געזאָגט.

בלוטהויפּטס ביכער האָבן מיר געהאַט געלייענט צוזאַמען, קאָפּ צו קאָפּ געבויגן. אינגעבאָרג האָט געזאָגט: ער קען מיך, און האָט אָנגעוויזן אויף איר האַרץ. ווי רעכט ער קען די מענטשן!— אינגיכן וועט ער קומען, אינגעבאָרג. — יאָ, אָבער וואָס וועל איך אים זאָגן?

און איצט איז ער געזעסן פאַר איר, זי האָט אים נישט געקאָנט פאַרשטיין, דורך קיין איין וואָרט זיינס, דורך קיין איין מינע פון זיין פנים האָט זי נישט געקאָנט אַריינדרינגען אין אים, האָט זי זיך פאַרטראַכט, געווען אַנטוישט.

„אָ,” האָט זי מיר געזאָגט אויפן אַנדערן טאָג, מיט אַ באַוונדערס־קיילעכיק מיילכל האָט זי אַרויסגעזאָגט דעם „אָ”. „אָ!” זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „וואָס גייען מיך אָן די אָרעמע דראָשקע־פערד, וועגן וועלכע ער האָט אַזויפיל גערעדט? כ'בין

איצט זייער צופרידן, וואָס כ׳זע זיי שוין נישט מער די דראָש־קע־פערד! דערנאָך האָט ער געמאַכט מיטן פינגער אין דער לופט און געלאַכט. אַלץ די עלנטע דראָשקע־פערד! כאַ־כאַ, דאָס איז דער דיכטער קאַרל בלוטהויפט!״

„און זעסט, אַקסעל, אַז כ׳האָב אים געפרעגט עפּעס וועגן פּרויען, האָט ער מיר נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. כ׳האָב בלויז געוואָלט וויסן זיין מיינונג. — האָט ער זיך אַרויסגעדרייט. דאָס קאָן קיינער נישט וויסן. זיי קען קיינער נישט, מ׳קען נאָר ביישפּילן: כ׳האָב באַגעגנט אַן אָרעם מיידל, איז זי געגאַנגען מיט מיר. אינדערפרי האָט זי מיך פאַרלאָזט און אַ שעה שפּע־טער איז זי ווידער געקומען, זי האָט אויסגעפּאַרטיקט פאַר מיר אַ קראַוואַט. אַזוי זענען זיי. און ווידער, אַ פרוי קאָן היינט זאָגן צו אַ מאַן: ביסט אַ הייליקער, קאָנסט וואונדער באַווייזן, אויפן אַנדערן טאָג: ביסט אַ קליינלעך, נעבעכדיק מענטשל. זיי זענען רירנד, ווען זיי ליבן, אינטערעסאַנט, ווען זיי האָבן פיינט. מען קאָן באמת קיין באַשטימטע זאַך נישט זאָגן וועגן זיי״.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז זי געקומען צו מיר, גענומען מיך פאַרן אָרעם און געזאָגט: „הער, אַקסעל, איצט האָב איך עס געזען!״

„וואָס האָסטו געזען?״

„אַז ער איז אַ דיכטער. אין זיינע אויגן האָב איך געזען ליכט, גלאַנץ. וועגן וואָס האָט ער געקאָנט טראַכטן? פון דע־מאָלט אָן זע איך כסדר דאָס ליכט. כ׳מיין, עס מוז זיין דאָס באַ־וואוסטזיין פון דער אומשטערבלעכקייט,—אָט דאָס ליכט?״

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זי ווידער געזאָגט: „קום, אַקסעל, קום. ס׳איז געשען עפּעס גאָר מערקווירדיקס. הער זיך איין, כ׳איז משונהדיק. דער קנעכט, וואָס מ׳רופט אים דער מאַנאַך,

איז פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַר אונז. בלוטהויפּט האָט אים אַזוי מאָדנע באַטראַכט. איך האָב געלאַכט. זומער און ווינטער טראָגט ער אָט־דעם גראָבן מאַנטל און דעם גרויסן קאַפּעלוש, האָב איך געזאָגט. נישט אין דעם גייט, האָט ער געענטפֿערט, דער מענטש איז אַ פֿאַרברעכער. דער מאָנאַך! הערסט, אַקסעל? יאָ, ער איז באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן. אַ מאָרד, אָבער שוין מיט אַ סך יאָרן צוריק. פֿונוואַנעט ווייס ער דאָס? ער האָט דאָס פּנים פֿון זײַן קרבן אין זײַן אייגענעם פּנים, ער האָט צוויי פּנימער, כ׳זע דאָס, שטענדיק טראַכט ער דערפֿון. פֿונוואַנעט ווייס ער אָבער, אַז דער מאָנאַך איז באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן?"

כ׳האָב געשמייכלט. „גלויבסטו דען אין דעם?"

אינגעבאָרג האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר ערשטוינט. „יאָ?" האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַ קינדישער פֿאַרלעגנהייט. און ווײַטער געצויגן: „הערט זיך אײַן, האָב איך אים דאַן געפֿרעגט, און אַז איר גייט דורך די גאַסן און זעט אַ סך פּנימער? דערויף האָט ער געענטפֿערט: דענסטמאָל זע איך אַ סך חטאים. ווי אַזוי דערקענט ער דאָס? פֿריער האָב איך אַ סך שטודירט דאָס אײַגענע פּנים מײַנס, האָט ער געזאָגט, יעדע לאַסט און יעדער חטא האָט זיך אָפּגעדריקט אויף אים. ער איז געוואָרן טרויעריק, דאָס זאָגנדיק. נישט היימלעך. כ׳האָב זיך געוואָלט נאָך עפּעס דערוויסן. ווען איר וואָלט אַזוי אין פּנים פֿון אייער ברודער אַרויסגעלייענט אַ מאָרד? — האָב איך געפֿרעגט. וואָלט איך עס אים געזאָגט און געהיטן זיך. פֿאַר וואָס? פֿאַר דעם, איך זאָל אויך נישט באַגיין קיין מאָרד. כ׳האָב ווײַטער געפֿרעגט. ווען ער וואָלט אָבער געהאַט ערמאָרדעט אייער געליבטע? וואָס וואָלט איר געטאָן?

„כ׳וואָלט אים דערהרגעט, האָט ער געענטפֿערט און דערבײַ

געשמייכלט, אָבער כ׳האָב מיך דערשראָקן פאַר זיין שמייכל, ער האָט נישט געזאָגט קיין ליגן״.

„דו פאָרשסט אים אויס?״

„יאָ, איך פאָרש, אַקסעל!״

דערנאָך האָט זי אים געזען, ווי ער האָט געפּלוידערט מיט דער קליינער שיינער דינסטמויד. זי האָט אים געזען, ווי ער איז געשטאַנען אין מיטן צווישן די קנעכט, ער האָט זיי אַלעמען געזאָגט דו. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„הונדערט פּנימער האָט ער״, האָט זי געזאָגט, „כ׳הער־אויף אים צו פאָרשן״.

פון דעמאָלט אָן האָט זי אים גערופן: דער מאַן מיט די הונדערט פּנימער.

און שטענדיק האָט זי מיר דערציילט, ווען זי האָט אַנט־דעקט ביי אים אַ ניי פּנים.

ערשט זייער שפּעט האָט זי אַנטדעקט דאָס ריכטיקע פּנים זיינס, ווי אַזוי איך זע עס, ווען כ׳פאַרמאַך די אויגן און טראַכט וועגן אים. —

כ׳דערמאָן זיך אַן אָוונט, ווען ער האָט אַזוי וואונדערבאַר גערעדט וועגן מענטשן, וועגן בענקשאַפט און גליק־פאַרלאַנג, וועגן האָפנונג, וועגן בלאָנדזשעניש, וועגן טרויער, ווייטאָק, איינ־זאַמקייט, פאַרצווייפלונג. ווי אַ קינסטלער טוט אַ כאַפּ די סטרונעס און באַקומט אַרויס פון זיי אַקאָרדן און מעלאָדיעס, אַזוי האָט ער אַרויסבאַקומען אַקאָרד נאָך אַקאָרד און מיר האָבן געהערט אַ געזאַנג וועגן מענטשלעכן האַרצן, וואָס איז אַזוי וואונדערלעך, אַזוי וואונדערלעך שיין, אַזוי וואונדערלעך מילד, אַזוי וואונדער־לעך, אַזוי וואונדערלעך......

מיר דאַכט, יענעם אָוונט האָט אינגעבאָרג אַנטפּלעקט דאָס

ריכטיקע פּנים זייגס, אַזוי דאַכט מיר, ווייל אַ גאַנצע נאַכט האָט זי גאָרנישט גערעדט וועגן דעם, זי האָט נאָר געקוקט אויף מיר און אירע באַקן האָבּן געשמייכלט. זי האָט אויפגעהויבּן מיין האַנט צו אירע ליפּן, נישט געקושט זי, נאָר בּלויז זי צוגעדריקט צום מויל. זי האָט זיך פאַרטראַכט.

יאָ, זיכער איז דאָס געשען יענעם אָוונט. — — — —

## 16

גוט אַזוי צו טראַכטן וועגן דעם זומער, כּסדר אויפסניי אַדורכצוואַנדערן דורך אים, אונטער זיין זון אַרומשפּאַצירן. אונטער זיין זון, און נישט פון קיין אַנדער זומער. די זון פון דעם זומער האָב איך אין זכּרון, זי ברענט מיר נאָך אויף מיינע הענט, זי גליט מיר נאָך דאָס פּנים.

גוט אַזוי אַדורכצוואַנדערן אָט־דעם קילן, ווייסן קאָרידאָר, עפענען די טירן, צומאַכן, אַרויסגיין צו פריינט בלוטהויפּט און ביי אים פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס, יאָ, ס׳איז אַ תּענוג אינם וואַלד פון אָט־דעם זומער אַרומצוגיין, איינגעבאָרג ביי דער זייט, איינגעהילט אין איינגעבאָרגס ליבשאַפט, וואָס איז אַזוי וואַרעם, אַזוי וואַרעם.

דאָס אַלץ איז גוט. ס׳איז גוט אַריינצולויפן אין פאַרווילדעטן פּאַרק אַריין, רופן, זינגען.

איצט געהערט דער פּאַרק צו אַנטאָן קריידמייער, אַ קנעכט.

כ׳האָב גאָרנישט פאַרגעסן, ניין. מאַנכעס האָט זיך אויסגעשמאָלצן, ווי אַ צירונג־חפץ, וואָס מ׳וואַרפט אַריין אין פייער, אָבער אַ סך איז גאַנץ קלאָר געבליבן שטיין פאַר מיר, שאַרף, דעטאַליזירט, אויף אַלע צייטן פאַרבליבן מיר אין קאָפּ. כ׳בין רייך, טיילמאָל פאַרשאַפט מיר ווייטאָק מיין רייכטום, אָבער נאָר טיילמאָל.

כ׳האָב אַ שמאָלן ראַץ אויף דער האַנט — דאָס איז פֿון איינגעבאָרגס אַ בוזעם־שפּילקע; דורך די אַלע יאָרן איז ער נישט פֿאַרריבן געוואָרן. אָפּט קוק איך אויף דעם ראַץ, באַטראַכט אים צערטלעך, יאָ, כ׳האָב אים שוין געגלעט. אַן, איך ווייס, אויף אַ שיף האָב איך איינמאָל אַ מענטשן דערציילט די געשיכטע פֿון אָט־דעם ראַץ — ער האָט געהאַט אַ שלעכטע ראיה — ער האָט אים קוים געקאָנט באַמערקן — אַ פֿולשטענדיק אומבאַקאַנטן מענטשן, אַ רירנדע געשיכטע פֿון אַ הונט, וואָס איז געווען די סיבה פֿון דעם ראַץ, נאָר כּדי צו קאָנען רעדן וועגן דעם דאָזיקן ראַץ, ווייל דעמאָלט גראָד האָב איך געמוזט וועגן אים טראַכטן. אַזוי בין איך, מוז איך וועגן עפּעס טראַכטן, אַזוי באַפֿריי איך מיך נישט פֿריער דערפֿון, ביז איך וועל עס נישט הונדערט מאָל איבערטראַכטן, כ׳מוז אַוועקגיין, אַנטלויפֿן, נאָכאַמאָל אָנהויבן פֿון פֿאָרנט און וועגן דער זאַך טראַכטן. דאָס איז מיר געבליבן, עס לאָזט זיך גוט פֿאַרגלייכן מיטן פֿאַרהיילטן ראַץ אויף דער האַנט.

כ׳באַטראַכט דעם ראַץ, כ׳פֿיל דערויף אַ פּאָר ליפּן, וואָס נאָגן־אויס דאָס בלוט, כ׳זע זיי, אָט־די אויסגעשפּיצטע ליפּן. אָט־די בעטנדיקע, שמייכלענדיקע אויגן, וואָס קוקן אויף מיר פֿון דער זייט, בעטן מוחל־זיין פֿאַר עפּעס, וואָס איז נישט ווערט מ׳זאָל דערפֿון רעדן, כ׳פֿיל עטלעכע האָר, וואָס צערטלען מיר די האַנט. כ׳שפּיר דעם ריח פֿון די האָר. ווערטער הער איך. כ׳הער דאָס וואָרט: מיין. די שטים, וואָס זאָגט דאָס, איז ווייך און צערטלעך, זי רעדט נאָך אַרויס אַ קליינע „י“ נאָך דעם מ״י, מיי—ין זאָגט זי. כ׳וואָלט געקאָנט קושן אָט דעם קליינעם ראַץ און דאַנקען פֿאַר אים, ווען ער וואָלט נישט געווען אויף מיין האַנט.

כ׳טו דאָס נישט. ווער וואָלט דאָס אַמאָל געטראַכט, אַז אָט דער אומבאַמערקבאַרער ראַץ, דאָס אומבאַמערקבאַרע געשע־

ניש אין אַ שעה, אין וועלכער אַזויפיל נאָך זאַכן זענען געשען, זאָל קריגן פֿאַר מיר אַזאַ גרויסע באַדייטונג, פון אַ צייט, ווען ס'זענען אַזויפיל שעהן געווען, אַזויפיל, אַזויפיל שעהן, כ'האָב זיך די שעהן נישט געציילט? דער ראַץ איז איצט פאַר מיר אַלצדינק, יאָ, כ'מוז זאָגן, איצט אין דער מינוט איז ער פאַר מיר אַלצדינק, מיין גאַנץ פאַרמעגן, מיין ליבלינג, מיין גליק! ס'טרעפט, איך זע אים נישט וואָכן-לאַנג. טראַכט נישט וועגן אים, האָב אַ סך, אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס מאַכן מיך רייך, ברענגען מיך אין התפעלות, אָבער איצט, יאָ, איצט איז ער פאַר מיר אַלצדינק!

דער שפּילפויגל האָט אונז פאַרלאָזן, דאָס טרילערל זיצט שוין אויס די צווייטע אייער, די קאַרשן זענען רויט. אַ סך ביימער זענען שוין אָפּגעליידיקט. גרינע עפּל און באַרנעס, באַצויגן מיט אַ הויך, זעט מען אויף די ביימער. די ערד פּי-בערט. זי איז מוטער, צום מיליאַרדסטן מאָל מוטער, האָט אַ סך צו טאָן און ווערט נישט מיד און שאָפּט מיט אַ ברענענדיק פּנים.

די זון פינקלט, דער הימל איז בלוי ווי שטאָל, שטילע, ווייסע וואָלקנס זענען אויסגעשפּרייט איבער אים, ווי ווייסע זעגלען איבערן ים.

וואָס האָב איך געטראַכט? וואָסערער בין איך געווען?

איך זע מיך אַרומגיין. כ'האָב געטראָגן אַ ווייסן אַנצוג, מיינע הענט און פּנים זענען געווען ברוין פון דער זון. כ'בין געגאַנגען מיט אַ פולער אַרויסגעשטרעקטער ברוסט, מיט אַ לייכטן טריט, די ערד האָט זיך געוויגט אונטער מיינע פיס. כ'בין קיינמאָל נישט מיד געווען, כ'האָב שטענדיק געהאַט דאָס געפיל, אַז איך שוועב. כ'בין לייכט אַריינגעפאַלן אין אַ טאַנץ. אַרומגעגאַנגען איבער מיין צימער אַרויף און אַראָפּ — האָט עס אָפּט מיט מיר געשען. אַ רויטער פירעק, אַ בלויער פירעק, און מיינע

פּיס פֿלעכטן זיך אין דעם רויטן פּירעק. אַ רויטער פּירעק אויף רעכטס, רויטער פּירעק אויף לינקס — איך טאַנץ שוין. אָפּטמאָל האָב איך זיך נאָר דורכגעשלייכט, געגאַנגען שטיל, זייער שטיל. פֿאַרוואָס אָבער בין איך געגאַנגען אַזוי שטיל!

כ׳בין אַריינגעגאַנגען טיף אין וואַלד, דאָרט וואו ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל טונקעלער, און זעלטענע, גלאַנציקע שוואָמען זענען געוואַקסן און פֿאַרביקע פֿליגן האָבן אַרומגעזשומט, דאָרט האָב איך גענומען זינגען, און געזונגען אזוי הויך, וויפֿיל כ׳האָב נאָר געקאָנט, אומגעלומפּערטע זאַכן האָב איך אויסגעזונגען. אָדער כ׳האָב געזונגען אײנגעבאָרגס נאָמען, געזונגען אַזוי הויך, וויפֿיל כ׳האָב נאָר געקאָנט, און זיך איינגעהערט צום ווידערקול. כ׳בין געגאַנגען דורכן וואַלד, אַלע בלעטער וואָלט איך געקאָנט אויסקושן, יעדן אייציקן באַזונדער, פֿון דער פֿאָדערשטער און פֿון דער אונטערשטער זייט. אַ סך האָב איך אויך געקושט. ווייל ס׳האָט געקאָנט געשען, אַז אַ פֿלוצלינגע פֿאַליע פֿון גליק איז מיר איבערגעלאָפֿן, דעמאָלט האָב איך, ווילנדיק, נישט-ווילנדיק, געמוזט קושן די בלעטער.

כ׳בין געגאַנגען אַרומן שטייענדיקן וואַסער אין פּאַרק, כ׳האָב מיך פֿלוצלינג דערמאָנט אָן אַ וואָרט, אַ זיס וואָרט, וואָס צוויי ליפּן האָבן מיר אַריינגעקושט אין אויער אַריין.

די פֿאַליע פֿון גליק איז מיר איבערגעלאָפֿן, האָב איך אויסגעטאָן די פֿינגערלעך פֿון פֿינגער און געוואָרפֿן זיי אין וואַסער אַריין, אַרויסגענומען די שפּילקע פֿון דער בינדע און געוואָרפֿן זי אין וואַסער אַריין.

קיינער האָט נישט געזען.

און אין מיר האָט עס אַלץ כּסדר געזונגען.

לאָמיר זיך אויספּוצן, מיידל מיינס, וואָרים דאָס גליק אונזערס איז געקומען! לאָמיר זיך רויזן-קרענץ אָנטאָן אויף די

קאָפּ, וואָרים זומער איז, גיב מיר דיינע הענט, ליבסטע, זע, די אָרעמס וועלן מיר אויפהויבן און טאַנצן, וואָרים די לאָנקעס זענען גרין!

אַזוי האָט עס געזונגען אין מיר.

איינמאָל בין איך אַזוי געשטאַנען ביים פענסטער, און די זון איז פאַרגאַנגען. פּרעכטיק פאַרגאַנגען, דער טאָל האָט געלויכטן, אַלצדינק האָט דער פאַרגייענדיקער זון געטראָגן געשאַנקען אַנטקעגן, די גראָזן — פינקלענדיקע רובינען, די וועלדער — גאָלדענע שלייערן, דער טייך — פייער, אַ ווינקערײַ איז דאָס געווען, אַ פריילעכדיק געזעגענען־זיך, און די זון האָט געשמייכלט און פאַרגאַנגען. און איך האָב מיך אַזוי צוגעקוקט צו דער פרייד און דאַנקבאַרקייט פון טאָל און צום שמייכלען פון דער זון און בין אַזוי גליקלעך געווען, אַזוי רייך, כ׳האָב געשמייכלט, אָבער דאָס האַרץ איז מיר איבערגעלאָפן און כ׳האָב געמוזט ווײנען, כ׳האָב געשמייכלט און געוויינט אין דער אייגענער צייט.

און אין געוויין אַזוי האָט מיך אַ האַנט אַ כאַפּ געטאָן און צוויי אויגן האָבן מיך אַ קוק אָן געטאָן. „דו וויינסט, אַקסעל?״

כ׳האָב געלאַכט, די טרערן האָבן געשפריצט איבער מיין פּנים, ווייל ביים לאַכן האָב איך געשאָקלט מיטן קאָפּ, כ׳האָב צוגעצויגן אינגעבאָרג צו זיך, און זי איז געשטאַנען אַזוי אָן באַוועגונג, אירע ליפּן נאָר האָבן זיך אומבאַמערקטערהייט באַוועגט, אונאויפהערלעך האָט זי געקושט מיין האַרץ. — — —

דער גליקלעכער מענטש! כ׳קאָן דיר אָפּמאָלן ווי אַזוי ער זעט אויס, פון אויסעווייניק און פון אינעווייניק ווי אַזוי ער זעט אויס!

גליק מאַכט אַ מענטשן שיין, קלוג און גוט.

ער שפּרייזט ווי אַ יונגער גאָט, דער גליקלעכער, ער גייט נישט, ער שפּרייזט. רויזן אויפן קאָפּ, רויזן אויף די באַקן,

רויזן אין קאָפּ. וואָס ער רירט אָן, דאָס לעבט אויף, וואָס ער קוקט אָן, דאָס לאַכט. פּייער איז זיין שטים. ער שטייט אויף זיין הייך און קוקט אַראָפּ אויף די זאַכן אַרום און פאַרשטייט זיי, פון אויבן קוקט ער אויף אַלעמדינק און פאַרשטייט דאָס, ווייל אַלצדינק קומט אַרויס פון גליק אָדער פון אומגליק. ער פאַרשטייט די גרויסע הערצער און די קליינע, די גליענדיקע און די פאַרפרוירענע, ער פאַרשטייט דאָס ליד פון אַ פויגל און דעם פערז פון אַ דיכטער.

זיי וויסן — ער זייט פרייד אַרום זיך, אַ סך בעטלער זענען פאַראַן אויף דעם וועג פון לעבן, און דאָס רוב פון זיי דערקענט נאָר דאָס אויג פון גליקלעכן. ער זוכט. ער האָט אַ שונא, וועלכן ער האָט פאַרביסן-פיינט שוין אַ סך יאָרן, איינעם, וואָס האָט אים שענדלעך פאַרראַטן, ער איז גליקלעך, שרייבט ער צו אים: זאָל שוין גוט זיין, שרייבט ער צו אים: ס'איז פאַרגעסן געוואָרן, נייע טעג זענען אָנגעקומען. מיט טרערן אין די אויגן שרייבט ער דאָס, דאָס האַרץ זיינס שטראָמט איבער. ער גייט אַוועק צו דעם איינגעעקשנטן, קלאַפּט אָן צו אים אין טיר, קלאַפּט און קלאַפּט, ביז ער עפנט-אויף. זיי מוחל, זאָגט ער, איך, איך בין שולדיק געווען —

נישט איינעם האָב איך שוין געקענט, וואָס האָט אַוועקגע-שאָנקען זיין געלט און פאַרמעגן און ערד, ווייל ער איז געווען גליקלעך, דאָס אייגענע גליק זיינס האָט ער אַוועקגעשאָנקען, ווייל ער איז געווען גליקלעך, דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען אָרעם, אין איין העמד.

זיי וויסן—גליק מאַכט, אַז איינער לאָזט זיך אַרויפשלאָגן אויף אַ קרייץ און שעלט נישט זיינע מערדער, יאָ, עס קאָן טרעפן, אַז איינער זאָגט ליגן און זאָגט-צו די מענטשן דעם גן-עדן, ווייל ער איז גליקלעך.

אַ לאַווינע פון גליק קוילערט ער דורך יאָרטויזנטער.

אַזוי איז דאָס גליק: הייבסטו אָן צו רעדן דערפון, מוזטו רעדן, טויזנט טעג און טויזנט נעכט און געפינסט קיין סוף נישט, אָן אַן אויפהער מוזטו רעדן, אָן אַן אויפהער —

צוויי גליקלעכע מענטשן וואוינען דאָרט אויבן אין באַרגיקן וואַלד.

כ'זע אַ קליין ליכטל ברענט זיך אין אַ טונקעלן צימער. אַ קליין ליכטל, כ'זע אַ שמייכל, אַ פּנים, וואָס פאַרזונקט אין גאָלדענע האָר.

כ'הער פליסטערן. „איך בין דיינע".

איך בין דיינע, איך בין דיינע.

זומערנאַכט, דו ביסט אַ טונקל-בלויער איידלשטיין.

זומערנאַכט, ביסט אַ שמעקעדיקער אָטעם פון גאָטס ליפּן. זומערנאַכט, ביסט דאָס קלאָרע, זעליקע אויג פון אַ יונגער מאַמען.

איז נישט דאָס די זומערנאַכט — אַ וואַרעמער טונקל-בלויער וואַלד, אין מאָך אַ נאַקעט קינד, וואָס שפּילט זיך מיט אַ ברומענדיקן בער? איז נישט דאָס די זומערנאַכט — אַ קאַרליק זיצט אויפן ראַנד פון אַ ברונעם און שפּיגלט זיך? איז נישט דאָס די זומערנאַכט—אַ געזאַנג פון דער ווייט—אַ רופעריי ערגעץ־וואו—אַ קוש אין דער לופט. — זיפצן — — אַ בליץ פון בלוט —

איך בין דיינע, איך בין דיינע!

כ'טראַכט וועגן דעם לייב פון אַ פרוי, וואָס הייבט אָן בליִען. כ'האָב שוין אַמאָל געחלומט דעם חלום, אויף די אויגן־הייטלעך פון דער פרוי זענען געהיימניספולע ווערטער געשטאַנען, — ווייסע אויגן — אויגן ווי ליכטער —

כ'טראַכט — — טיפענישן צעעפענען זיך, די וועלט מאַכט

אויף אירע אויגן און קוקט מיך אָן—איך קני אַנידער פאַר גאָטס טראָן און גאָט שעפּטשעט מיר זיינע סודות אין אויער אַריין.

איך בין דיינער, איך בין דיינער!!

די וועלט שטייט שטיל, ס'איז נישט טונקל, נישט העל, נישט קולותדיק, נישט שטיל. ס'פליסטערט.

„זעסט מיינע אויגן?"

„יאָ, כ'זע זיי. זיי ברענען".

„דיינע אויגן זענען אַ בלישטשענדיקע נאַכט. שטערן זענען דאָ אין זיי". עפּעס פליסטערט.

אַרום און אַרום גליט עפּעס אויף און שפּרייזט. אַלטע, אוראַלטע געטער וואַנדלען אַרום אונז. — —

זומערנאַכט, ביסט אַ טונקעלער ציפּריסן-וועלדל, איבער וועלכן אוראַלטע געטער מיט לאַנגע בערד וואַנדלען אַרום. זיי טראָגן די בערד אויף די אָרעמס, כדי נישט צו טרעטן אויף זיי, טונקל איז, זייערע אויגן לייכטן. — —

זאַכן, וואָס קיין מענטש וועט נישט באַגרייפן, נישט דערטראַכטן — —

דער טאָג גרויט זיך, עפּעס שעפּטשעט אין מיין צימער, עפּעס כיכעט. „די לבנה פאַלט אויף הינטער זיך אין וואַלד אַריין", זאָגט אינגעבאָרג און כיכעט.

„וואָס זי זעט זיך אַליין אָן אין משך פון איין נאַכט?" זאָג איך.

אינגעבאָרג כיכעט.

„מיר פאַלט איצטער איין, אינגעבאָרג, דערמאָנסט דיך, אַ מענטש האָט געשריבן: דעם לעבנס אונגעמישטע פרייד—?"

„יאָ! אָ, אַקסעל, אַן אָרעמער, אָרעמער, אומגליקלעכער מענטש איז דאָס געווען—"

„כאַ-כאַ-כאַ!"

„זענען מיר קינדער ?“

„יאָ, איך בין אזוי פריילעך, אַזוי לופטיק. איך פלי. אָן אַן אויפהער וואָלט איך געקאָנט לאַכן, לאַכן!“ — —

אויף דער לאַנקע פאַרן שלאָס איז געשטאַנען אַ קליינע שלאַנקע בזשאָזע. זיידנווייכע, יונגע בלעטער האָט זי געהאַט, וואָס האָבן שטענדיק געהאַט וואָס צו סודען זיך, און אַ קאָרע, ווייס און ווייך, ווי די פעל פון אַ ווייזעלע. לעבן אָט־דער בזשאָזע האָבן מיר זיך אַ באַנק געמאַכט, אינגעבאָרג און איך. אַ גאַנצן טאָג האָט געדויערט, ביז מיר האָבן צוגעשניצט די פלעקלעך, אַרומגעהעבליעט דאָס ברעט. מיר האָבן אַסך געלאַכט ביי דער אַרבעט און אינגעבאָרג האָט געפיבערט פאַר ברען.

אַ סך אָוונטן זענען מיר אַזוי אָפּגעזעסן אויף דער קליינער באַנק און זיך צוגעקוקט ווי די זון פאַרגייט.

ווידער זענען מיר געזעסן אויף דער באַנק אונטער דער בזשאָזע און דער אָוונט האָט אָנגעהויבן גליען.

„צו אייך, געטער, שרייבן מיר אַ בריוו! מיר, אינגעבאָרג און אַקסעל!“ האָב איך געזאָגט.

„הייב אָן, אַקסעל!“ האָט אינגעבאָרג געזאָגט.

און איך האָב אָנגעהויבן: „איר געטער, איר גוטע געטער, איר האָט זיך אייערע גוטע און, אייערע שלעכטע טעג, פונקט אַזוי ווי מיר מענטשן. אין אייערע שלעכטע טעג—דעמאָלט שאַפט איר מענטשן מיט געווייניגלעכע פּנימער און מיט אַ נשמה, נישט טיפער און נישט וואַרעמער, ווי אַ רעגן־קאַלוזשע אין מערץ.

אָבער אין אייערע גוטע טעג—דעמאָלט שאַפט איר מענטשן מיט אַ פנים, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן, מיט אַ טיפער גליענדיקער נשמה. אין אייער בעסטן טאָג דעמאָלט האָט איר באַשאַפן אינגעבאָרג“.

„איר, גוטע געטער, געוויס האָט איר גרויסע אויערן, האָט איר מסתמא געהערט, וואָס אַקסעל האָט געזאָגט און איר האָט פֿאַרנומען זיין זאַפֿטיקע שטים. קוקט זיך אויך איין אין זיין פּנים און איר׳ט וויסן, ס׳אַראַ גוטער ער מוז זיין״.

„איר, געטער איבער די וואָלקנס, אינגעבאָרג קענט איר גוט, פֿאַרשטייט איר מסתמא און זענט מיר מוחל, וואָס איך וואָלט נישט געוואָלט אַרומוואַנדלען מיט אייך איבער די וואָלקנס, נישט קוקנדיק, וואָס איר זענט געטער״.

„איך וואָלט אויך נישט געוואָלט!״ האָט אינגעבאָרג אויסגעשריגן. „ניין, איר אַלטע פֿריינטלעכע געטער. אָבער איך בעט אייך, שטראָפֿט אונז נישט פֿאַר אונזער חוצפּה!״ — —

ווידער זענען מיר געזעסן אויף דער באַנק אונטער דער קליינער בזשאָזע. גראָד פֿאַר צוויי מענטשן איז געווען אָרט אויף דער באַנק.

ס׳איז געווען אין אַ שעה, ווען די שטערן זענען נאָכנישט געהאַט אויפֿגעגאַנגען און דאָך האָט מען זיי אַלע מיט די בליקן פֿאַרגעפֿילט.

כ׳האָב געזאָגט: „אינגעבאָרג, ביסט מיין ליבלינג, און ס׳האַרץ מיינס איז אַזוי רייך געוואָרן, זייט כ׳האָב דיך געקושט״.

האָט אינגעבאָרג געזאָגט: „אַקסעל, כ׳דערשרעק זיך פֿאַר פֿרייד, ווען כ׳זע דיין שאָטן אַרויסשאַרן זיך פֿון אונטערן ווינקל. דאָס בלוט ווערט אַנטרינען פֿון מיינע באַקן, ווען כ׳דערהער דיין שטים. ס׳איז פֿאַר מיר אומבאַגרייפֿלעך, אַז איך טראָג איבער דיינע קושן און שטאַרב נישט״.

איך: „אינגעבאָרג, איך בין אַ גאָרטן, אַ בליענדיקער גאָרטן. אינגאַנצן אין בליטן בין איך, אינגעבאָרג!״

אינגעבאָרג: „אַלע זאַכן זע איך אין אַ פאַרענדערט גע־שטאַלט און האָב זיי ליב מער ווי ווען־נישט־איז. כ׳האָב ליב די שטיינער אַפילו, וואָס ליגן אויף די גאַסן. אַלע זאַכן זעען אויס, ווי דו וואָלסט אויף זיי געווען.

די גאַנצע וועלט איז געוואָרן אַ שפּיגל, וואָס ווייזט מיר דיך. אין די בלעטער פון בוקנבוים האָב איך שוין געזען דיין שמייכל, און אויף אַ לאָנקע—דיין האַנט, וואָס האָט זיך באַוועגט. אַך, ווען ס׳זאָל געשען עפּעס אַזוינס, וואָס דורך דעם וואָלט איך דיר געקאָנט מיין ליבע באַווייזן. בעטלען וואָלט איך געגאַנגען פאַר דיר, פון הויז צו הויז—"

איך: „כ׳הער קוים וואָס דו זאָגסט, כ׳הער נאָר דיין שטים. זי פאַרוויגט מיך ביז טויט מיט איר געזאַנג. ווי טייער איז דאָס צו פאַרמאַכן די אויגן און אין די געדאַנקען נאָכצופאָלגן די ליניע פון דיין פּראָפיל.

ווי טייער איז דאָס צו קוקן אויף דיינע האָר, יעדן פונק פון דיינע האָר האָב איך אין זכרון. וואָסערע זענען דיינע האָר? זיי זענען אַזוי, ווי זיי וואָלטן אומעטום געהאַט אויגן. ווי טייער איז דאָס, דיינע ברעמען האָבן איינמאָל אָנגערירט מיינע אַקסלען, שטענדיק פיל איך דאָס — איצט — יעדע רגע —"

אינגעבאָרג: „אָ, מיין געליבטער, וועסטו מיך אייביק אַזוי ליב־האָבן?"

איך: „פאַרוואָס פרעגסטו, זיס טייערקייט?"

אינגעבאָרג: „כ׳ווייס דאָס, יאָ! אָבער דאָך זאָלסטו מיר אין משך פון טאָג טויזנטמאָל זאָגן, אַז דו האָסט מיך ליב".

האָב איך גענומען אינגעבאָרגס הענט און אַרויפגעלייגט זיי אויף מיין ברוסט, כ׳האָב אויפגעעפנט דאָס העמד, אַזוי אַז זיי האָבן אָנגערירט מיין נאַקעטע ברוסט.

און כ׳האָב געזאָגט: „אויף אַלע אייביקייטן וועל איך דיך ליב־האָבן, כ׳האָב דיך ליב, כ׳האָב דיך ליב, כ׳האָב דיך ליב — —"

אַזוי איז דאָס גליק: הייבסטו אָן רעדן דערפון, אַזוי מוזטו רעדן טאָג־איין, טאָג־אויס, נאַכט־איין, נאַכט־אויס, קאָנסט מער נישט אויפהערן, ניין, קאָנסט נישט, מוזט רעדן, רעדן־שרייען — שעפטשען — אָן אַן אויפהער — —

## 17

אַ דראָענדיקער וואָלקן האָט זיך גענומען פּאַרציען איבער אונזער הימל, אַ פינסטערער וואָלקן, ער האָט מיך געדריקט. כ'האָב מיר געקלאַפּט אין האַרצן, געפאַלן אויף די קני און מתפּלל געווען צום גרויסן גייסט.

דער דראָענדיקער וואָלקן איז פאַרבייגעצויגן, ער האָט מיך נישט צעשמעטערט, אַ סך שפּעטער איז ערשט געקומען דער בליץ, ווען דער הימל איז שוין ווידער קלאָר געווען און לויכטנדיק — — אינגעבאָרג איז קראַנק געוואָרן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי. מיר זענען געזעסן אויף דער קליינער לאָנקע ביים ברעג וואַלד, וואָס אינגעבאָרג האָט איר אַ נאָמען געגעבן האָניק-טראָפּעלע. אַ סך געלע בלומען זענען דאָרט געוואַקסן, פון וועלכע ס'האָט געטריפט מיט האָניק. שוין פונדערווייטנס האָט מען דערשפּירט האָניק, אַ ים פון בינען האָט אָן אויפהער געברומט אויף דער לאָנקע. זענען מיר אַזוי געזעסן אין דער גליענדיקער זון, אָבער אינגעבאָרג האָט געציטערט פון קעלט.

מיר זענען אַוועק אַהיים דורכן פּאַרק, אינגעבאָרג האָט זיך געטוליעט צו מיר. פּלוצלינג האָט זי אַ געשריי געטאָן. אין דער אַלעע איז געשטאַנען אַ סטאַטוע, וואָס האָט פאַרקערפּערט דאָס

שווייגן, אַ פֿרוי, וואָס האַלט צוויי פֿינגער בײַ די ליפּן. פֿאַר דער בלאַסקייט פֿון מאַרמאָר האָט זיך אינגעבאָרג דערשראָקן. [illegible]ין אָוונט איז זי צו זיך געקומען. קאַרל האָט געגעסן מיט אונדז, מיר זענען געווען גוט געשטימט, געפּלוידערט, געלאַכט.

אָבער אויף צומאָרגנס אינדערפֿרי איז אינגעבאָרג געווען קראַנק.

כ'בין אַוועק אין שטאָט, געבראַכט אַ דאָקטאָר, דעפּעשירט אין דער הויפּטשטאָט. דער וועג האָט געפֿירט דורכן זומער־שטילן וואַלד, די פֿייגל האָבן געצוויטשערט. דאָס האַרץ איז מיר געווען אומרויִק, מײַן אומגעדולדיקייט איז פֿאַרויסגעלאָפֿן פֿאַר מיר. כ'האָב געיאָגט דורכן דערפֿער און גיטער, מענטשן האָבן מיר געדראָט מיט דער פֿויסט. מער ווי אַ טוץ אַזעלכע פֿויער־ישע פּנימער.

דער דאָקטאָר האָט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. אויך קאַרל האָט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, אָדער ער האָט געמאַכט, אַז ער פֿאַרשטייט נישט.

אינגעבאָרג האָט געשמייכלט.

ס'וועט אַריבער, היינט אין אָוונט וויל זי צוריק אויפֿשטיין.

ס'האָט אויסגעוויזן, אַז קיינער הערט נישט, ווי גיך זי רעדט, ווי זי פּלאַפּלט כמעט ווי אַ קינד, ס'האָט אויסגעוויזן, אַז קיינער זעט נישט דעם מעטאַלענעם גלאַנץ אין אירע אויגן.

קאַרל האָט פֿאַרגעלייענט. איך האָב נישט געהערט, וואָס ער לייענט, נאָר פֿון צײַט צו צײַט איז אַנטשטאַנען אַ בילד פֿאַר מײַנע אויגן, אָן פֿאַרב און אָן קאָנטורן, ווי אָן אָפּגעוואַשענער אַקוואַרעל. אינגעבאָרג איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

אַליין בין איך געזעסן בײַ אינגעבאָרג אין ווייסן צימער די שרעק האָט מיך גענאָגט בײַם האַרצן. גאָלדענער בין־השמשות איז אַרײַנגעדרונגען אין הויז, אינגעבאָרגס האָר האָבן געגלאַנצט

ווי אַרץ. איר ברוסט האָט זיך לאַנגזאַם געהויבן און אַראָפּגע־לאָזט, די דאָזיקע גלייכמעסיקע באַוועגונג האָט געברענגט פרידן אין מיין האַרצן. נישט ווילנדיק האָב איך געאָטעמט אין דעם אייגענעם טאַקט, דערנאָך בין איך אויפמערקזאַם געוואָרן דערויף, און ווידער האָט מיך אָנגעהויבן נאָגן די שרעק. ס'איז געוואָרן טונקל, אינגעבאָרגס האָר האָבן געבלאַנקט, דער בין־השמשות איז אַלץ געדיכטער געפאַלן איבער איר, ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט מיך אויסגעמיטן. כ'האָב אָנגעצונדן אַ ליכט. דאָ האָט זיך אינגעבאָרג אויפגעכאַפּט.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט גרויסע אויגן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי באַטראַכט זיך וועגן עפּעס.

„ווי שפּעט איז, אָקסעל?" האָט זי געפרעגט.

ס'איז נאָר־וואָס געוואָרן אָוונט.

„אויב אַזוי מוז איך נאָך לאַנג שלאָפן", האָט געזאָגט אינ־געבאָרג. אָבער זי איז מער נישט אַנטשלאָפן געוואָרן. ס'איז געוועזן הייס. דאָס פּנים אירס האָט געגליט. כ'האָב געעפנט אַ פענסטער, אַ קילער ווינט האָט אַ וויי געטאָן, ווי נאָך אַ געווי־טער, כ'האָב געמוזט צוריק צומאַכן. איבערן הימל האָבן געצויגן שווערע הענגענדיקע וואָלקנס, וואָס האָבן געגרייכט ביז די וועלדער. פונדערווייטנס האָט מען געזען אַ פאַרע, ס'איז גע־גאַנגען אַ רעגן. כ'האָב צוגעלייגט קאַלטע טיכער צו אינגעבאָרגס שטערן, אָבער אין דער זעלבער רגע זענען די טיכער געוואָרן וואַרעם. אינגעבאָרגס אויגן זענען געווען גלאַנצנדיק־פייכט, ווי בלויער און ווייסער עמאַל.

„און איצטער בין איך קראַנק", האָט אינגעבאָרג געזאָגט און מיד אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן.

די נאַכט איז אָנגעקומען. קאַרל האָט געהייסן פרעגן צי ער קאָן מיט עפּעס בייהילפיק זיין. ניין, כ'דאַנק. לאַנגזאַם זע־

גען פאַרגאַנגען די מינוטן. דער ווינט איז געוואָרן שטאַרקער, האָט געקלאַפּט אָן די שויבן, טיילמאָל געמורמלט עפּעס, ווי די קעלט וואָלט אים געוואָרפן. אין די בערג און וועלדער האָבן אָפּגעהילכט ווייטע, טעמפּע דונערן.

געדאַנקען האָבן געצויגן אַהין און אַהער אין מיין קאָפּ, עפּעס אַ שטים האָט געשעפּטשעט אין מיר. — —

דאָס גרויסע געלע הויז מיט די פילע צימערן איז געלעגן גאָר שטיל, ווי ס׳וואָלט אין דעם קיינער מער נישט געוואוינט, אויסער די בילדער אויף די ווענט און זכרונות.

מ׳האָט נישט געהערט דעם אָפּקלאַנג נישט פון טירן, נישט פון טריט, אויך פון הויף האָט זיך נישט אָפּגערופן דער מינדסטער קלאַנג ווי אום זונטאָג, ווען דאָס דינער-געזינדל געפינט זיך אין קירכע. קיין זאַך האָט זיך נישט גערירט, קיין מינדסטער אויסגעשריי, קיין טריט נישט. דאָס שווייגן האָט מען געהערט און ס׳איז מיר פאָרגעקומען, אַז פון שעה צו שעה ווערט עס טיפער און שווערער.

כ׳האָב אָנגעדרייט עטלעכע זייגערס. מ׳האָט גאָרנישט געהערט, אויסער די זייגערס. דאָס שווייגן אָבער איז געוואַקסן, עס האָט זיך וואָס אַמאָל געדיכטער צעשפּרייט איבערן הויז. אַלץ האָט אויסגעזען זיך איינצוהערכן עפּעס איז ווייטע טריט, וואָס קומען וואָס-אַמאָל נעענטער.

אַ שטים האָט געשעפּטשעט אין מיר. כ׳האָב פאַרמאַכט פאַר איר דאָס אויער. נישט געוואָלט זי הערן.

דער דאָקטאָר פון דער הויפּטשטאָט איז אָנגעקומען. ער האָט געזאָגט, אַז איינגעבאָרג פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעך קרעפּטיקע נאַטור. דאָ האָט די שטים אין מיר גענומען שעפּטשען העכער, ס׳זענען שוין געוואָרן צוויי שטימען, וואָס האָבן געשעפּטשעט אין מיר. כ׳האָב זיי אויסגעהערט, אָבער כ׳האָב

זיי נישט געגלויבט. כ'בין אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב, מאַכנ־דיק אַ גלייכגילטיק פּנים.

די שעהן האָבן זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. ביז די נאַכט איז נישט געקומען, ביז די נאַכט איז נישט פאַרגאַנגען! ס'זענען געווען קילע, שטורעמדיקע טעג, די מאָלקנס האָבן פאַרבלאָנ־דזשעט אין די בערג־שפּיצן און נישט געפונען קיין אויסוועג. לאַנגזאַם האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפּט אין אַ קרייז און גע־מרוקעט.

כ'בין נישט געשלאָפן. כ'האָב נישט געפילט קיין מידי־קייט, אָבער דאָס געהער מיינס איז איינגעשלאָפן. אינגעבאָרג האָב איך נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג, מ'האָט געדאַרפט די קישנס צורעכט־מאַכן, פּרוכט־זאַפט דערלאַנגען, אייז צולייגן. כ'האָב קיינעם נישט אַריינגעלאָזט אין צימער פון קראַנקן, אויסער דעם דאָקטאָר. ער האָט געוואוינט אין שלאָס.

כ'האָב געטראָגן אינגעבאָרגס פיבערנדיקן קערפּער צום באָדן און צוריק אין בעט, כ'בין געווען קרעפטיק, איבעריקנס איז דאָס געווען מיין אינגעבאָרג, און קיינער האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו פלעגן זי, אויסער מיר.

גייט דאָך שלאָפן! האָט געזאָגט דער דאָקטאָר. איר זענט אַליין קראַנק! ניין! האָב איך געזאָגט.

ס'איז געקומען אַ נאַכט, פּלוצלינג האָט זיך אינגעבאָרג שטייף אַנידערגעזעצט אין בעט, מיט אַן אויסגעצויגן פּנים, צע־פינקלטע אויגן, און גענומען עפּעס ציילן אויף די פינגער.

„זיבן צעטעלעך. זיבן זענען דאָ!" האָט זי אויסגערופן מיט אַ קול פון אַ דערשראָקן קינד.

איך בין בלאַס געוואָרן. ס'איז געשען!

שעהן־לאַנג האָט אינגעבאָרג פאַנטאַזירט, ביז זי איז פאַר־מאַטערטערהייט צוריקגעפאַלן אין קישן.

אַ סך קולות האָבן געשריגן אין מיר אַזוי הויך, אַז כ'האָב די געמוזט הערן. זי איז פאַרלוירן! האָבן זיי געשריגן. איין קול האָט געוואַלדעוועט: איינגעבאָרג! איינגעבאָרג! און איינער האָט מתפּלל געווען, געבעטן מיט משוגענע, דערשראָקענע, הילפלאָזע ווערטער, אָן אַן אויפהער.

טאָג און נאַכט האָבן די קולות נישט אויפגעהערט אין מיר.

פּאַצאָ האָט געבילט אויפן הויף. ער האָט פאָרגעפילט, אַז די בעל-הביתטע איז אין אַ סכנה.

ווי אַ שכורער בין איך אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער איבער מיין צימער. נישט געוויינט, נישט געקלאָגט, ניין, נישט תפלה-געטאָן. די קולות זענען געווען אין מיר. איין קול איז אויך געווען אין מיר, וואָס האָט אָנאויפהערלעך געוויינט. אָבער איך האָב נישט געוויינט. ווי אַ שכור בין איך אַרומגעגאַנגען אַהער און אַהין איבער מיין צימער.

אומבאַוואוסטזיניק האָב איך גענומען אַ שניץ-מעסערל פון שרייבטיש און אַריינגעשטאָכן זיך דאָס אין האַנט. כ'האָב גאָר-נישט געשפּירט, ס'איז געגאַנגען בלוט. כ'האָב געזען דאָס בלוט, — טאַקע, כ'האָב זיך דאָס מעסערל אַריינגעשטאָכן אין האַנט, ווען, נאָכוואָס?

און נאָך איין קול האָט זיך אָפּגערופן אין מיר, וואָס האָט אָן אויפהער געשריגן: הילף! הילף! ער האָט פאַרבראָכן די הענט, דער קול האָט פאַרבראָכן די הענט. — — —

כ'האָב זיך געראַנגלט מיט איינגעבאָרג מיט אַלע מיינע כוחות, זי איז געווען שטאַרקער פון אַ מאַנסביל, כ'האָב זי גע-מוזט אָפּהאַלטן, ווייטאָק געמוזט איר פאַרשאַפן. זי האָט געיאָ-מערט, געיאָמערט. האָט געוואָלט לויפן אין וואַלד אַריין. — — —

האָט זי נישט איבערגעלעבט אַ מאָראַלישע אויפטרייסלונג? האָט געפרעגט דער דאָקטאָר.

ליבשאַפט, ליבשאַפט, מיין בעסטער פריינט! — — — —
דער טאָג קומט אָן און פאַרגייט. די נאַכט קומט אָן און פאַרגייט.

איצטער וואוינט שוין נישט מער דאָס שווייגן אין הויז. איצטער לעבט די שרעק אין הויז. וואו מען קערט זיך לאָקערט זי, פון אַלע פנימער קוקט זי אַרויס און וואו מען האָרכט זיך איין — הערכט מען זי. איינגעבאָרגס שרייען און יאָמערן וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אין די זאַלן פון דעם הויז.

דער דאָקטאָר מעסט די טעמפעראַטור, ציילט דעם פולס און גיט אַרויס באַפעלן. זיינע מינעס זענען שווייגנדיקע און ער הייבט מיט די אַקסלען.

איך בין בלייך און אויפגערעגט, כ׳פאַרשטיי נישט וואָס מען רעדט צו מיר. מיין קערפּער איז ווי פאַראַליזירט, קיין באַוועגונג אויפן פנים, אָבער איך שלאָף נישט.

אויף עטלעכע מינוט באַפאַלט מיך פון צייט צו צייט אַ שלאָף, דאָס איז אַלץ. איך קוק אויפן גרויען וואַלד, איבער וועלכן אָנגעקנוילטע וואָלקנס הענגען, און די שרעק דרינגט אַריין אין מיין האַרצן. איך קוק אויף איינגעבאָרג, וואָס ליגט אָן באַוואוסטזיין, און ס׳איז מיר, ווי אַ האַנט וואָלט צונויפגעפרעסט מיין האַרץ, אָט אַזוי ווי מ׳פרעסט צונויף אַ פרוכט.

ס׳אַראַ גוטער קאַרל איז! ער שלאָפט נישט. ער זיצט דערלעבן אין ווייסן סאַלאָן, מיט אַ גרויסן אַטלאַס אויף די קני, און שטודירט געאָגראַפיע. ס׳איז אַ תענוג צו פליען ווי אַ פויגל דאָ אונטן איבער די קאָנטינענטן, זאָגט ער. כ׳ווייס זייער גוט, אַז די קאָנטינענטן גייען אים גאָרנישט אָן, אַז ער ליידט און וואָלט דאָס גערן נישט אַרויסגעוויזן פאַר קיינעם. און שטענדיק הייבט ער אָן צו רעדן מיט מיר וועגן אַן ענלעכע זאַך, וויפיל מאָל ער זעט מיך.

„מיין שוועסטער — צוואַנציק טעג — ווי זי האָט געפּי־בערט, אַקסעל! היינט לאַכן מיר, אַזעלכע גאַרישקייטן האָט זי אויסגעפּלוידערט".

„מוט! אַקסעל, שלאָף! מיר זענען דאָך וואַך. דער אַל־טער זאָגט — אינגעבאָרגס נאַטור איז אויסערגעוויינלעך קרעפטיק".

„ס'איז שוין גוט, כ'דאַנק", זאָג איך און גיי ווידער אַריין צו אינגעבאָרג. איך פריר, מיינע קליידער זענען דורכגענעצט, אָבער כ'האָב נישט קיין צייט זיך איבערצוטאָן. איבעריקנס איז עס אויך פולשטענדיק אַלצאיינס — צי מיינע קליידער זענען יאָ נאַס, אָדער נישט. ס'קומט אויפן זכרון דער זעלנער אויף דער מלחמה, אַכט טעג אָן שלאָף, אַכט טעג אין אַ שניי־זאַווערוכע מיט דורכגעשאָסענע פינגער. ס'קומט אויפן זכרון דער מאַטראָס, אַכט טעג שטורעם. מיינע פיס זענען פאַרשטאַרט, איך פיל שוין נישט די ערד, ווען איך גיי, ס'דאַכט מיר אויס — איך גיי באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, אָפט איז מיר, ווי כ'וואָלט געגאַנגען אויף די קני.

כ'ווייס נישט ווי לאַנג מיין אָרעם איז. כ'שטרעק אויס די האַנט און גלויב, אַז מיין אָרעם איז אַזוי לאַנג, אַז כ'וואָלט געקאָנט עפענען די טיר, נישט אויפשטייענדיק פון בענקל. טייל־מאָל טראַכט איך — איך בין אומגעפאַלן און ליג אויף דר'ערד, אָבער דאָך זע איך, אַז איך שטיי גלייך. דאָס צימער וויגט זיך ווי אַ שיף.

אָבער ווי נאָר כ'בין ביי אינגעבאָרג, זאַמלען זיך צונויף מיינע קרעפטן און כ'שפּיר נישט מער קיין מידקייט און נישט קיין שלעפעריקייט.

אַ פּאָר מאָל האָט זיך אינגעבאָרג געוועקט, זי האָט מיך דערקענט און גערעדט עטלעכע ווערטער.

די קולות אין מיר זענען געוועזן אויסער זיך פאַר שמחה.

פון אַלע קולות איז איין קול געוואָרן, און דער קול האָט גע־יובלט, געפרייט זיך.

איר שטים האָט געקלונגען פאַרענדערט, קינדיש און אַביסל הייזעריק. אָפטמאָל האָט זי נישט געקאָנט צונויפנעמען אירע געדאַנקען. דעמאָלט אָבער האָט זי גערעדט דורכן בליק, דורך אַ באַוועגונג מיט דער האַנט און כ׳האָב געוואוסט וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן. זי איז געווען בלאַס און אויסגעמאָגערט. די האָר האָבן אַרומגעהילט איר קאָפּ און אירע אַקסלען.

„כ׳בין מסתּמא זייער קראַנק?" האָט זי געפרעגט. כ׳האָב געשמייכלט און געענטפערט, אַז איצט גייט עס איר שוין אַ סך בעסער.

„אַקסעל, כ׳וואָלט געוואָלט אַ קוק טאָן אויפן הימל!"

כ׳האָב אַוועקגעשאַרט די פאָרהאַנגען, ס׳האָט גערעגנט, די וועלדער זענען געזונקען אין גרויקייט. אַ הויכער, טונקעלער וואָלקן איז דראָענדיק געהאָנגען אין הימל, און שרעקעדיקע פייגל האָבן, ווייסע ווי אַש, געפלאָטערט פאַרביי אים אַהער און אַהין.

„וואָס מאַכט אונזער קליין בזשאָזעלע, אַקסעל?"

„זי איז טרויעריק, וואָס זי קאָן דיך נישט זען, אינ־געבאָרג".

„וואָס טוט זי?"

„זי שטייט אויפן רעגן, ווי אַ קינד, וואָס קאָן נישט אַריינ־גיין אין שטוב און וואַרט. דער שטאַם אירער זעט אויס ווייס ווי שניי, אירע בלעטער הענגען אַראָפּ אַדורכגענעצטע און טוען זיך קיין ריר נישט".

„אונזער קליינע באַנק שטייט נאָך?"

„פאַרשטייט זיך, אינגעבאָרג. די טראָפּנס רעגן צעשפּריצן זיך אויף איר".

„ווי זעט זי אויס?"

„אפשר ווי אַ געלער הונט, וואָס איז צוגעבונדן צו דער בודקע און וואָס זיין בעל־הבית האָט אים פאַרגעסן".

אינגעבאָרג האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט און מיד געשמייכלט.

„וואָס זעט מען אויפן וועג, אַקסעל?"

„טיפע רעדער־שניטן, אין וועלכע וואַסער ריזלט זיך. גריי־נער שלאַם איז דאָס. ווייט און ברייט אַרום זעט מען נישט קיין מענטש. מ'זעט אַזוי ווינציק, אַז עס דאַכט זיך דיר אויס—דו וואוינסט ערגעץ אויף אַ פלאַך־לאַנד".

„קיין פויגל זעסטו נישט מסתמא, אַקסעל?"

„כ'זע יאָ, אינגעבאָרג. אַ גאַנץ קליינינקער זיצט דאָרט אויפן עפּלבוים".

„וואָס טוט ער?"

„ער זיצט אונטער אַ קליין דעכל פון בלעטער, בייגט זיך אַרויס פון צייט צו צייט און קוקט אַרויף צום הימל, צי ס'וועט נישט אויפהערן באַלד צו רעגענען".

אינגעבאָרג האָט זיך פאַרקוקט אין אַן אומבאַשטימטער ווייטקייט. לאַנג אַזוי. טרערן קומען איר אין די אויגן.

„ניין", זאָגט זי דערנאָך, „ס'איז נישט מעגלעך!" זי שאָקלט פאַמעלעך מיטן קאָפּ; ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אים געוויגט אַהין און אַהער.

„וואָס מיינסטו?"

„איך קאָן נישט שטאַרבן. ס'איז נישט מעגלעך!" כ'צווינג מיך צו שמייכלען. אַ קראַנק, פאַרמאַטערט קינד איז זי. כ'נעם אָן איר האַנט. קיין שום קראַפט איז נישטאָ אין די לאַנגע, אויס־געצערטע פינגער.

„אינגעבאָרג, איך האָב דיך ליב״.

אינגעבאָרג גיט אַ מידן נויג מיטן קאָפּ און שמייכלט.

„יאָ״, זאָגט זי, „יאָ״, און קוקט אין דער ווייט.

איך רוף קאַרלן. קאַרל קומט אַריין.

„האַלאָ!״ רופט ער אויס. „ווי, זענען מיר שוין צוריק געזונט, פרוי אינגעבאָרג!״

אינגעבאָרג שמייכלט און באַוועגט מיטן קאָפּ.

„יאָ״, זאָגט זי און קוקט אין דער ווייט.

# 18

ס׳איז געווען אַ טאָג, ווען זי האָט נאָך די אויגן נישט געהאַט געעפנט.

די גאַנצע נאַכט האָט זי געפיבערט און גערעדט פון היץ און וויזיעס געהאַט, איצטער איז זי געלעגן פולשטענדיק ערשעפט און שטיל.

כ׳בין געזעסן ביים בעט און זי באַטראַכט. זי האָט געאָטעמט שנעל און לייכט, דורכזיכטיק געווען און בלאַס, מיט אַ בלוילעכן שאָטן אונטער די אויגן און אויף די באַקן. אירע בלאַסע ליפּן זענען געווען האַלב צעעפנט און די לאַנגע ברעמען האָבן זיך פאַרצויגן איבער די אויגן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען גאָר ווי אַ שמאָלער שטרייף. דער פולס האָט געצאַפּלט.

אויפן פאָרהאַנג האָט זיך געשפּילט אַ בלייכע זון, דאָ איז טונקל געוואָרן און דאָ האָט ווידער אַ בלייכע זון זיך געשפּילט אויף די פאָרהאַנגען. די באַוועגונג פון זייגער־אומרו האָט זיך געהערט. דער זייגער האָט געשלאָגן און פון צייט צו צייט האָט עס גענומען אינעווייניק רוישן און קלינגען. טיילווייז האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי כ׳וואָלט מיך זייער גיך באַוועגט, ווי כ׳וואָלט געזעסן אין אַ יאָגנדיקן צוג. אויפן פאָרהאַנג האָבן זיך די שאָטנס פון די בלעטער באַוועגט אַרויף און אַראָפּ,

ווי נאָר די זון האָט אויפגעלויכטן, טיילמאָל זענען זיי צוגעקומען אַזוי נאָנט, אַז מ׳האָט בפירוש געקאָנט אונטערשיידן די פאָרם פון יעדן בלאַט. דאָס זענען געווען ליפּענע בלעטער מיט לאַנגע ציין ביים ראַנד.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויפן ציפערבלאַט פון זייגער און אַנטדעקט, אַז דער מינוטן-ווייזער ציטערט, ווי אַ פּאַמעלעכדיקער פּולס. אַלץ אין צימער האָט גענומען ציטערן, ווי אינגע-באָרגס פּולס. פּלוצלינג איז דער זייגער שטיין געבליבן. איך האָב זיך דערשראָקן. דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט שוויי-געניש און די שאָטנס אויף די פאָרהאַנגען האָבן זיך מער נישט באַוועגט.

ס׳איז פאַרגאַנגען אַן אומענדלעך לאַנגע צייט, פול מיט די משונהדיקסטע זאַכן. די קליינע טונקעלע שפּאַרע אונטער אינגע-באָרגס אויגן-הייטלעך האָט זיך נישט פאַרענדערט, אירע ליפּן האָבן אויסגעזעט ווי פאַרגליווערט.

ינגעבאָרג האָט זיך מער נישט באַוועגט, זי איז געלעגן אינגאַנצן שטיל און אויסגעזעט ווי זי וואָלט לענגער געוואָרן. איך האָב אַלץ בסדר אָנגעקוקט אָט-די קליינע טונקעלע שפּאַרע אונטער אינגעבאָרגס אויגן, זי האָט זיך אַביסעלע צעעפנט, זי איז געווען פאַרגליווערט. וואָס באַדייט דאָס? האָב איך גע-טראַכט.

כ׳האָב זיך נישט געקאָנט קיין ריר טאָן, געוואָלט אויפ-שטיין, אָבער געווען ווי געלעמט, כ׳האָב געוואָלט אַ געשריי טאָן, אָבער כ׳האָב נישט מער געקאָנט ווי צודריקן די צונג צו די ציין, מיט די ליפּן האָב איך צומאָלט נישט געקאָנט באַוועגן. אינגעבאָרג איז געלעגן שטייף און שטיל.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ טיר זיך עפענען. דער דאָקטאָר איז שטילערהייט אַריינגעקומען. קאַרל איז געשטאַנען

אונטער דער טיר, כ׳האָב אים געזען שטיין, כאָטש כ׳האָב נישט געקוקט אַהינצו. דער דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צום בעט און אויפגעהויבן אינגעבאָרגס האַנט אין דער הויך, די האַנט האָט זיך איינגעבויגן אין געלענק און איז טויטערהייט אַראָפּגעפאַלן צוריק אויף דער דעק. דער דאָקטאָר האָט מיך אָנגעקוקט, כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. קאַרל איז אַרייַנגעקומען, געגלעט מיך איבער די האָר, כ׳האָב ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דער דאָקטאָר איז אַרויסגעגאַנגען, קאַרל איז אַרויסגעגאַנגען.

כ׳האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. איז אינגעבאָרג געשטאָרבן? ניין, דאָס איז נישט מעגלעך.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ שעפּטעריי אין דערבייאיקן צי־מער, די טיר האָט זיך אַביסל אויפגעעפנט און אין דער שפּאַרע האָבן זיך באַוויזן אַ מאַסע פּנימער, פון די שיקסעס און פּאַראָב־קעס. עמיצער האָט אַ זיפץ געטאָן, און עמיצער האָט געמאַכט: פּסט! זייער שטיל.

„קלאָגט נישט״, האָב איך געזאָגט און אויפגעשטאַנען. „איר דאַרפט נישט קלאָגן, אייער ווייטאָק מוזט איר פאַרטראָגן מיט ווירדע, פריינט!״

אינגעבאָרג איז געשטאָרבן, אָבער איך האָב נישט געפילט קיין ווייטאָק. ס׳האָט אויסגעזען, ווי מיין האַרץ וואָלט געשטאָרבן צוזאַמען מיט אינגעבאָרג. די זון האָט אַרויפגעשטראַלט אויף די פאָרהאַנגען און אינגעבאָרג האָט געשמייכלט אַזוי פרידלעך, ווי אַ קינד, וואָס חלומט וועגן הימל.

אינגעבאָרג איז געשטאָרבן. אַ מאַנסביל פאַרטראָגט זיין ווייטאָק מיט ווירדע.

וויינט נישט, איר קנעכט און דינסטמוידן. איר מוזט אייער ווייטאָק מיט ווירדע פאַרטראָגן.

אינגעבאָרג וועט מען אַראָפּלאָזן אין דר׳ערד, אָדער איר

קערפּער וועט מען מיט זאַלבן אַדורכזאַפּן, כדי אָפּצוהיטן אים פון פאַנאַנדערפאַלונג. אין די פאַמיליען־קברים דאָרט אונטן אין קירכע שלאָפן אַ סך פרויען.

ווייַנט נישט, איר קנעכט און דינסטמוידן.

די אַלטע דינער אין יום־טובדיקע מלבושים זענען אַרויפגעקומען און פרעגן זיך, צי זיי קאָנען נישט דינען מיט עפּעס דעם הער.

„בלומען, בלומען....”

אין אינגעבאָרגס צימערן זעט מען נישט מער קיין בענקל, קיין וואַנט, קיין טעפּיך.

„בלומען, בלומען.....”

אַ קאַטאַפאַלק פון גרינע צווייַגן.

איך פאַרטראַכט מיך. ניין, כ׳קאָן נישט לייגן אינגעבאָרג אין דר׳ערד. כ׳קאָן נישט דערלאָזן זי זאָל זיך פאַנאַנדערפאַלן— ניין, בייַ גאָט, ניין! מוז מען זי, הייסט עס, לייגן אין פאַמיליען־קבר און אַדורכזאַפּן מיט זאַלבן. אָבער, דאָס אויך נישט. כ׳האָב געזען מומיעס, וואָס האָבן מיך אָנגעפולט מיט שרעק און עקל. ניין, ניין, אויך דאָס נישט.

דער ים? אַ טיפער, גרינער, צעוויגטער קבר, אַ טונקעלער אייביק־גרינער וואַלד מיט לויכטנדיקע פיש און קאָראַלן־געוויקסן. אָבער פיש וועלן אָנשווימען. איך זע, ווי זיי רינגלען אַרום אינגעבאָרגס לייב, וואָס אַמאָל ענגער, וואָס אַמאָל ענגער —

ניין, ניין, דאָס אויך נישט.

איינס איז נאָך געבליבן: פייער! פייער! אַ קבר צווישן קנאַקעדיקע, יובלענדיקע, פלאַטערנדיקע פלאַמען!

און כ׳באַפעל אָנצולייגן האָלץ אויף אַ גרויס פייער, וואָס זאָל לייכטן איבער די בערג, כדי אַלע זאָלן אים זען. אויף דער לאָנקע פאַרן הויף.

„דאָס האָלץ טרינקט אָן מיט אייל און בשמים!" אַ טעפּיך פון ווייסע רויזן האָט באַדעקט דעם וועג, ווי אַ שטראָם מילך איז ער געפלאָסן פון אינגעבאָרגס צימערן, איבער די טרעפּ, אי־בער דער לאָנקע.

ס׳איז געקומען די שעה, ווען מ׳האָט אינגעבאָרג אַרויסגע־טראָגן אויף דער לאָנקע און אַנידערגעלייגט אויפן מיט בלומען־באַזייטן שייטערהויפן. איך בין געשטאַנען האַרט דערלעבן און אַרום אינגעבאָרגס קבר זענען קנעכט און דינסטמוידן געשטאַנען, אָן אַ זייט איז געשטאַנען קאַרל מיט גרויסע לויכטנדיקע אויגן.

דער הימל איז געווען גרינלעך־בלוי, ווי אום פרילינג. אַ פרישער ווינט האָט געבלאָזן, די פייגל האָבן געזונגען אין וואַלד און אין די אַלטע קאַשטאַנ־ביימער פאַרן שלאָס.

כ׳האָב געקוקט אויף אינגעבאָרג, וואָס איז שלאַנק און צאַרט געלעגן אין אַ בעט פון בלומען.

דאָס פייער האָט אַ צינגל געטאָן, כ׳האָב מער גאָרנישט געזען. פייער, פייער.

דער פייער־זייל האָט זיך איינגעבראָכן און אַ געדיכטער ברוינער רויך האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם באַרג אַש און פאַנאַנדערגעלאָזט זיך אין אַ צאַרטן נעפּל, וואָס האָט זיך ווי אַ שלייער פאַרצויגן איבער דער גלאַנצנדיקער בלויקייט פון פרי־לינגס־הימל. דער שלייער האָט זיך צעריסן און שטיק נאָך שטיק פון דעם נעפּל האָט געצויגן איבערן טאָל און ס׳האָט אויסגעזען, ווי מחנות וואַנדערפייגל וואָלטן הויך אויבן געפלויגן איבערן הימל.

די קנעכט און דינסטמוידן האָבן נאָכגעקוקט דעם רויך און שטיל געוויינט: דאָרט אויבן איז זייער בעל־הביתטע פאַרגאַנ־גען! קיינמאָל וועלן זיי זי שוין מער נישט זען, קיינמאָל, קיינמאָל נישט.

זיי זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אין אַ קרייז אַרום דער אָרט, ווי בּאַגינען, ווען די זון גייט אויף. אַ סך האָבּן געוויינט, דאָ און דאָרט אָבער איז געשטאַנען איינער און געשמייכלט: ער האָט געטראַכט וועגן דער בעל־הביתטע.

קאַרל איז געשטאַנען און אָן אויפהער געקוקט אַראָפּ אויף זיין בּרוסט. דאָרט איז געלעגן אַ גאָלדענע האָר, וואָס דאָס פייער האָט צו אים אַריבּערגעבּלאָזן. ער האָט נישט געוואַגט זיך אַ ריר צו טאָן און אָן אויפהער געקוקט אויף דער גאָלדענער האָר אויף זיין בּרוסט.

פאַר דעם בּאַרג אַש איז געלעגן פּאַצאַ און געלעקט די אָפּגעבּרענטע לאַפּעס זיינע, ער האָט טיילווייז אַ שטילן קוויטש געטאָן און דערביי מיטן שפּיציקן קאָפּ אַרויפגעבּליקט אויבן צום הימל. ער האָט געהאַט געפּרוווט אַריינשפּרינגען אין פייער אַריין.

דער רויך איז געוואָרן דינער און אָפּגעשטאָרבּן.

„זאַמלט צונויף דעם אַש אין זילבּערנע בּעקנס!" האָבּ איך געזאָגט און אויסגעשטרעקט די האַנט. די האַנט דאָס איז געווען די האַנט פון אַ זקן, פאַרוועלקטע הויט, אָנגעלאָפענע אָדערן.

און כ'האָבּ צעשאָטן דעם אַש אויפן ווינט, וואָס האָט אים מיט זיך פאַרטראָגן, אַזוי זאָל איינגעבּאָרג זיך אומקערן צו דער וועלט.

דער ווינט וועט דעם אַש פאַרבּלאָזן צו די בּלומען אין די בּעכערס, מיידלעך אויף די רויטע ליפּן אַרויף, שכורים אין די כּוסות, שלאָפנדיקע קינדער אין די אָפענע מיילעכלעך. און ווי נאָר די נאַכט וועט קומען, וועט דער אַש אָנהויבּן פלימערן, ווי עס פלימערן די ליכט אין די טונקעלע היילן פון די קלויסטערס אין די וועלדער, איבּער די פעלדער, אין די פינסטערע געמע-

כער, הויך אין די טונקעלע וואָלקנס, טיף איגם שוואַרצן ים. איבער דער גאַנצער וועלט וועט עס פלימערן. יאָ.

און דאָס וועט זיין אינגעבאָרג!

כ׳האָב מיר אָפּגעוואַשן די הענט און אַנידערגעקניט. די נאַסע הענט האָב איך אויסגעשפּרייט איבערן פּנים און געוויינט.

כ׳האָב נישט געוויינט פאר ווייטאָק, כ׳האָב געוויינט, ווייל כ׳האָב אינגעבאָרג אַוועקגעשאָנקען. כ׳האָב זי געקאָנט באַהאַלטן, זעט, אונטן אין די הייל׳ן הינטער דער קירכע שלאָפן אַ סך פרוי־ען, אָבער כ׳האָב זי אַוועקגעגעבן.

דערפאַר האָב איך געוויינט און געוויינט אַזוי שטאַרק, אַז די טרערן זענען ווי שטראָמען געפלאָסן מיר איבער די באַקן.

און וויינענדיק האָב איך פאַרנומען אינגעבאָרגס קול, וואָס האָט מיך געטרייסט. זי האָט גערופן.

„אַקסעל, אַקסעל!” האָט זי גערופן.

האָב איך אַ שמייכל געטאָן און צוגענומען די הענט פון פּנים און זיך איינגעהערכט צו אינגעבאָרגס קול.

עפּעס האָט אָנגערירט מיין אָרעם, כ׳האָב מיך אויסגעגלייכט און אומגעדרייט דעם קאָפּ.

אינגעבאָרג איז געזעסן אויסגעגלייכט אין בעט און גע־קוקט אויף מיר. די האָר זענען איר אַריבערגעהאָנגען איבער די אויסגעמאָגערטע באַקן און אירע אויגן זענען, גרויסע און פאַרחדושטע, געווען געווענדט אויף מיר. זי האָט אויסגעזען, ווי אַ שלאַנק מיידל פון פופצן יאָר.

„אַקסעל״, האָט זי געזאָגט, „פאַרוואָס האָסטו געוויינט?״ זי האָט גערעדט מיט אַ קינדישער, הויכער שטים.

כ׳האָב געחלומט און אָט-דער שרעקלעכער חלום איז פּלוצלינג ווידער געשטאַנען פאַר מיר. אָ! כ׳בין אַנידערגעפאַלן אויף די קני און דאָס פּנים געלייגט אין אינגעבאָרגס שויס און געשלוכצט פאַר גליק.

„אינגעבאָרג, אינגעבאָרג!״

אינגעבאָרג האָט מיך געקושט אין די האָר. זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט.

„ווי פריש איך פיל מיך״, האָט זי געזאָגט.

„דערצייל, אַקסעל, פאַרוואָס האָסטו געוויינט? כ׳האָב דיך געהערט וויינען, האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און געזען דיך זיצן. ביסט געשלאָפן, אָבער די טרערן זענען דיר געלאָפן איבער די באַקן. דערצייל מיר״.

„איצטער ווין איך, ווייל דיר איז בעסער, אינגעבאָרג. — ווי טייער דאָס איז! — כ׳האָב געוויינט, יאָ, כ׳האָב געחלומט. כאַ-כאַ, ס׳אַראַ משונהדיקער חלום דאָס איז געווען!״ כ׳האָב גע-וואָלט עפּעס אויסטראַכטן, אָבער ס׳איז מיר קיין זאַך נישט איינגעפאַלן. דאָס בלוט איז מיר געקומען אין פּנים אַריין. „ס׳האָט זיך מיר געחלומט עפּעס פון מיין קינדהייט — כ׳האָב עפּעס צעבראָכן — גאָט ווייס, וואָס אַזעלכס כ׳האָב צעבראָכן — כ׳מיין, דאָס איז געווען אַ וואַזע — וואָס האָט עס דאָך גע-קאָנט זיין?״

די שאָטנס פון די בלעטער האָבן זיך נאָך אַלץ געוויגט אויף די פאָרהאַנגען אַרויף און אַראָפּ, לאַנג האָב איך נישט גע-קאָנט האָבן געשלאָפן.

„כ'וואָלט וועלן זען פּאַצאָן", האָט אינגעבאָרג געזאָגט. „ווי גרויס וועט זיין זיין פרייד".

צי זי וואָלט נישט געוואָלט נאָך אַביסל האָבן געדולד? פּאַצאָן גייט עס אויסגעצייכנט.

געדולדיק האָט אינגעבאָרג נאָכגעגעבן.

עס קלאַפּט אַלץ כּסדר. וואָס קאָן עס דאָך זיין?

„אַ שטורעם ציט דורך די בערג".

ס'אַראַ שאָד. זי האָט אַזוי ליב אַ שטורעם. זי האָט זיך צעלאַכט. איר לאַכן האָט געקלונגען פיבערדיק און האָט מיך דערשראָקן. אַ מעטאַלענער גלאַנץ האָט געציטערט אין אינגעבאָרגס אויגן. אָבער משוגע וואָלט געווען צו פאַרלאַנגען, אַז זי זאָל אין משך פון אַ שעה אינגאַנצן געזונט ווערן.

ס'וועלן מסתמא נאָך שפּעטער אויך זיין שטורעמס.

יאָ, ס'וועט נישט פעלן — כאַ-כאַ-כאַ!

כ'האָב איר דערלאַנגט זאַפּט פון פּרוכטן, אַ שלוק וויין און אויך געצוואונגען זי אויפצועסן אַ האַלב איי. די אַנדערע העלפט האָב איך אויפגעגעסן פאַר אירע אויגן, צו ווייזן איר ווי גיך אַזאַ האַלב איי ווערט פאַרשוואונדן אין מויל.

פון דעם האָט זיך אינגעבאָרג גאָר נישט געקאָנט גענוג אָנלאַכן.

דערנאָך האָט זי זיך געפרעגט צי קאַרל איז שוין אַוועקגעפאָרן.

ניין, פאַרשטייט זיך, אַז ער איז נאָך דאָ.

צי איך נעם דאָס איר פאַר אומגוט, וואָס זי רופט בלוטהויפּטן פשוט מיטן נאָמען קאַרל?

וואָס רעדסטו, אינגעבאָרג?

זי האָט אים זייער ליב, קאַרלן, כאַ־כאַ!

כ׳בין אַרויסגעגאַנגען. כ׳בין געגאַנגען און געפילט זיך באַפרייט, ווי איך וואָלט אַ שווערע לאַסט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך. אַלצדינק אין מיר האָט געציטערט פאַר פרייד.

„ס׳גייט גוט!" האָב איך געזאָגט צום דאָקטאָר און גע־שמייכלט זיגעריש.

דער דאָקטאָר האָט מיך אַ קוק אָן געטאָן. דאָס איז געווען אַ ספּעציעלער בליק, וואָס אַלע אברים זענען מיר פון אים די מינוט געלעמט געוואָרן. אויך דאָס שמייכל מיינס איז פאַרגלי־ווערט געוואָרן.

כ׳האָב פאַרלאָזן דאָס צימער. דעם דאָקטאָרס בליק האָט אַלע דראָענדיקע קולות אויפגעוועקט אין מיר, אַלע, אַלע.

## 19

דער פּולס שלאָגט צוויי מאָל שטאַרק.....

באַהערשט זיך!

כ'בין געלאָפן אין פּאַרק אַריין, כ'האָב געמוזט אַריינלויפן אין פּאַרק אַריין, אויף איין מינוט כאָטשבּיק.

אין פּאַרק איז נאַכטיק-פינסטער געווען, דער ווינט האָט געשליידערט די ביימער-שפּיצן אַהין און אַהער. קולות האָבן געשוועבט אין דער לופט, די אַלע וואָרגענדיקע, דראָענדיקע, אומגליק-אָנזאָגנדיקע קולות, וואָס האָבן גערעדט אין מיין ברוסט, זענען געווען אין דער לופט, אין גערויש פון די ביימער, אין פאַלן פון די טראָפּנס. דערנאָך האָט זיך איינגעבּאָרג פּלוצלינג באַוויזן אין דער טונקלקייט, זי האָט געשמייכלט, געהאַלטן אַ שטרויס אין האַנט ון אונטערגעברומט זיך: דאַנדעראַדאַי!

„באַהערשט זיך!" איך דאַנק דעם דאָקטאָר. קאַרל קוקט מיך אָן. איך שמייכל, יאָ, זעט איר דען נישט, ווי איך שמייכל, כ'שפּיר נישט גאָרנישט, ניין. און קאַרל נעמט מיך אויף אַ זייט, דריקט מיך צו דער ברוסט און קוקט מיך אָן. „מוטיק זיין, אַקסעל! האָסט דאָך אַ מאַכט איבער איינגעבּאָרג! האָף!" פאַראַן נאָך עפּעס גרעסערס, ווי די וויסנשאַפט און קענטעניש פון אַ דאָקטאָר. ווערטער, ווערטער!

כ׳שמייכל, כ׳דאַנק קאַרלן דורך דריקן אים די האַנט. די זיי־גערס הייבן אָן צו רעדן, די ליכט שטרעקן זיך אויס אין פייער־דיקע זיילן — דאָס איז דער צימער — אויף יעדער זאַך גלאַנצן אינגעבאָרגס אויגן, דאָס קלענסטע קריגעלע איז אָנגעפולט מיט זיסע וואונדער. איך גיי. ווער צעריסן, הימל...

כ׳בין אַרומגעלאָפן אין פּאַרק אַהין און אַהער.

ווער וואָלט דאָס געקאָנט באַגרייפן?

אינגעבאָרג זאָל שטאַרבן! אינגעבאָרג, די זיסע, שיינע אינגעבאָרג!

אינגעבאָרג, וואָס האָט ליב די זון און זאַמלט אירע שטראַלן אין דער בלויזער האַנט, וואָס קושט דיביימער און טענהט זיך אויס מיט זיי, אינגעבאָרג, וואָס איז מתפּלל און דאַנקט מיט די בליקן, וועלכע יאָגן זיך נאָך אַ שמעטערלינג.

אינגעבאָרג, וואָס טראָגט ליבשאַפט און וואַרעמקייט אין אַלע הערצער, די גוטע זאַפטיקע אינגעבאָרג! איצטער זאָל זי שטאַרבן.

ווער זאָל דאָס קאָנען באַגרייפן?

שטיל וועט זי ליגן, אין דער ערד וועט מען זי אויסבעטן און דאָרט וועט זי ליגן, שטיל אין דער שוואַרצער פינסטערניש, קיינער וועט זי מער נישט אָנקוקן! קאָנען זיך דען אינגעבאָרגס שטראַלנדיקע אויגן פאַרלעשן? ניין, ניין!

קיינער וואָלט דאָס נישט געקאָנט באַגרייפן.

כ׳האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גענומען טאַפּן אין דער פינסטער. דער פּאַרק האָט געברויזט. אין דער ווייטקייט האָט געבילט אַ הונט, ליידנשאַפטלעך, אַרויסרופנדיק, ווי אַ רויב־חיה. ער וועט פריער נישט אויפהערן בילן, ביז מ׳וועט זיין הונגער נישט שטילן. איך בין צוגעקומען צום ברונעם, און דער

ברונען האָט אַ שפּראָץ געטאָן אויף מיר מיט וואַסער. אינגעבאָרגס ברונען, דאָ איז זי געזעסן —

באַהערשן זיך, באַהערשן! אַ מאַנסביל — יאָ, אַ מאַנסביל באַהערשט זיך, אַ מאַנסביל!

אַ ווייטאָק האָט מיך פּלוצלינג אָנגעכאַפּט פֿאַר די אָרעמס און אַנידערגעשליידערט מיך אויפֿן פּנים. כ'האָב איינגעגראָבן די ציין אין זאַמד און געיאָמערט:

„אינגעבאָרג! אינגעבאָרג!"

כ'האָב מיך אויפֿגעשטעלט אויף די קני און געיאָמערט. צודריקנדיק די הענט צו די אויגן.

„אינגעבאָרג! אינגעבאָרג!" האָב איך געשריגן. „אינגעבאָרג מוז איצט שטאַרבן, הערט זיך איין איר אַלע ביימער, איר אַלע מענטשן אויף דער וועלט. אינגעבאָרג מוז אַוועקגיין!"

די ביימער־קרוינען האָבן גערוישט און די שטאַמען האָבן געזיפֿצט. אַ שטראָם רעגן האָט מיט קראַקעריי געגאָסן אויפֿן פּאַרק.

כ'האָב מיר געריסן די האָר, געפֿאַלן צו דר'ערד און גע־שלאָגן מיט הענט און פֿיס. כ'האָב געיאָמערט — גאָט, מיין גאָט, פֿאָטער, וואָס האָסטו צו מיר?

כ'האָב זיך באַרויקט. שטיל און לופֿטיק — אַזוי שטיל און אַזוי לופֿטיק איז עס פּלוצלינג געוואָרן אין מיר — כ'האָב געשמייכלט.

יאָ, געוויס, כ'וועל דאָס ניט איבערלעבן. אין דער איי־גענער שעה נאָך וועל איך נאָכגיין אינגעבאָרג.

כ'בין אויפֿגעשטאַנען. „כ'וועל דאָס ניט איבערלעבן", האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין.

דאָס איז געווען אַ טרייסט! אינגעבאָרג און איך, זענען מי־ נישט איינס געווען?

זי האָט נישט געקאָנט פון מיר אַוועקגיין, אז איך זאָל נישט מיטגיין, ניין, דאָס איז נישט מעגלעך געווען!

איך בין געוואָרן אַזוי רויק, אויפגעהייטערט, ווי באַטויבט פון גליק.

כ'בין לאַנגזאַם צוריקגעגאַנגען דורך דער אַלעע. דאַרף עס אַזוי זיין? כ'האָב ליב דאָס לעבן, וואָס אינגעבאָרג האָט מיר געשאָנקען, אָבער ס'האָט דאָך געדאַרפט אויפהערן.....

פלוצלינג זענען קאַרלס אויגן שטיין געבליבן פאַר מיר אין דער לופטן.

„זיי מוטיק, האָף! האָסט אַ מאַכט איבער אינגעבאָרג!" כ'האָב געזען די אויגן און דער בליק זייערער האָט מיר צוגע־געבן כחות, דער בליק זיינער האָט מיר אָנגעצונדן דעם מח. פון דער טיפסטער טונקלקייט אין מיר האָט זיך עפּעס איבערסגעוואַלט אַרויסגעשפּאַרט אויף דרויסן. כ'בין געבליבן שטיין, דאָס האַרץ האָט ווי אַ האַמער געקלאַפּט מיר אין דער ברוסט. די אויגן, וואָס זענען געשטאַנען פאַר מיר, האָבן זיך צעפינקלט און פלוצ־לינג האָט זיך פאַנאַנדערגעריסן די טונקלקייט אין מיר.

כ'בין דערשראָקן געוואָרן. וואָס האָבן באַדייט די דאָזיקע אויגן? וואָס האָבן באַדייט —

וואָס?

אַ שמעקעדיקער, זיסער געדאַנק. אַ פאַרשכורנדיקער געדאַנק!

כ'האָב צעשפּרייט די אָרעמס. קאַרלס אויגן האָבן געשטראַלט פאַר מיר, וואָס פאַרע אויגן זענען עס דאָך געווען?

ניין, ניין!

אַ פאַרשכורנדיקער, משוגע־מאַכנדיקער געדאַנק! אויס־לייזונג!

באַפרייונג! אַ בשורה אַ גוטע!

האָט דען אינגעבאָרג געקאָנט פון מיר אַוועקגיין, בעת

כ׳בין דאָך געווען מיט איר איינס? און אַז איך וועל נישט וועלן? און אויב איך וועל נישט וועלן! כ׳האָב אַ מאַכט איבער אינגעבאָרג.

דאָס איז געווען אַ באַרוישנדיקער, אַ פאַרטרויבנדיקער געדאַנק! כ׳האָב געגלויבט אין מיין קראַפט! ניין! איך דערלאָז נישט דערצו!

אינגעבאָרג קאָן נישט אַוועקגיין פון מיר! — — —

די מענטשן ווייסן גאָרנישט. נאַרישע און איבערגעשפּיצטע באַשטעפענישן זענען זיי די מענטשן. זיי באַהויפּטן, אַז עס געשעען נישט קיין ניסים. ניסים קאָנען יאָ געשען. זיי באַהויפּטן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט, און ס׳קאָן דאָך זיין, אַז אַ גאָט איז יאָ דאָ.

דער מענטש איז עפּעס מער ווי אַ מלוכה פון קעמערלעך. פאַראַן שעהן, וואָס גיבן דעם מענטשן די אויגן פון אַ שטערנזעער און די צונג פון אַ נביא. שעהן, אין וועלכע ער מוז גלויבן אָן זאַכן, וואָס ער אַליין לאַכט פון זיי און אַלע פאַרנונפטיקע לייט לאַכן פון זיי.

אין אַזעלכע שעהן גלויבט ער, אַז אליעזר איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים, אויבוואויל ער איז שוין געווען טויט—

און וואָס גלויב איך היינט? כ׳ווייס נישט. אַ סך אַלטענלעכע געפילן זענען שוין אויפגעקומען נאָך יענער שעה, ווען כ׳האָב געגלויבט אין אַלע ניסים און אין גאָט, ווען כ׳האָב מיך געראַנגלט מיט גאָט, יאָ, ווען כ׳האָב מיך געראַנגלט מיט גאָט.

כ׳האָב אים נישט מנצח געווען, ניין, ווען ער וואָלט נישט געוואָלט, וואָלט איך מיך אומזיסט געראַנגלט, נאָר אפשר האָט ער דרך-ארץ געהאַט פאַר מיין ווילן?

אינגעבאָרגס קרעפטיקע נאַטור האָט געזיגט. מ׳קאָן אַזוי

זאָגן. איך גלויב אויך אין דעם, יאָ, אָבער איך ווייס, אַז אַמאָל האָב איך גאָר אין עפּעס אַנדערש געגלויבט.

בין איך משוגע געווען? אפשר. אפשר איז גאָר דאָס גאַנצע משוגעת נישט נויטיק געווען? אפשר וואָלט אינגעבאָרג פון זיך אַליין געזונט געוואָרן? איך ווייס נישט. געווען אָבער שעהן, ווען כ׳האָב געוואוסט, אַז דאָס איז נישט געווען קיין משוגעת, ניין, בשום אופן נישט! ווען כ׳האָב געוואוסט, אַז אינגעבאָרג איז נישט פון זיך אַליין געזונט געוואָרן.

אַלץ האָט זיך צונויפגעפּלאָנטערט אין מיר. אָבער איך מיין, אַז גאָר אין איין שעה, גאָר אין איינאיינציקער מינוט אפשר פון זיין לעבן איז דער מענטש עפּעס מער ווי בלויז אַ מענטש, אַ סך, אַ סך, יאָ, דאָס רוב מענטשן לעבט קיינמאָל נישט איבער אָט די איינציקע מינוט. און דערנאָך ווערט ער ווידער אַ געוויינלעכער מענטש און איבער זיין אייגענער געטלעכער מינוט גיט ער אַרויס אַ געוויינלעכן אורטייל.

וואָלט אינגעבאָרג געווען טויט, וואָלט איך זי צוריק־אויפגעלעבט, כ׳וואָלט איר האַרץ צוריק באַוועגלעך געמאַכט, מיט מיינע געדאַנקען, מיט מיין גלויבן וואָלט איך זי ווי מיט שטראַלן אַדורכגעגליט, ביז דאָס האַרץ וואָלט איר ווידער אָנגעהויבן צו שלאָגן. כ׳וואָלט נישט אָפּגעלאָזן, ניין, ביז טויט וואָלט איך געקעמפט אָדער ביז משוגעת. דאָס ווייס איך נאָך היינט. דאָס איז געווען מיין שעה!

אינגעבאָרג איז נישט געווען טויט, אָבער דער דאָקטאָר האָט זיך שוין מיאש געווען. זי איז געלעגן אויסגעשטרעקט, די אויגן פאַרמאַכט, אָן כחות. איר קערפּער האָט לייכט געפיבערט, פון קאָפּ ביז די טריט איז דאָס ציטערן געלאָפן איבער איר אַראָפּ און אַרויף. כ׳בין געזעסן לעבן איר און געהאַלטן אירע הענט אין מיינע און נישט געטראַכט וועגן קיין אַנדער זאַך, ווי־

זי דאַרפסט נישט אַוועקגיין פון מיר! דער געדאַנק האָט מיך אָנגעפולט מיט אַ ביז איצט אומבאַקאַנטער קראַפט, דער מח איז מיר שטייף געוואָרן, די אָדערן געשפּאַנט, ווי אַ רויטער שטיין איז געוואָרן מיין גאַנצער קערפּער. אינגעבאָרגס פּנים האָט זיך געביטן, דער פיבער האָט אָפּגעטראָטן, די קעלט האָט זי איצטער געוואָרפן. כ'האָב מיך אַנידערגעלייגט לעבן איר, לעבן איר האָב איך מיך אַנידערגעלייגט און געוואַרעמט זי מיט מיין לייב—כ'האָב געטראַכט — שטענדיק דאָס אייגענע — —

ניין, כ'קען נישט ווידעראַמאָל טראַכטן וועגן דעם. ס'איז דאָס, וואָס נאָכאַמאָל קען מען עס נישט טראַכטן — —

כ'האָב מתפּלל געווען, כ'שעם מיך נישט דאָס צו זאָגן. נישט צום גאָט פון די יידן אָדער קריסטן האָב איך מתפּלל געווען, כ'האָב געבעטן צו גאָט, צום איינציקן. אַ שווייס איז געשטאַנען אויף מיין שטערן, ער איז מיר גערונען איבערן פּנים. שרעק, פורכט — — —

געהיימע כחות זענען פאַרבאָרגן אין דער גאַנצער נאַטור, האָב איך זיי געצווינגן צו זיך, געלענקט זיי דורך מיין ברוסט, געפירט זיי אין אינגעבאָרגס קערפּער, וועלכן דער טויט איז באַפאַלן, זיי, די כחות פון לעבן, באַוועגונג, געדייונג.

כ'האָב אויפגעוועקט אינגעבאָרגס נשמה, וואָס איז שוין געווען אַרויסגעפלויגן, כ'האָב זי גערופן צוריק, כ'האָב נישט גערוט. כ'האָב נישט נאָכגעגעבן. כ'האָב מתפּלל געווען, דעם שטאַרקן געדאַנק האָב איך נאָך שטאַרקער געמאַכט, וואָס אַמאָל שטאַרקער פון מיין נשמה און פון אינגעבאָרגס איז געוואָרן אַ צאַרט געהיימניספול געוועב, ס'האָט געקאָנט צעריסן ווערן, יאָ, זאָבער נישט פאַנאַנדערגענומען ווערן. מיר ביידע, אָדער קיינס נישט.

אינגעבאָרג האָט געהאַט וויזיעס, איר נשמה האָט זיך געוואַקלט ביז צום פונדאַמענט, אַהין און אַהער זיך געטרייסלט.

כ'האָב אַריינגעקוקט גאָט אין די אויגן, געבעטן אים, געדראָט!

איגנעבאָרג האָט אַרויסגעוואָרפן האַסטיקע ווערטער פון זיך, ווי אַ פרעמדע שפּראַך האָט עס מיר אויסגעזען. שעהן זענען פאַרגאַנגען. דעמאָלט ערשט האָב איך ענדלעך פאַרנומען אַ וואָרט.

„מאַמעניו", האָט איגנעבאָרג געפּליסטערט.

און כ'האָב צוגעלייגט מיינע ליפּן צו איר אויער און גערופן: „מאַמעניו איז לעבן דיר! דו ביסט מיין קליינע זיסע איגנעבאָרג!"

כ'האָב אַרומגעכאַפּט איגנעבאָרג און געקושט אירע באַקן, וואָס זענען הייס געווען, ווי אַ גליענדיקער שטיין. כ'האָב זי געצערטלט, געגלעט, געוויגט זי אַהין און אַהער.

„מאַמעשי איז דאָך לעבן דיר!" כ'האָב געשעפּטשעט און אַלע קינדישע צערטלענדיקע נעמען גערופן איר אין אויער אַריין. אַזוי ווייך האָב איך געמאַכט מיין שטים.

כ'האָב זי איינגעשטילט מיט אָן אַ שיער ווערטער, אַזוי ווי אַ מאַמע באַרויקט איר קינד, און הונדערט מאָל האָב איך איר געזאָגט, אַז מאַמעשי איז דאָ לעבן איר.

כ'האָב אָנגעכאַפּט איגנעבאָרגס נשמה און זי שוין מער נישט אָפּגעלאָזט. פאַרצווייפלטערהייט האָב איך מיך איינגעהערט, זיך שאַרף געמאַכט דאָס אויער, שפּיציק, ווייל פון די אומגעלומפּערטע ווערטער איז שווער געווען אַרויסצוהערן, מיט וואָס אָט דער שטאַרבנדיקער קאָפּ איז פאַרנומען. ווי אַ בלענדנדיק ליכט אין דער נאַכט האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איגנעבאָרגס געדאַנק, דאָ-אַהער, דאָרט אַהין, און ס'איז איבערמענטשלעך שווער געווען אים נאָכצופאָלגן און אויף עטלעכע רגעס אים איינצוהאַלטן. די שול, גראַף פליוגענס שלאָס, דער וואַלד,

נאַרישע קינדהייטס־איבערלעבענישן, אַקסעל, קאַרל, דער פּאַרק, די סטאַטוע אין דער אַלעע, חיות, פּאַצאַ.

אַזוי זענען לאַנגע שעהן פאַרגאַנגען. און ווי אַ מענטש יאָגט זיך נאָך אַ משוגענעם איבער גאַסן, פעלדער, פּאַרקאַנעס, פייער און וואַסער און באַמיט זיך אים צו כאַפּן, אַזוי האָט מיין געדאַנק נאָכגעיאָגט אינגעבאָרגס צעפלאָנטערטע געדאַנקען.

כ׳האָב גוט געהערט, אַז דער רעגן האָט געקלאַפּט אין די שויבן, אַז דער וואַלד האָט געברויזט און דער דונער האָט זיך געקוילערט מיט אַ קנאַלעריי. אָבער דאָס אַלץ איז געשען אין דער ווייטער ווייטקייט.

ס׳האָט זיך מיר איינגעגעבן צו דערהאַלטן אינגעבאָרג ביים שיין פון דער זון, ביי די בלומען און פייגל. כ׳האָב נאָכגעמאַכט דאָס גערויש פון ביימער, דאָס פייפן פון קאָס, דאָס גריילצן פון דער גריל און דאָס לאַכן פון קינדער, פרויען און קנעכט.

אינגעבאָרג איז געוואָרן רויקער. איר בליק האָט זיך אָנבאַהאַפטן אָן מיינע אויגן און איך האָב געמוזט די אויגן שאַרפער און דורכדרינגענדיקער מאַכן, כדי איינצוהאַלטן אינגעבאָרגס פינקלענדיקן, ציטערדיקן בליק. כ׳האָב גערעדט, געלאַכט, גערופן און געטוליעט אינגעבאָרג צו זיך. מ׳האָט קלאָר געזען, אַז כ׳האָב געקאָנט איינהאַלטן אינגעבאָרג! איצט האָט זי שוין געהערט צו מיר און כ׳האָב זי מער נישט אָפּגעלאָזט. מיינע קרעפטן זענען געוואַקסן, די האָפענונג האָט זיי געשטאַרקט.

כ׳האָב נישט געוואוסט ווי אַרום די נאַכט איז פאַרגאַנגען. טיילמאָל האָט עפעס אַ הילך געטאָן, ווי דער הימל וואָלט זיך איינגעבראָכן, בלוילעך ליכט איז אַדורכגעפלויגן איבער די ווענט, אין וואַלד האָט געקנאַקט. שויבן האָבן געציטערט, ווי דער רעגן וואָלט מיט די ציין אָן זיי געקלאַפּט, דער שטורם האָט זיך באַזעצט אויפן דאַך פון הויז, געהאָפּסלט איבער אים ווי אַ רייטער,

געקנאַלט ווי מיט אַ בייטש. גלאָז האָט געקלונגען. דער רעגן האָט זיך איינגעשטילט, דער ווינט האָט געטראָגן דאָס הויז פאָרויס, אין וואַלד אַריין. איבער דעם שוואַרצן, קאָכעדיקן, ברויזנדיקן וואַלד האָט געטריבן די שרעק-בלייכע לבנה, געיאָגט און געביסן פון אויסגעצויגענע וואָלקנס, ווי געיעג-הינט. ווידער אַ גערויש, איבער די שויבן איז געפלאָסן דאָס וואַסער.

היץ, קאַלטער פיבער. כ׳האָב זי געוואַרעמט. געקושט זי. גערעדט, געלאַכט, געשריגן — — — ניין, נישט געדאַרפט פּרובירן ווידער אַרויסצורופן דעם געדאַנק, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט טראַכטן. עס פייניקט מיך. פון אַלעמדינק, וואָס כ׳האָב פריער און שפּעטער איבערגעלעבט, איז קיין זאַך נישט שרעקלעכער, קיין זאַך פייניקט נישט אַזוי מיינע געדאַנקען, ווי די ערינערונג.

איז עס געווען משוגעת, וואָס כ׳האָב געטאָן? איך ווייס נישט.

ניין, דאָס איז נישט געווען קיין משוגעת, ניין — — —

כ׳האָב גערעדט וועגן זיך. דער נישט-פילבאַרער נשמה האָב איך דערציילט פון אונזער זומער, פון אונזער ליבשאַפט, אונזערע נעכט — שעהן-לאַנג. אינגעבאָרג איז געווען רויקער. דערנאָך איז עפּעס געשען — דאָס איז געווען דאָס שרעקלעכסטע — —

אינגעבאָרג האָט מיך אָנגעקוקט מיט צעפינקלטע אויגן.

זי האָט געפליסטערט. „קאַרל — קאַרל!“ האָט זי געפליסטערט.

זי האָט גערעדט וועגן שרעק און ליבשאַפט. און איך האָב זי איינגעשטילט.

„קאַרל האָט דאָך דיך ליב. בין איך דען נישט ביי דיר, קאַרל?“

אָבער זי איז געווען פול שרעק און אַנגסט. זי האָט געפיבערט, זי קאָן מיר אין ערגעץ נישט נאָכגיין,

איך זאָל עס דאָך נישט פֿאַרלאַנגען פֿון איר! אַקסעל איז דאָך אויך דאָ, און אַקסעל האָט דאָך זי אויך ליב.

„אָך, גיי נישט אַוועק, גיי נישט, קאַרל!"

„קאַרל וועט שטענדיק בלייבן מיט דיר, אינגעבאָרג!"

אינגעבאָרג האָט געוויינט און געלאַכט.

יאָ, יאָ, אָבער אַקסעל וועט זי נישט אַוועקלאָזן. ער וועט זי פֿאַרשפּאַרן אין זיין צימער.

ניין, אַקסעל האָט מיר געזאָגט, ער וועט זי יאָ אַוועקלאָזן, גאַנץ זיכער. וואוהין זי וויל גאָר אַליין. ער וועט זי אויף קיין מאָל נישט פֿאַרשפּאַרן אין זיין צימער.

„ווי שיין דו ביסט, קאַרל! ליב, ליב האָב איך דיך! גיב מיך נישט אויס פֿאַר אַקסעלן!"

זי האָט מיך אַרומגענומען און ביים האַרץ האָט עס מיך אַ ריס געטאָן ביי דער אַרומנעמונג.

אַ פּיאָלעטער בליץ האָט ליכטיק געמאַכט דאָס צימער, געציטערט אָן אויפֿהער, אָבער ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט מער פֿאַרלאָשן ווערן. און אינגעבאָרג האָט מיך געקושט, בעת דער בליץ האָט זי באַלויכטן, זי האָט מיך געקושט פֿיבערדיק־גיך, און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי קושט מיך הונדערט מאָל. דאָס פּנים אירס איז ווייס געווען ווי קרייד און העל ווי בריליאַנטן זענען געווען אירע אויגן. פּלוצלינג איז שוואַרצע נאַכט אַראָפּגעפֿאַלן, אַ דונער האָט אַ קנאַל געטאָן, אין וואַלד האָט אַ בוים געפּלאַצט אויף צווייען און אַ טיפֿע נישט־היימלעכע שטילקייט האָט זיך איינגעשטעלט נאָך דעם טומל. דערנאָך אַ גערויש, ווי מ'וואָלט קובלעס וואַסער געגאָסן פֿון דאַך אויפֿן גאַס אַראָפּ.

„כ'וועל דיך פֿאַר אַקסעלן נישט פֿאַרראַטן, ליבסטע אינגעבאָרג. ניין, ניין, קיין וואָרט אים נישט דערציילן".

„אָ, אָ!"

„דו ווערסט שטענדיק זיין בײַ מיר, אינגעבאָרג! הערסט? כאַ־כאַ־כאַ, ס׳אַראַ שײַן לעבן מיר וועלן פירן בײדע. זע, אַזוי וועט עס זײַן, גיב אַכטונג, כ׳וועל דיר קישן די הענט און די באַקן, כ׳וועל דיך נעמען אויף די אָרעמס און הייבן אין דער לופטן — איך וועל —"

און כ׳האָב גערעדט און גערעדט — ווי גוט עס וועט איר זײַן מיט קאַרלען.

אינגעבאָרג האָט זיך אײַנגעהערט צו מײַנע ווערטער. זי האָט גלײַכמעסיק געאָטעמט און אירע אויגן האָבן מער נישט געגלאַנצט.

„און איצט שלאָף, מיידל מײַנס, שלאָף איצט. אַ גוטע נאַכט! זיסע אינגעבאָרג, שלאָף איצט — דער רעגן רוישט — הערסט?

„שלאָף, שלאָף" — — —

דער טאָג האָט זיך געגרויט. די לאָמפּ האָט אויסגעזען רויט, בלויע ליכט האָט זיך דורכגעטראָגן דורך די שויבן.

אינגעבאָרג איז געלעגן שטיל און לײַכט געאָטעמט.

זי איז געשלאָפן

אינגעבאָרג איז געשלאָפן.

אַך, ווען די זון וואָלט זיך הײַנט באַוויזן!

שעהן זענען פאַרגאַנגען און די זון איז אויפגעקומען.

„זון, זון!" האָב איך גערופן שטיל און געקושט דעם ערשטן שטראַל. כ׳האָב געעפנט דאָס פענסטער. דער ווינט האָט נאָכגעלאָזן, ווי גוט דאָס איז געווען. די לופט איז פּרעכטיק געווען, געווירצט מיט פײַכטקייט. די לופט וועט אינגעבאָרג פולשטענדיק געזונט מאַכן. אײַנצלנע טראָפּנס זענען געפאַלן

פון הימל. האָבן געלויכטן אויף דער זון. ס'האָט גערעגנט מיט האָניק. דער וועג איז געווען צעאַקערט און וואַסער־פלוסן האָבן זיך געקוילערט פון די בערג אַראָפּ. די לאַנקע פאַרן הויז איז פאַרפלייצט געווען מיט שלאַם און זאַמד.

אוי־ווי! די קליינע בזשאָזע איז געלעגן צעשמעטערט אויפן גראָז און די באַנק, וואָס איך מיט אינגעבאָרג האָבן מיר געמאַכט, איז נישט געווען מער, בלויז די קלעצלעך זענען נאָך געשטאַנען און פון איינעם איז אַראָפּגעהאָנגען אַ שטיק געזעס. ווייטער אַביסל איז אויפן וועג געלעגן אַ שפּיץ פון אַן עפּלבוים, ווי אין אַ וואַסער־שטראָם איז ער דאָרט געלעגן. אַ פויערישיינגל האָט געקלעטערט אויף אים.

פלוצלינג האָט אינגעבאָרג ווידער אָנגעהויבן שעפּטשען און רעדן און איך האָב זי באַרויקט ווי בײַנאַכט. דאָס פיבערן איז שוין נישט געווען אַזוי שטאַרק, אָבער כ'האָב געמוזט אָנשטרענגען אַלע מײַנע כחות.

אַזוי איז פאַרגאַנגען דער טאָג און די נאָנטסטע נאַכט, וואָס איז פול געווען מיט ווילדע געשרייען און גערופן נאָך הילף, גלייך מ'וואָלט מענטשן אויסגעהרגעט אין וואַלד, און פול מיט זיפצן, גלייך מ'וואָלט מענטשן אויף די ביימער אויפגעהאָנגען.

אויפן אַנדערן טאָג אינדערפרי האָב איך געפילט ווי עמיץ הייבט מיך אויף און כ'האָב דערקענט קאַרלן. זיי האָבן אויפגעבראָכן די טיר.

„אינגעבאָרג שלאָפט", האָט ער געזאָגט, „זי פילט זיך בעסער!" ער האָט מיך אונטערגעהאַלטן און אַרויסגעפירט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי כ'וואָלט געווען אַ זקן, שניי־ווייסע האָר, ציטערנדיקע פיס, אַן אויסגעקרומטער רוקן.

עפּעס האָט אַ בליץ געטאָן אין מיר, אַ לויכט געטאָן, אַ זיראָונג, אַ דראָענדיקע פּויסט איז אויסגעוואַקסן פון מיין נשמה, כ'האָב זי געזען — אָבער כ'האָב געשמייכלט —

מער האָב איך נישט געפילט, וואָס מיט מיר איז געשען

## 20

עמיץ האָט מיך אַ שאָקל געטאָן פאַרן אָרעם און כ'האָב באַהאַלטן דאָס געפיל, ווי כ'וואָלט געווען אַ בוים, מיט וועלכן מ'האָט אַ טרייסל געטאָן.

כ'האָב אויפגעעפנט די אויגן, וויפיל ס'האָט זיך געלאָזט, אָבער באַלד זענען זיי מיר צוריק צוגעפאַלן.

אַ טיפע שטים האָט גערעדט, כ'האָב געהערט מיין נאָמען און עפעס וועגן אינגעבאָרג. ס'איז מיר אָבער געווען אַלצאיינס, כ'האָב נאָר געוואָלט האָבן רו, און ווידער בין איך פאַרזונקען אין אַ באַפרייענדיקער פינסטערניש און פאַרשטאַרטקייט. אין אַ לאַנגער צייט אַרום האָט מען מיך ווידער אַ שאָקל געטאָן פאַרן אָרעם און דאָס מאָל האָב איך געהערט קאַרלס שטים. קאַרל האָט דערציילט, אַז אינגעבאָרג פילט זיך גוט. שוין צייט אויפצושטיין. כ'האָב געעפנט די אויגן און האַרט פאַר זיך דערזען אַ רויט-האָריקן, לאַכנדיקן קאָפּ. דאָס איז געווען קאַרל. כ'האָב ווידער פאַרגעסן, אַז קאַרל האָט נאָר-וואָס גערעדט צו מיר. און בין ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן. וואַסער האָט אַ פליסקע געטאָן אין עפעס קאַלטס און נאַס'ס האָט זיך אַדורכגעשאַרט איבער מיין פנים. כ'האָב מיך איינגעקאָרטשעט, אָבער דאָס נאַסע האָט מיך פאַרפאָלגט, און כ'בין געשלאָפן און געטראַכט,

אַז ס׳איז גאָר קיין נייעס נישט, וואָס אינגעבאָרג פילט זיך גוט. אַלע פייגל אויף די דעכער פייפן דאָס אויס. אָבער דאָך איז ערגעץ־וואו אין מיר געווען אַ שרעק, גלייך ווי עפּעס שרעקלעכס וואָלט געווען געשען. אָט די שרעק האָט מיך פּלוצלינג אויפגעוועקט.

„וואָס מאַכט אינגעבאָרג?״ האָב איך געפרעגט.

עס גייט זייער גוט. זי שלאָפט רויק.

פאַרוואָס־זשע האָב איך זיך אַזוי דערשראָקן? האָב איך געטראַכט. עפּעס מוראדיקס האָט געמוזט געשען, אָבער אויב אינגעבאָרג פילט זיך בעסער, וואָס דען שרעקלעכס האָט געקאָנט געשען?

„דריי טעג ביסטו געשלאָפן, אַקסעל״, האָט קאַרל געזאָגט און גוטמוטיק געשמייכלט. זיין שמייכל איז געווען אַזוי שיין און מילד, אַז ער איז מיר פאַרגעקומען ווי אַ צערטלעכקייט.

מיט מי האָב איך מיך אויפגעזעצט. כ׳בין געווען זייער מיד און דער קאָפּ איז מיר געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. קיין איין קלאָרן געדאַנק האָב איך נישט געקאָנט צונויפנעמען.

אָבער אינגעבאָרג איז געווען געראַטעוועט!

כ׳בין געזעסן אויפן ראַנד פון בעט און געשמייכלט. כ׳האָב נישט געקאָנט באַגרייפן דאָס גליק.

און קאַרל האָט מיר אָנגעטאָן די זאָקן, דער דיכטער קאַרל בלוטהויפט איז מיר בייהילפיק געווען ביי די זאָקן! — — —

יובל־פייערן אויף די בערג! טאַנץ, שפּיל און געזאַנג! גאָלד אין די הייזלעך פון אָרעמע לייט!

צוויי טעג און צוויי נעכט האָט ווי אַ שטאָלקאַרץ געברענט דער וואַלד אויפן באַרג, מיין וואַלד! די פייערלעשער פון אַלע דערפער זענען געקומען צולויפן מיט גרויס רעש און טומל. זאָל ער ברענען! זאָל ער ברענען! ווי אַ שטאָלקאַרץ דער וואַלד אין דער נאַכט. ווייט אַרום און אַרום מוז מען אים זען.

## 21

אינגעבאָרג זיצט אויף דער ווערענדע, מיט אַ טוך פֿאַר־וואָרפֿן אַרום די פּלייצעס. זי איז בלייך און ס'דאַכט זיך, אַז מ'זעט, ווי דאָס בלוט לויפֿט איר אין די אָדערן פֿון די שלייפֿן און פֿון דער האַנט. מיט גרויסע שטוינענדיקע אויגן קוקט זי אויף דיביימער, וואָס שטייען איינגעדרעמלט אויף דער זון, אויף דער לאָנקע, וואָס שמעקט און וויגט זיך לייכט אין שלאָף, אַראָפּ אונטן אויפֿן טאָל. דאָרט שטייען קליינע פֿערד און וועגן און קליינע באַשעפֿענישן פֿאַרנעמען זיך מיט אויפֿלייגן היי אויף די וואָגנס. אַלעמאָל טוט עפּעס אַ בליק, אַ באַשלאָג, אַ היי־גאָפּל, אַ קאָסע, דינע, פֿאַרבלאָנדזשעטע געשרייען דרינגען אַרויף אין דער הייך.

נאָך די טעג פֿול מיט שטורעם זענען געקומען וואָכן פֿון פּרעכטיקער זון, פֿון יענער זון, וואָס טראָגט זיך לויכטנדיק, רויט און גלייכמעסיק איבער דער ערד, ווען דער זומער דערגייט שוין צו זיין אויסלאָז.

די שוואַלבן האָבן מיט געשריי צעריסן די לופֿט, דאָ שמאָלטשיק, ווי פֿיש, דאָ דרייענדיק זיך, ווי קליינע שרויפֿן. דאָ צונויפֿגעפֿלויגן זיך אַלע אויף איין שטעל, דאָ בליצשנעל צע־טיילט זיך אין אַלע ריכטונגען איבערן גאַנצן טאָל. זיי האָבן

געשריגן, הויך ווי אַ פייל געקאָנט זיך אויפהייבן אין דער לופטן, ווי אַ שטיין געקאָנט אַראָפּלאָזן זיך, כדי פלוצלינג צו געבן אַ שפּרייט אויס די פליגל און רויק צו שוועבן ווי אַ רויב-פויגל.

און אינגעבאָרג האָט טרערן אין די אויגן, ווען זי זעט די זון, און טרערן אין די אויגן, ווען זי הערט, ווי די שוואַלבן שרייען.

„איך בין עמפּינדלעך ווי אַ קינד", זאָגט זי און אַ טרער פאַלט אַראָפּ אויף איר האַנט. „קיינמאָל איז נאָך מיין האַרץ אַזוי נישט פול געווען מיט שטוינונג און דאַנקבאַרקייט".

כ'זיץ לעבן איר, פלוידער אָדער שווייג, לויט דעם, ווי אינגעבאָרג ווינטשט זיך דאָס. שענערע און שטילערע שעהן, ווי די טעג פון אינגעבאָרגס געזונט-ווערן, האָב איך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט. איך בין שטיל געוואָרן פאַר גליק און מיין ברוסט איז שטענדיק פול געווען פון טרערן, כאָטש וויינען האָב איך נישט געקאָנט.

איך און קאַרל באַמיען זיך פאַר אינגעבאָרג טויזנט געפעלייקייטן צו טאָן אויף אַזאַ אַרט, וואָס זאָל ווייניק זיין אויפפאַלנד. אינגעבאָרגס צימערן זענען כסדר אויסגעצירט מיט בלומען, איבער טעפּיכער פון ווייסע רויזן שפּרייזט זי. קאַרל ברענגט פון זיינע שפּאַצירגענג דעם גאַנצן וואַלד אין הויז אַריין, צווייגלעך פון רויטע און שוואַרצע יאַגדעס, וואָס פאַרבאָרגן אין זיך דעם זאַפט און געשמאַק פון זומער.

יאָ, קאַרל איז אַזוי ווייט געגאַנגען פאָרצולייענען פאַר אינגעבאָרג די שטעלן פון זיינע ביכער, וועלכע זי האָט באַזונדערס ליב געהאַט. זיין רויקע שטים, זיין קלאָרער געדאַנק האָבן גוט געווירקט אויף אינגעבאָרג, זי האָט אויסגעזען קרעפטיקער צו זיין אין קאַרלס אָנוועזנהייט. און ווען קאַרל לאַכט

מאַכט זי אויך אַ מינע צום לאַכן און אירע באַקן באַקומען אַ פאַרב.

„האָסטו געהערט, אַקסעל, היינט האָט הער קאַרל געזאָגט צו מיר ליבע פרוי אינגעבאָרג — כאַ־כאַ! ער האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט".

כ׳נעם אַרויס די בילדער־ביכער און ווייז אינגעבאָרג די פּרעכטיקסטע בילדער. בילדער, וואָס אַז מ׳זעט זיי איינמאָל, חלומט מען וועגן זיי, און לייג זיי אויס פאַר איר ווי אין אַ מוויי. אָדער כ׳שפּיל אויפן קלאַוויר די אַלע זאַכן, וואָס אינגע־באָרג האָט ליב, און דורך די געעפנטע פענסטער דרינגט אַריין עפּעס ווי אַ וואַרעמע, צערטלענדיקע פאַליע, אין וועלכער זי באָדט זיך, ווי אין דער זון.

אינגעבאָרג איז מיד פון קוקן. זי פאַרמאַכט די אויגן און לייגט צוריק דעם קאָפּ אין קישן און זאָגט: „דערצייל, אַקסעל!"

„ווי איז די מעשה מיטן פאַרפרוירענעם וויינשטאָק? און די פון די געליבטע אויפן ים? דערצייל, אַקסעל, טראַכט עפּעס אויס".

איך טו אַ קוק אויף אינגעבאָרג און הונדערט מעשיות פאַלן מיר איין. און כ׳דערצייל. כ׳דערצייל איר די מעשה פון פּריסטער מיטן זילבערן האַרץ, כ׳דערצייל איר די מעשה פון קאַיין, וואָס האָט אַרומגעוואַנדערט אַרום אַ האַלבן ערד־קויל כדי צו קומען צו זיין ווייב. כ׳דערצייל איר די מעשה פון הערמאַן עקע, דעם גוטבאַזיצער פון קאַטשקע־טייך, וועלכן חוה האָט פאַר־לאָזן. זיי האָבן געלעבט גליקלעך, חוה און ער, אָבער חוה איז אַוועקגעגאַנגען פון אים צו אַן אַנדערן. פאַרוואָס? קיינער ווייס נישט. וועט זי אויך שטענדיק בלייבן ביי דעם אַנדערן? זי וועט זיכער צוריקקומען צו הערמאַן עקע.

און ער, הערמאַן עקע, וואַרט זי זאָל צוריקקומען. אַ גאָרטן פֿאַרפֿלאַנצט ער פֿאַר איר, אַ טעראַס בויט ער פֿאַר איר אויס. יאָרן פֿאַרגייען. וואו איז חוה? זי קומט נישט צוריק. אָבער ער וואַרט, און די יאָרן פֿאַרגייען. לאַנגע יאָרן איז ער געווען טרויעריק און נידערגעשלאָגן, אָבער קוקט אים אָן איצט, שטייף און אויסגעגלייכט גייט ער אַרום מיט לייכטנדיקע אויגן. דער פּריינט פֿרעגט אים: גלויבסטו דען נאָך, אַז חוה וועט צוריקקומען? — כאַ־כאַ, ענטפֿערט הערמאַן עקע. מער גאָרנישט. הערמאַן עקעס האָר זענען ווייס געוואָרן. עס פֿרעגט אים דער פּריינט: וואָס וועסטו זאָגן, אַז חוה וועט צוריקקומען?

קעניגין, וועל איך זאָגן, ענטפֿערט הערמאַן עקע, דיין טראָן שטייט גרייט. לאָמיר רעדן וועגן די קומענדיקע טעג.

טרויעריק שמייכלט דער פּריינט, הערמאַן עקע האָט פֿאַרלוירן דעם זינען.

אַ לאָמפּ ברענט אין חוהס צימער, שטרויסן שמעקעדיקע שטרעקן זיך אין די וואַזעס. הערמאַן עקע שטייט יעדן אָוונט אויפֿן טורעם און קוקט לענג־אויס דעם וועג, צי קיין וואָגן קומט נישט אָנצופֿאָרן. ניין, קיין וואָגן קומט נישט אָנצופֿאָרן.

דער פּריינט קוקט אָן הערמאַן עקע און טראַכט: איצט וועסטו שוין אין קורצן שטאַרבן. דיין האַרץ איז שוואַך. ער פֿאַרטראַכט זיך.

יאָ, חוה האָט אַ שוועסטער, זי מוז קומען כּדי צו דערציילן אים וועגן חוהן און זאָגן אים, אַז אינגיכן וועט זי קומען, חוה. די שוועסטער קומט און רעדט מיטן פּריינט. חוה איז געשטאָרבן, אָרעם און פֿאַרלאָזן איז זי געשטאָרבן. דערציילט אים דאָס נישט, טייערע, זאָגט דער פּריינט, דערציילט אים, אַז זי לעבט אין פּראַכט און גליק און ווערט אַ סך געאַכטעט. אינגיכן וועט זי קומען צו אים.

יאָ!

אין דעם קומט ער אַריין, הערמאַן עקע. און ער ווענדט די אויגן אויף דער שוועסטער — מאַכט צורעכט די ברילן — זעט — ? זיינע אויגן ווערן אָנגעפילט מיט אן איבערצרדישן גלאַנץ. ער שפרייט אויס די הענט — זעסט דאָס?

חוהס שוועסטער! פליסטערט אַרויס דער פריינט.

הערט דאָס הערמאַן עקע? ניין!

ער זאָגט: קעניגין, דיין טראָן שטייט גרייט, לאָמיר רעדן פון די קומענדיקע טעג!

הערמאַן עקעס לעצטע ווערטער זענען דאָס געווען. — —

„וואָס זאָגסטו דערצו, אינגעבאָרג?"

אינגעבאָרג בייגט איין דעם קאָפּ, שמייכלט און אירע אויגן-הייטלעך ציטערן און ווערן פייכט.

„דערציי ל, אַקסעל! טראַכט עפּעס אויס!"

די שעה איז גאָלדיק, די זון בענטשט די וועלט. אַ שמייכל איז אויסגעשפּרייט אויף אַלע זאַכן, אפילו אויף די שפּיצן גראָזן. די וועלדער פון נאָענט און פון ווייט זענען ווי הויכע פּאַליעס פליסנדיק גאָלד. אַ גאָלדענער הימל און אַ גאָלדענער פונקען-רעגן, וואָס פאַלט צו דר'ערד. אויף מערב ליגן שמאָלע וואָלקנס, ווי גרויסע גליענדיקע שייטערהויפנס, אויף זיי ווערט פאַר-ברענט די זון און דאָס פייער צעפלאַקערט זיך איבערן הימל. גאָלדענע בלעטער ציטערן אין בלויען הימל, מ'זעט נישט די צווייגן, אויף וועלכע זיי הענגען. ווי אַ הייל מיט גאָלדענע זיילן, פול מיט פינקלענדיקע צירונג, זעט אויס דער וואַלד אַנטקעגן. פעויד גייען דאָרט אַרום און איין קנעכט, גאָלדיק זענען די פערד, גאָלדיק איז דער קנעכט. אַ גאָלדענער ווינט בלאָזט און גאָלדע-נער טוי טריפט פון דיביימער.

כ'טו אַ קוק אויף אינגעבאָרג, וועמענס פּנים און הענט זע-

נען דורכגעלויכטן פון דער זון. אירע האָר האָבן די פאַרב פון אַלטן גאָלד און אַ צאַרט פייערדיק געוועב ציטערט איבער זיי. די אויגן־הייטלעך האָט זי פאַרמאַכט, אָבער זיי זענען אַזוי דין, אַז מ׳דערקענט די אויגן הינטער זיי. אַ מידער, גליקלעכער שמייכל שוועבט אויף איר שמאָל פּנים, אַזאַ, ווי עס האָבן נאָר געזונט־געוואָרענע און קימפּעטאָרנס און געליבטע אויף צומאָרגנס נאָך אַ יחוד־נאַכט.

פּאַצאָ ליגט צו אירע פיס און זי האַלט אָנגעשפּאַרט די פיס אויף זיין אָטעמענדיקער פּלייצע.

און איך קוק אויף אינגעבאָרג און הייב־אָן מיט אַ שטילער שטים:

„דאָס מאָל וועל איך דיר דערציילן פון אַ שיינער קעניגין, ווייל גראָד טראַכט איך וועגן אַ שיינער קעניגין. דאָס איז די קעניגין, וואָס מ׳רופט זי „דאָס גאָלדענע האַרץ". סילוויאַ האָט זי געהייסן. זי איז געווען ניקאָלאָ דאַנדאָלדיס ווייב, יונג, ניקאָלאָ אַלט. ניקאָלאָ האָט געהייסן דער איינאויגיקער מאַן מיט דער זיגרייכער שווערד, אין פאָלק — דער וואַכער. שפּעטער — דער וואָרטברעכער. באַלד וועסטו געוואויר־ווערן פאַרוואָס. ער איז געווען זייער גרויזאַם, ווי אַלע מלכים אין די מעשהלעך, און מ׳האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט אַראָפּגעקומען אין גהינום אויף אַזויפיל איילן טיף, וויפיל מענטשן ער האָט אויסגעהרגעט, וואָלט ער נאָך אַזויפיל ליכט געזען, וויפיל מ׳זעט דורכן שפּיץ פון אַ נאָדל.

פאַרשטייט זיך, אַ פּאַזש קומט אויכעט פאָר, וועסט עס באַלד הערן, אינגעבאָרג. דער פּאַזש האָט געהייסן „אויג", ווייל ער האָט געהאַט שיינע אויגן, דאָס האָבן אַלע פרויען געוואוסט.

שיין זענען דיינע אויגן, האָט סילוויאַ געזאָגט, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען. זי האָט גערעדט אַזוי ווי

אין חלום. גאָלדן האַרץ האָט ליב געהאַט אויג, און אויג האָט ליב געהאַט גאָלדן האַרץ.

זיי פליען זיך טרעפן אין פרויען-גאָרטן און גאַנצע נעכט אָפּזיצן צווישן די קוסטן, אין שווייגנדיקן שאָטן, וואָס דער פּאַלאַץ האָט געוואָרפן איבערן גאָרטן. דאָ פלעגן זיי זיצן און פלוידערן, און איך האָב אַלצדינג געוואוסט, וואָס זיי האָבן געזאָגט איינס דאָס אַנדערע. אויך איינגעבאָרג האָט געוואוסט און האָט געשמייכלט. וויפיל נעכט זיי זענען דאָרט אָפּגעזעסן! אָבער דער פּריסטער האָט זיי באָבאַכטעט און איינמאָל אין אַ נאַכט, וואָס איז פּרעכטיק און שמעקעדיק געווען, ווי קיינע נישט, איז עס געשען. ווען דער קאַרשנבוים האָט זיך באַדעקט מיטן ערשטן בליעכץ, האָבן זיי זיך דאָס ערשטע מאָל דערזען, ווען די קאַרשן האָבן זיך גענומען רויטלען, איז עס שוין געהאַט געשען מיט זיי. זיי האָבן געזאָלט שטאַרבן.

דער קעניג האָט דעם גאַנצן אַדל פאַרבעטן אויף אַ יום-טוב און זיי זענען געזעסן אין די גאַלעריעס, געקליידט אין דעם פּראַכט פון אַ סך הונדערטיעריקן רייכטום. פונדערווייטנס האָבן זיי אויסגעזען, ווי קוישן פול מיט בלומען, וואָס די גערטנער האָבן אויסגעשטעלט צום פאַרקויפן.

מ'האָט אַריינגעפירט סילוויאַ און דעם פּאַזש, אַלע זענען בלייך געוואָרן און זייערע פּנימער זענען געווען אַזוי ווייס, ווי די ליכט, וואָס די מאָנאַכן האָבן געטראָגן. ווען זיי ביידע האָבן אַנידערגעקניט און די תּליונים האָבן זיך אַנידערגעשטעלט הינטער זיי, איז דעמאָלט געוואָרן אַזוי שטיל, אַז יעדער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ.

דער קעניג האָט אויסגעזען ווי אַ רעליקוויע פון געלן וואַקס, ווי מ'זעט דאָס אין די קירכן. סילוויאַ האָט אַזוי שיין

און רירנדיק אויסגעזען, אַז אין דעם קעניגס האַרצן איז אַנט־שטאַנען אַ געראַנגל צווישן ליבע און דורשט נאָך נקמה.

און ער האָט אויסגערופן: „די קעניגין האָט רעכט צו בעטן איין בקשה! דאָס לעבן אָבער פון דעם באַצווינגער פון פרעמ־דע. ווייבער בלייבט אין מיין האַנט".

ס'איז געוואָרן שטיל און דאָס זיסע מיידל־קול פון דער קעניגין האָט געזאָגט: „איך בעט, מ'זאָל דעם שקלאַף, וואָס זינגט אין די נעכט אַזוי טרויעריק וועגן לידאָ, אָפּשיקן אין זיין היימ־לאַנד אַריין".

דער קעניג האָט זיך הייזעריק צעלאַכט.

„די קעניגין האָט רעכט צו בעטן איין בקשה", האָט ער ווידעראַמאָל אויסגערופן, און פאַרקייכט זיך.

דעמאָלט האָט גאָלדן האַרץ געבעטן מ'זאָל זי טויטן פרי־ער פאַר איר געליבטן. זי וויל נישט הערן דאָס פאַלן פון זיין קאָפּ.

אָבער דער געליבטער האָט זיך געגנשטעלט. ער וויל, זי זאָל לענגער זען דעם הימל, ווי ער, האָט ער געזאָגט. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי געפירט דעם שטרייט, יעדער האָט פריער גע־וואָלט שטאַרבן. די פרויען אויף דער גאַלעריע האָבן געוויינט. און ווידעראַמאָל האָט זיך סילוויאַ גרייט געמאַכט צום שטאַרבן.

דאָ האָט זיך דער קעניג אויפגעהויבן, איבערגעבויגן זיך איבער דער גאַלעריע, פאַרקייכט זיך און אויסגערופן: „די קעניגין האָט נאָך רעכט צו בעטן איין בקשה!" און ער האָט געבויערט מיט זיינע בליקן אין סילוויאַס אויגן.

אָבער סילוויאַ האָט נישט געבעטן די בקשה, וואָס ער האָט ערוואַרט.

„איך בעט מיר ערלויבן באַקענען זיך צו מיין שולד", האָט זי געזאָגט.

דער קעניג איז צוריקגעפֿאַלן אין שטול אַריין און אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ.

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער אופן פֿון באַקע־נען זיך צו זינד, איינגעבאָרג, ווערסט עס הערן.

סילוויאַ האָט אָנגעהויבן און דערציילט, אַז זי איז יונג און אַז זי בעט די הייליקע מוטער זי זאָל איר מוחל זיין, וואָס זי איז ערשט אַלט זיבעצן יאָר.

„כ׳וואָלט ליבערשט געוואָלט אַלט זיין זיבעציק יאָר, איי־דער ווערן אַ קעניגין. אָבער זאָל די הייליקע מוטער זיין צו מיר גנעדיק דערפֿאַר, וואָס כ׳האָב מיך געפֿרייט מיט מיין יוגנט, דערזעענדיק מיין געליבטן צום ערשטן מאָל. וואָרים כ׳שווער ביי די וואונדן פֿון אויסלייזער, אַז ווען כ׳וואָלט דעמאָלט געווען אַלט, וואָלט איך די אייגענע נאַכט געשטאָרבן פֿאַר האַרצווייטאָק".

און זי האָט דערציילט, ווי אַזוי זי האָט דעם געליבטן צום ערשטן מאָל דערזען.

„ער איז געשטאַנען אין זאַל מיט די געוועבטע ווענט, וואו אַזויפֿיל הערן און דאַמען פֿאַרברענגען און לאַכן אַזוי שטיל, ביז עס דאַכט זיך, אַז מען גייט אַרום צווישן געשפּענסטער און ס׳באַ־פֿאַלט אַ שרעק. דאָ האָב איך אים דערזען, ער האָט זיך פֿאַר־בייגט פֿאַר מיר און איך האָב מיך דערשראָקן. כ׳ווייס נישט פֿאַרוואָס.

שיינע אויגן האָסטו! האָב איך געזאָגט צו אים. גאָט איז מיר אַן עדות, אַז כ׳האָב נישט געוואוסט וואָס איך טו. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערמאָנט, וואָס כ׳האָב געזאָגט.

פֿאַסט דאָס פֿאַר אַ קעניגין שטיין צו בלייבן און אַזעלכע ווערטער אַרויסצוברענגען? זיכער נישט. איך האָב עס געטאָן.

כ׳האָב זיך נישט געקאָנט רירן פֿון אָרט, כ׳האָב געציטערט

און געלאַכט. פּאַסט עס פאַר אַ קעניגין צו לאַכן ווי אַ קינד? אָבער איך האָב עס געטאָן.

ווידער האָב איך אים געטראָפן ביים זילבערנעם שטיגל, ער האָט אויסגעלייגט קישנס אין שיפל פון קעניג. ער איז געווען זייער בלאַס.

פאַרוואָס ביסטו אַזוי בלאַס, האָב איך געפרעגט.

און ער האָט געענטפערט: כ'בין אַזוי בלאַס, ווייל כ'האָב ליב אַ מיידל און קאָן דאָס איר קיינמאָל נישט זאָגן.

כ'האָב זיך נישט דערשראָקן — כאַ-כאַ — גיין, ווייל כ'האָב זייער גוט געוואוסט, ווער עס איז דאָס מיידל.

וואָלסטו געקושט דאָס מיידל, ווען דו וואָלסט געקאָנט?

גאָט איז אַן עדות, איך וואָלט דאָס געטאָן.

טאָ גיב מיר אַ קוש.

ער האָט מיך געקושט. פּריינט, דאָס איז געשען בייטאָג, אַנטקעגנאיבער דעם פּאַלאַץ, די מעוון האָבן דאָס געזען, די פיש אין ים און גאָטס טויזנט שטראַלנדיקע אויגן, נאָר אייך האָט גאָט די אויגן פאַרשלאָסן".

און כ'האָב ווייטער דערציילט, אַז גאָלדן האַרץ האָט כסדר גערעדט פון דעם געליבטן און פון איר ליבשאַפט און איז נישט מיד געוואָרן אויסצולויבן זיין שיינקייט, זיינע אויגן, זיינע ליפּן, זיינע הענט, זיין שטימע, און צו באַזינגען דאָס זיסקייט פון איר ליבע. יאָ, זי האָט אַזוי גערעדט, אַז די מאָנאַכן און נאָנעס האָבן זיך אַוועקגעדרייט.

„אָ, איר פרויען דאָרט אויבן!" האָט זי אויסגערופן. „קוקט מיך אָן, די געפאַלענע! אָבער איך זאָג אייך, אַז כ'וואָלט מיך קיינמאָל אין לעבן נישט געטוישט מיט אייך. גערן וואָלט איך געשטאָרבן פאַר יעדעס וואָרט זיינס און פאַר יעדן הערעלע פון זיינע ברעמען. ווי גליקלעך וואָלט יעדע פון אייך געווען, ווען זי

וואָלט געקאָנט אַרויסרעדן די דאָזיקע ווערטער! כאַ-כאַ! איר וואָלט נישט געהאַט דאָס מינדעסטע געפיל פון חרטה, ווען ער וואָלט נאָר איינמאָל אַרומגענומען אייער האַלז מיט זיין אָרעם, דעם ערגסטן גהינם וואָלט איר ליבערשט איבערגעטראָגן, איידער איר וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון איינעם פון זיינע קושן. איך ווייס דאָס, יאָ, יאָ, יאָ!"

אַזוי האָט סילוויאַ גערעדט און האָט גאָרנישט געקאָנט אויפהערן צו רעדן וועגן איר געליבטן און וועגן דער פּרעכטי־קייט פון איר ליבשאַפט.

זי האָט נישט גערעדט, ניין, זי האָט געזונגען פון פרייד. זי האָט געלאַכט און געוויינט בעתן רעדן און אירע באַקן האָבן זיך גערויטלט פאַר גליק.

אויג אָבער האָט געוויינט פאַר נחת הינטער דעם קאַפּ־טור, וואָס מ'האָט אויף אים פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ, און ער האָט געוויינט אַזוי שטאַרק, אַז די שטיינער ביי זיינע פיס זענען טונקל געוואָרן, כאָטש די זון האָט געברענט.

די געסט האָבן געציטערט. דער קעניג האָט זיך געקרומט אונטער סילוויאַס ווערטער און איז וואָס אַמאָל אַלץ מער פאַר־שטאַרט געוואָרן.

טיפע, גרויע קנייטשן זענען אַנטשטאַנען אויף זיינע באַקן און שלייפן.

דעמאָלט האָט זיך סילוויאַ ווידער גרייט געמאַכט צום שטאַרבן. זי איז געווען אַזוי שיין און דאָס פּנים אירס אַזוי אויסגעהייטערט, אַזוי שטראַלנדיק, ווי זי וואָלט געגאַנגען צו דער חתונה מיט איר געליבטן און נישט צום טויט.

די תליונים האָבן געלויערט אויף אַ וואונק, אָבער דאָ האָט דער קעניג ווידער אויפגעהויבן די האַנט.

„וואַרט! וואַרט! האָט ער אויסגערופן מיט אַ הייזעריק

קול און זיך פֿאַרטראַכט. און ער האָט זיך געווענדעט צו די געסט. „זעט! זעט! גיט אַ קוק ווי שיין זי איז! ווי פּרעכטיק זי איז! ווער האָט שוין אַמאָל געזען אַזאַ שיינע פּרוי?"

און האָט זיך ווייט אַריבערגעבויגן איבערן אָנשפּאַר און געשעפּטשעט: „נאָך צו איין בקשה האָסטו רעכט, פּרעכטיקסטע סילוויאַ, צו יעדער בקשה, וואָס וועסט נישט שטעלן — ביי ביי מיין כּבֿוד!"

די געסט זענען געווען אויסער זיך פֿאַר שמחה.

און ווי מיינסטו, וואָס האָט סילוויאַ געבעטן? יאָ, וואָס דען אַנדערס איז געווען צו בעטן, ווי?

אָבער ווי נאָר זי האָט געעפֿנט די ליפּן צו דער בקשה, אַזוי איז דעם קעניג פּלוצלינג דער אַלטער גרימצאָרן באַפֿאַלן.

„דערהרגעט זי! דערהרגעט זי!" האָט ער אַרויסגעקייכט און געמאַכט אַ באַוועגונג מיט די אָרעמס, ווי ער וואָלט געוואָרפֿן שטיינער אויף איר.

סילוויאַס קאָפּ איז אַריבערגעשפּרונגען איבער דער שווערד.

און ווען זיי האָבן געוואָלט אויך אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ, האָבן זיי באַמערקט, אַז ער איז שוין טויט.

„ער איז שוין טויט, הער!" האָט אויסגעשריגן דער תּליון. „די שרעק האָט אים דערהרגעט".

די שרעק —

„וואָס זאָגסטו דערצו, אינגעבאָרג?"

אינגעבאָרג האָט געשוויגן. אינגעבאָרג האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„דו מוזט זי ראַטעווען, אַקסעל, ווילסט?"

„יאָ!"

און כ'האָב נאָכאַמאָל דערציילט פֿון דער שטעל אָן: „די געסט זענען געווען אויסער זיך פֿאַר שמחה. און סילוויאַ האָט

געזאָגט: אויב דו ביסט אַזוי גנעדיק, הער, טאָ זאָל דיר גאָט
באַצאָלן. שענק אונז ביידע לעבן און פרייהייט".

דער קעניג האָט געשמייכלט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

טראָמפּייטן האָבן זיך צעשאַלט און די געסט האָבן גע-
יובלט, אַז די דעכער פון די גאַלעריעס זענען געפלויגן אין דער
לופטן און אַלע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום מאָלצייט. —

אינגעבאָרג האָט געשמייכלט.

ס'איז געווען אַ גאָלדענע שעה און די גאַנצע וועלט, די
וועלדער, דער טאָל, דער שלאָס, אינגעבאָרג און איך און פּאַצאָ
ביי אינגעבאָרג צופיסנס, אַלצדינג איז געווען פון גאָלד, און דער
גאָלדענער רעגן איז אַלץ נאָך לאַנגזאַם געפלאָסן פון הימל. כ'האָב
געפילט, אַז מיין האַרץ איז געווען פון גאָלד און שטיל האָט עס
אָנגעהויבן צו קלינגען, ווי אַ גלאָק.

אינגעבאָרג האָט געשמייכלט. זי האָט נאָכנישט געשמייכלט
אַזוי ווי אַמאָל.

„דאָס שענסטע פון אַלע דיינע מעשהלעך איז וועגן אַקסעל
און אינגעבאָרג. אינגעבאָרג איז נאָנט געווען צום שטאַרבן, אָבער
אַקסעל האָט זי געפלעגט מיט אַזויפיל אויפאָפּפערונג, אַז זי איז
געזונט געוואָרן און נישט געקאָנט שטאַרבן. איז דען נאָך דאָ אַ
שענער מעשהלע? ניין, ניין......"

גאָלדיק איז געווען די שעה און די שענסטע שעה מיינע
איז דאָס געווען.

דאָס שענסטע פון אַלע דיינע מעשהלעך איז וועגן אַקסעל
און אינגעבאָרג......

אָ, אינגעבאָרג — — — — — — — — — — — —

טעג זענען פאַרגאַנגען און אינגעבאָרג איז וואָס אַ טאָג
אַלץ קרעפטיקער און געזונטער געוואָרן. אָבער דאָך האָט זי

נאָכנישט גערעדט אַזוי ווי פריער, נישט געלאַכט אַזוי ווי פריער.

מיד איז נאָך אינגעבאָרג געווען.

אינגעבאָרג איז אַרומגעגאַנגען און געטראַכט. אויף שעהן־לאַנג איז זי פאַרגאַנגען אין וואַלד און געטראַכט. דאָס פּנים אירס איז געווען אָפּגעברענט ווי אום זומער, ווייל די זון האָט געברענט.

וואָס אַזעלכס האָט אינגעבאָרג געטראַכט?

אַ סך נעכט בין איך אָפּגעלעגן און נישט געשלאָפן.

אינגעבאָרג איז נאָכנישט געווען די אייגענע, וואָס אַמאָל.

די פייגל האָבן מער נישט געזונגען אַזוי ווי פריער. די פעלדער זענען געווען אָפּגעליידיקט.

אַ סך נעכט בין איך אָפּגעלעגן און נישט געשלאָפן. אָבער בייטאָג איז מיך אָפּט באַפאַלן אַ מידקייט און כ׳האָב געמוזט שלאָפן. אָפּט האָב איך מיך אויפגעריסן פון שלאָף, חלומות האָבן מיך געמאַטערט. נאָכאַמאָל און נאָכאמאָל האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט, ווען כ׳האָב געקעמפט פאַר אינגעבאָרגס לעבן. אַ שרעק איז געלאָפן דורך מיין נשמה. פויסטן האָבן זיך געהויבן און מיך אַנידערגעשליידערט — און כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט.

כ׳האָב פאַרנומען קולות, דראָענדיקע שטימען, כ׳האָב געהערט אַ געוויש, און דאָס געוויש האָט געזאָגט: דו האָסט געוואַגט!

האָב איך עפּעס שלעכטס געטאָן?

כ׳האָב אויסגעזען שלעכט, ווי כ׳וואָלט געווען קראַנק. טייל־מאָל האָב איך אויך געפיבערט.

ווי האָט אויסגעזען מיין נשמה? ווי דער טאָל איז זי געווען, זון און שאָטנס פון וואָלקנס, יאָגנדיקע שאָטנס פון וואָלקנס, כ'האָב מיך געפרייט מיט דער זון, געפרווּוט דערגרייכן צו איר, באַפעסטיקן זי, כ'בין געווען גליקלעך, נישט געטראַכט וועגן די שאָטנס. ניין, נישט געוואָלט טראַכטן וועגן זיי!

אינגעבאָרג האָט מיך ליב געהאַט. טויזנטמאָל געקושט מיך. אָבער אירע ליפּן האָבן אַנדערש געקושט, אַנדערש איז געווען איר קוש.

## 22

אַ פריילעכע נאַכט איז אָנגעקומען, אַ נאַכט פול געזאַנג, פול געלעכטער, פול מיט בליקן און קושן אין דער לופט.

דער הימל — שאַפיר־בלוי, שטערן, אַ סך שטערן, שלוה אַרום און אַרום, הייליקע שלוה, אין וואַלד, אין טאָל. הונדערט ליכט ברענען אין מיין צימער, מיר פייערן דעם יום־טוב פון געזונט־ווערן.

געלעכטער, געזאַנג, פריילעכע ווערטער און וויין.

וואָס איז אַלץ געשען אין דער נאַכט? כ'ווייס שוין נישט. פריילעך זענען מיר געווען און גוט געשטימט, הונדערט ליכט האָבן געברענט אין מיין צימער. ווי אַ פלאַמענדיקער בלומען־בייט, ווייסע שטענגלעך, ברענענדיקע בליטן.

ס'האָט געבליצט און געפינקלט, כ'האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ העלקייט נישט געזען, אַזעלכע אויגן, אַזעלכע ליפן, אַזעלכע הענט, קיינמאָל שוין מער נישט.

מיר האָבן געטרונקען, אינגעבאָרג און איך און קאַרל. קאַרל האָט געלאַכט, געטרונקען פאַר אינגעבאָרג, פאַר מיר, פאַר אַלע הייליקע, וואָס זענען אויסגערעכנט אין קאַלענדער.

אַ קליינע געשיכטע האָט ער פאַרצײלט, אַ געניאַלע, צאַרטע שאַפונג. ס'האָט געהייסן „דער פאַרשווונדער".

כ׳האָב ליב פאַרשוועגדער, אָט די פאַרשווענדער, וואָס פאַרשווענדן גאָלד, געדאַנקען און געפילן, וואָס פאַרשווענדן אַלץ, אַלץ און שטענדיק!

יאָ, דאָס איז געווען קאַרל! כ׳האָב פיינט די בירגער, די קויעמער, די בעל־חשבונות, נידער, נידער מיט די פיליסטערס!

A bas, à bas!

דאָס איז געווען קאַרל.

מיר האָבן געטרונקען פאַר דעם וואוילזיין פון די פאַרשווענדער, געטרונקען פאַר דעם אונטערגאַנג פון די פיליסטערס.

אינגעבאָרג האָט געזונגען. זי האָט נאָך קיינמאָל אַזוי שיין נישט געזונגען, ווי אין יענער נאַכט, דאָס ערשטע מאָל האָב איך נישט געטראַכט מער, אַז דאָס זינגט אינגעבאָרג, ס׳איז געווען אַ שטים, די שטים פון אַ זינגערין. כ׳בין פריילעך געווען, לייכט איז מיר געווען אויפן האַרצן. אַלץ איז געווען פאַרגעסן, אַלע שאָטנס. האָב איך געטראַכט וועגן שאָטנס? אַ שוטה בין איך געווען.

אינגעבאָרגס בליק האָט מיינעם געזוכט, ס׳האָט אַרויסגעפינקלט פון אים לוסט צו פאַרפירונג. אינגעבאָרג האָט אַ קוש געטאָן מיין אויער, ווען כ׳בין געזעסן ביים פאָרטעפיאַן און קאַרל האָט עס נישט געקאָנט זען. כ׳האָב לייכט אַ געשריי געטאָן. דער פאָרטעפיאַן האָט זיך פאַרקיכעט און אַ לאַך געטאָן.

ווידער האָב איך אינגעבאָרגס אַמאָליקע שטים דערהערט, אינגעבאָרגס אַמאָליקע אויגן דערזען.

קאַרל האָט געשאָטן מיט געדאַנקען און מיר האָבן געלאַכט און געשטוינט אָן אַן אויפהער. ער האָט דערציילט עפּעס אַ מעשה פון היימלאָזע, פול מיט טרויעריקע און עקלהאַפטע איינצלהייטן, אָבער ער האָט עס אַזוי דערציילט, אַז מיר האָבן פון אַלעמדינג געמוזט לאַכן.

די נאַכט איז פֿאַרגאַנגען.

אַ האָן האָט געקרייט. דאָ האָבן מיר אַלע אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, אָבער קיינער וואָלט נישט געקאָנט אָנגעבן די סבה, פֿאַרוואָס מיר האָבן געלאַכט, וואָרים דער האָן האָט געקרייט ווי אַ גאַנץ געוויינלעכער האָן. כ׳האָב מיך אויפֿגעשטעלט.

„פֿריינט״, האָב איך געזאָגט. „הערט! איך מאַך אייך אַ פֿאָרשלאַג. איר זענט פֿריינט, דו אינגעבאָרג און דו קאַרל, כ׳וויל איר זאָלט קרובים זיין. אויב איר קענט — זאָגט זיך דו!״

אינגעבאָרג האָט זיך פֿאַרלוירן. איר בליק האָט געפֿלאַקערט. קאַרל האָט געזאָגט, אַז ער דאַנקט מיר, איינמאָל קאָן מען דאָך פּרובירן.

און אינגעבאָרג האָט געזאָגט „יאָ״ און געשמייכלט.

„גוט!״ — האָב איך אויסגערופֿן. „אויב אַזוי צעקושט אייך״. כ׳האָב געלאַכט. ס׳איז געוואָרן שטיל.

ס׳אַראַ קינדער זיי זענען געווען, אָט די ביידע!

אינגעבאָרג האָט אָנגעקוקט קאַרלן, און דעם בליק האָב איך געקענט. כ׳האָב אים שוין אַמאָל געזען, יאָ, דאָס איז געווען דאָרט אויבן אויפֿן שפּיץ באַרג, דעמאָלט ווען דער שטורעם איז געווען.

„נו, צעקושט זיך שוין אַמאָל!״

קאַרל האָט צאַרט גענומען אינגעבאָרגס קאָפּ צווישן די הענט און זי אָנגעקוקט. ער איז געוואָרן בלייך און זיינע אויגן האָבן געשטראַלט. ער האָט אויסגעזען שיין, צעטומלט און טרי־ומפֿירנדיק צוגלייך. דאָס איז געווען קאַרלס אמתדיק פּנים. און ער האָט געקושט אינגעבאָרג אין די ליפּן. אינגעבאָרג איז רויט געוואָרן, זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן.

דערנאָך זענען זיי ביידע געווען פֿאַרשעמט און שטיל.

אַזעלכע קינדער זענען דאָס געווען.

„פרישע ליכט מוז מען אָנצינדן", האָט אינגעבאָרג געזאָגט אין פאַרלעגנהייט, און קאַרל האָט זיך אָנגעגאָסן פול די גלאָז און געטרונקען פאַר מיין וואוילזיין, מיט אַ צעטומלט פנים —

שפּעטער האָב איך געהייסן איינשפּאַנען דעם וואָגן און מיר זענען געפאָרן אַריין אין וואַלד, דער טאָג איז אויפגעקומען.

אינגעבאָרג איז שטיל געוואָרן און שלעפעריק און פאַר־מאַכט די אויגן.

„ביסט מיד, אינגעבאָרג?" האָב איך געפרעגט.

„ניין", האָט אינגעבאָרג געענטפערט. „כ'בין גאָרנישט מיד". זי האָט געשמייכלט מיט פאַרמאַכטע אויגן־הייטלעך — — —

אינגעבאָרג גייט אַרום מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, מיט חלומות אין די אויגן. ווען איך רוף זי, דערשרעקט זי זיך און שמייכלט צו מיר.

„וועגן וואָס טראַכסטו, אינגעבאָרג?"

אינגעבאָרג שמייכלט און גייט אַוועק.

„כ'וועל נישט זאָגן, אַקסעל", זאָגט זי און שמייכלט אַריבער איבערן אָרעם.

# 23

אינגעבאָרג האָט געזונגען און געפּלוידערט. דאָס אַמאָליקע קול אינגעבאָרגס איז דאָס געווען. כ'האָב געהערט טריט איילן איבערן קאָרידאָר, אינגעבאָרגס אַמאָליקע טריט. אינגעבאָרג איז געגאַנגען איבער דער לאָנקע, כ'האָב זי גערופֿן, זי האָט זיך אומגעדרייט, דאָס איז געווען אינגעבאָרגס אַמאָליקע באַוועגונג.

כ'בין גליקלעך געווען, ווי אום זומער, יאָ, אָבער טיילמאָל איז מיך באַפֿאַלן אַ שטילע, אומבאַגרינדעטע שרעק, אַ געפֿיל, ווי ס'וואָלט מיר געשווינדלט פֿאַר די אויגן. כ'האָב געטראַכט, ס'מוז זיין אַן אָפּקלאַנג פֿון יענער נאַכט, כ'בין שוין מער נישט געווען אַזוי געזונט ווי פֿריער. דערנאָך איז עפּעס געשען. דאָס איז געווען איינמאָל אַ נאָכמיטאָג.

כ'בין געגאַנגען דורכן פּאַרק, זוכן קאַרלן און אינגעבאָרג. זיי האָבן זיך געוואָלט אַביסל שיפֿן אויפֿן וואַסער. קאַרל האָט געהאַט פֿאַרענדיקט זיין אַרבעט, ער איז געווען אומערמידלעך אַזוי אין ווײלן-זיך, ווי אין דער אַרבעט, ער האָט שטענדיק גע-מוזט עפּעס טאָן. כסדר געווען אונטערוועגנס, זיין געלעכטער האָט געקלונגען האַרציק און הויך. דאָס קינד, וואָס איז באַהאַלטן אין דיכטער, האָט אים באַהערשט אין אַזעלכע טעג.

כ'בין געגאַנגען דורכן פּאַרק, יאָ. כ'בין נישט געווען

פרייליך, כ'האָב נישט געוואוסט פאַרוואָס. אָבער כ'האָב אַנטדעקט, אַז דער הערבסט האָט שוין בדעה זיך צו באַווייזן. פאַרוועלקטע בלעטער זענען אַראָפּגעהאָנגען דאָ און דאָרט, אָבער די ביימער־קרוינען זענען געווען אַזוי געדיכט, אַז נאָר קליינע, פינקלענדיקע, ליכטיקע שטערנדלעך פון הימל האָט מען אַרויסגעזען, די ביימער האָבן זייער גאַנצע קראַפט צעוויקלט.

אַ זיסלעכער, שווערער, פוילער ריח איז געפאַלן פון די ביימער־קרוינען, אַרום האָט זיך געפילט כמעט דער זעלבער ריח, וואָס אין אַ טויטן־שטיבל. און אין פאַרק האָט אַלץ כסדר גערוישט. דעם הערבסטס גערויש איז דאָס געווען, שטיל, מיד, איינטאָניק.

אַ פויגל האָט געצוויטשערט אין זיין נעסט. ער האָט געשאַרפט דעם שנאָבל אַהין און צוריק. דאָס צוויטשערײַ האָט אַרויסגעבראַנגט אַ שטילן, רירנדיקן טאָן און ס'האָט געקלונגען, ווי דער פויגל וואָלט געווען אַליין און פאַרלאָזן אין פאַרק. דער הערבסט איז געווען אין בלוט פון קליינעם פויגל, ער האָט נישט געוואוסט וועגן וואָס ער זאָל זינגען.

כ'בין אָנגעקומען צום וואַסער, אינגעבאָרג און קאַרל האָט מען נישט געזען, דאָס שיפל איז טרוקענערהייט געשטאַנען ביים ברעג. כ'האָב פאַרדרייט אין אַ שמאָל שטעגל, פאַרוואַקסן מיט מאָך, און פאַרטראַכט זיך, וואו זיי קאָנען זיין ביידע. אין דעם האָב איך אומגעריכט דערזען אינגעבאָרגס קלייד אַדורכלייכטן דורך די געדיכטע געוויקסן. כ'האָב זיך דערפרייט. זיי זיצן מסתּמא אין דער הייל, האָב איך געטראַכט, און געשטעלט גיכע טריט.

אין פאַרק איז געווען אַ הייל, אַן אַראָפּהענגענדיקער פעלז, און אונטן אַ קליין דורכזיכטיק וואַסערל, אין וועלכן ס'פלעגט, פון צייט צו צייט, אין גלייכע איבעררייסן, אַראָפּטריפן אַ טראָפּן וואַסער. דער טראָפּן האָט אין וואַסער און אין דער הייל אַרויס־

גערופן אַ צאַרטן אָפּקלאַנג. דאָס איז געווען אַ שיינע, סודותדיקע מוזיק, וועלכע מ'האָט נישט געקאָנט הערן, אַז מ'זאָל נישט ווערן טרויעריק און נאָכטראַכטן וועגן די רעטענישן פון דער וועלט.

כ'האָבֿ זיך געפרייט, וואָס דאָרט וועל איך זיי טרעפן בּיידע, די צוויי, וועלכע כ'האָבֿ אַזוי זייער ליבֿ געהאַט. פאַרוואָס האָט דאָס האַרץ מיינס אַזוי שטאַרק געשלאָגן?

כ'האָבֿ געהערט אינגעבֿאָרגס שטים, וואָס האָט אַרויסגערעדט עטלעכע ווערטער. ס'איז נישט צום אויסדערציילן טייער געווען צו הערן די שטים פון דער ליבֿסטער דורך דער שטילקייט פון פּאַרק.

כ'בּין געגאַנגען שטיל, טאָמער וועט זי ווידער עפּעס זאָגן.

ווידער האָט זי גערעדט און ס'האָט געקלונגען ווי זי וואָלט גערעדט אין אַ בּעטנדיקן טאָן.

כ'האָבֿ געהערט מיין נאָמען. דאָס האַרץ האָט מיר הויך אָנגעהויבן שלאָגן. כ'האָבֿ געשמייכלט. נישט ווייט פון זיי בּין איך געשטאַנען און זיי האָבֿן נישט געוואוסט, אַז איך שטיי אַזוי נאָנט פון זיי. ווי שיין וועט דאָס זיין צו הערן זייערע ווערטער, אַפילו דאָס, וואָס זיי רעדן וועגן מיר. דערנאָך האָבֿ איך באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון צווישן די געוויקסן, ווי די כּישופמאַכערס אין די מעשהלעך, און זאָגן: איך טראַכט אויך פּונקט דאָס אייגענע, אינגעבֿאָרג, אָדער עפּעס אַנדערש. און כ'האָבֿ מיך געפרייט אויפן געדאַנק וועגן זייערע איבערראַשטע פּנימער און געלעכטער.

כ'האָבֿ געהערט דעם טראָפּן וואַסער פאַלן אין וואַסערל אַריין, דערנאָך אינגעבֿאָרגס רייד, און פּלוצלינג האָט זיך מיר גענומען דאַכטן, אַז זי רעדט ערגעץ ווייט. און דאָך בּין איך נישט מער ווי אַ פּאָר טריט געשטאַנען הינטער זיי. כ'האָבֿ געזען

אינגעבאָרגס נאַקן, עטלעכע קרעלן־פּערעלעך אויף אים, כ׳האָב געזעצן אַ הוט, קאַרלס הוט און דערלעבן אַ קנאָכיקע, שמאָלע האַנט, וואָס קנייטשט איין דאָס גראָז, קאַרלס האַנט.

„אָבער וואָס מיינסטו?״ האָט אינגעבאָרג געזאָגט. „האָסט מיך דען נישט ליב?״

באַך — אַ טראָפּן איז אַראָפּגעפאַלן.

און קאַרל האָט געענטפערט מיט אַן ערנסטער, גלייכקלינגענדיקער שטים:

„איך טראַכט וועגן אַקסעלס איידל האַרץ און וועגן דער שווערער אַרבעט פון מיין לעבן״.

די אויגן־הייטלעך זענען מיר צוגעפאַלן און מיינע אָרעמס זענען שטייף געוואָרן.

ס׳איז פאַרגאַנגען אַן אומענדלעך לאַנגע צייט, דערנאָך האָט אינגעבאָרג ווידער גערעדט, נאָך שטילער, נאָך מער פונדערווייטנס: „אָבער וואָס זאָל איך טאָן? קאַרל, קאַרל, גיב מיר דאָך אַן אויסוועג! כ׳וועל דאָס לענגער נישט איבערטראָגן. כ׳האָב ליב אַקסעלן, יאָ, געוויס, אָבער —״

ס׳איז מיר געלונגען די אָנמעכטיקע הענט צוצופרעסן צו די אויערן. אַ טויבער גערויש האָט געקלונגען אין מיינע אויערן, ווי לעבן אַ דאַמף־קעסל. שטיל און פּאָרזיכטיק בין איך אַוועקגעגאַנגען, כמעט געשפּרונגען איבער דעם גליטשיקן מאָך. מיינע ציין האָבן געקלאַפּט איינער אָן אַנדערן, דער ווייטאָק איז ווי אַ שטיק בליי געפאַלן מיר אין האַרצן אַריין.

אָבער וואָס זאָל איך טאָן? קאַרל, קאַרל, גיב מיר דאָך אַן אויסוועג —

כ׳האָב געאיילט גיכער, דערגרייכט די ברייטע אַלעע, ס׳האָט געבלאָזן צווישן די ביימער.

הו, ווי קאַלט דער ווינט האָט געבלאָזן!

אָבער וואָס זאָל איך טאָן? קאַרל, קאַרל —

כ'האָב באַגערט דעם טויט. כ'בין געלאָפן, געפאַלן, געיאָמערט — נאָך אַלץ האָב איך זיך צוגעהאַלטן פאַר די אויערן. — — —

אַ מענטש ליגט אין דער נאַכט און געפינט נישט דעם שלאָף. ער וואַרט, רירט זיך נישט אַמאָל אַ טיר. וועגן דעם האָב איך געטראַכט. איצט ווייס איך עס.

אַ לאַנגע צייט איז פאַרגאַנגען, דערנאָך זענען זיי געקומען, אינגעבאָרג און קאַרל.

„אַ פרעכטיקן שפאַציערגאַנג האָבן מיר געמאַכט”, האָט אינגעבאָרג אין איילעניש געזאָגט, „נישט אמת, קאַרל?”

קאַרל האָט גאָרנישט געענטפערט.

אַ ליגן האָט געפלאַקערט אין אינגעבאָרגס שטים, אַ סוד האָט געשוויגן אין קאַרלס שווייגן.

כ'האָב געשמייכלט, כ'האָב זיך באַהערשט.

„איר מוזט זיין הונגעריק, פריינט, קומט!” האָב איך געזאָגט.

און איך בין געגאַנגען פאָרויס און זיי זענען מיר נאָכגעגאַנגען, אינגעבאָרג און קאַרל.

# 24

אויפן אַנדערן טאָג איז קאַרל אַוועקגעפאָרן, קיין שום צו־רעדעניש האָבן אים נישט געקאָנט פאַרהאַלטן. „כ׳מוז, אַקסעל!״ כ׳דאָב אים געלאָזט אַוועקפאָרן, כ׳האָב אים ליב געהאַט. אינגעבאָרג איז געווען בלייך, שווייגנדיק.

די פעלדער זענען אָפּגעליידיקט. די לאָנקעס זענען ברוין־גרין. די זון פינקלט נאָך, אָבער אַ לייכטער ווינט בלאָזט שטענדיק אַרויף פון טאָל און צעשטרייט די שטראַלן פון דער זון.

דער זומער גוססט, הערבסט קומט, באַלד וועלן זיך די קראָען צעקראַקען און איך זע אין געדאַנק, ווי שניי פאַלט פון הימל.

ס׳איז דומפּיק אין הויז און דאָך וואו מען גייט — בלאָזט העט און פיס פרירן, אַ קאַלטער אָטעם לויפט דורך די פּלייצעס.

איצט איז זייער שטיל געוואָרן ביי אונז און וואו מען קומט הערט מען דעם טיק־טאַק פון די זייגערס.

אינגעבאָרג זיצט ביים פענסטער און קוקט אַראָפּ אויפן וועג, וואָס פירט אין דאָרף אַריין.

פאַרן הויז אויף דער לאָנקע שטייט אַ בזשאָזע, אַ נייע באַנק, אָבער ס׳איז אַן אַנדער בזשאָזע, אַן אַנדער באַנק.

איך שמייכל און זאָג צו אינגעבאָרג:

„ווי שטיל עס איז בײַ אונז, גוטע אינגעבאָרג!"

ס'איז זייער שטיל, יאָ, ענטפֿערט אינגעבאָרג און קוקט אַריבער צו מיר מיט אַ שמייכל.

כ'גיי אַוועק, דער שמייכל טוט מיר וויי.

אַזוי פֿאַרגייט דער טאָג.

אינגעבאָרג זיצט בײַם פֿענסטער און קוקט אַראָפּ אויפֿן וועג, וואָס פֿירט אין דאָרף אַרײַן.

כ'זעץ מיך אַנידער לעבן איר און זאָג: „ווי עס פֿילט זיך, אַז קאַרל פֿעלט. אַזאַ גוטער מענטש, אַזאַ ערלעכער מענטש! ווי שיין איז געווען צו זען אים אָנטרײַבן! ווי אַ גריכישער אָנטרײַבער איז ער געשטאַנען אויפֿן וואָגן און געקנאַלט מיט דער בײַטש איבער די פֿערד און געשריגן, אַז די פֿערד האָבן זיך אַזש געשראָקן, און זײַנע לאַנגע, רויטע האָר האָבן געפֿלאַטערט אויפֿן ווינט אַרום זײַן לאַכנדיק, צעשטראַלט פּנים".

אינגעבאָרג שמייכלט און קוקט אַראָפּ אויף די טרויעריקע בוקנוועלדער, וואָס וויגן זיך שטיל.

אינגעבאָרג לאַכט שטיל.

„משונהדיק איז ער קודם־כּל געווען, משונהדיק אין אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן. דערמאָנסט דיך, ווי דעם ערשטן אָוונט האָט ער געזאָגט, אַז לויט זײַן מיינונג זענען פֿרויען גאַנץ וואוילע באַשעפֿענישן. און האָט דערציילט וועגן אַן אָרעם מיידל, וואָס האָט אים געשאָנקען אַ קראַוואַט! מיט ס'אַראַ פֿאַרגעניגן דאָס האָט זיך געהערט! און גלײַכצײַטיק האָט ער געשריבן אַ ליד, צוועלף געזאַנגען צו דער פֿאַרערלעכונג פֿון דער פֿרוי — כאַ־כאַ!"

„יאָ, משונהדיק איז ער געווען, ביסט גערעכט, אינגעבאָרג. וווּ איז ער דאָך? כ'האָב קיינמאָל פֿון זײַנע ליפּן נישט געהערט ער זאָל זיך קלאָגן מיט אַ וואָרט, קיינמאָל קיין שפּור פֿון

אומצופרידנקייט אויף זיין פנים נישט געזען. און דאָך האָט ער אַזויפיל געליטן. שטענדיק איז ער פריילעך און שטענדיק שענקט ער אַוועק".

דערנאָך האָט אינגעבאָרג גערעדט און באַדייטנדיק אויפגעהויבן די ברעמען אין דער הייך: „אַ חכם איז ער און אַ קינד. אָ, ער איז אַ מענטש! אין איינעם פון זיינע ביכער האָב איך געפונען אַ שטעל, וואו ס'שטייט: ליידן מוזטו קענען ביז פאַרצווייפלונג און לאַכן ביז משוגעת, און דערביי נישט פאַרצווייפלט ווערן און נישט משוגע ווערן. דאָס זאָגט אַ סך וועגן אים".

און אינגעבאָרג שמייכלט און קוקט אַראָפּ אויפן וועג און צווישן אירע ברעמען זעט זיך אַ קליינער פאַלד. אירע אויגן־הייטלעך זענען האַלב צוגעמאַכט.

איך גיי אַוועק. אָט דער קליינער צונויפגעדריקטער פאַלד צווישן אירע ברעמען צעשניידט מיר דאָס האַרץ.

אַזוי פאַרגייט דער טאָג.

און אינגעבאָרג איז בלאַס און אַן אייגנאַרטיקן גלאַנץ האָבן אירע אויגן. וואו האָב איך שוין אמאָל געזען אָט דעם גלאַנץ און אָט־דאָס פאַרשטאַרטע פנים?

כ'דערמאָן מיך: דעמאָלט אין דער הייך, יענעם אָוונט, איידער מיר האָבן זיך געקושט.

אינגעבאָרג לאַכט משונהדיק און זאָגט: ווייסטו פונוואַנעט די פייער־ליליע נעמט איר ברען און דער קאָס זיין געזאַנג?

ניין, דאָס האָב איך נישט געוואוסט. פונוואַנעט האָב איך געוואָלט וויסן וואו די פייער־ליליע נעמט איר ברען און דער קאָס זיין געזאַנג? כ'האָב מיך קיינמאָל מיט די זאַכן נישט פאַרנומען.

„קאַרל ווייס יאָ!"

קאַרל ווייס יאָ. בין איך אַ דיכטער? ניין. קאַרל איז אַ דיכטער מוז ער דאָס וויסן.

אינגעבאָרג טוט אַ קוק אויף מיר, אויפֿן וועג, וואָס פֿירט צום דאָרף, און זאָגט:

„קאַרל האָט אויסגעפֿונען אַ נייע לערע וועגן אומשטערבלעכקייט. ווי גרויס איז פֿאַר אים דער מענטש. מיר האָט ער דאָס אָנפֿאַרטרויט, מער האָט ער מיט קיינעם נישט גערעדט דערפֿון".

„ווייסטו ווי אַזוי מ'קאָן דערקלערן סימפּאַטיע און אַנטיפּאַטיע? ער האָט גערעדט וועגן שרענגעס מיט דורות און אַז—"

וואָס ווייס איך פֿון די אַלע זאַכן?

דער טאָג פֿאַרגייט, עס בלאָזט אַרויף פֿון טאָל. גרעל־געלע פֿלעקן טרעטן אַרויס אויף די וועלדער. אַן איינציקער פֿייער־רויטער בוים שטייט אין דער ווייטקייט אין גרינעם וואַלד.

כ'גיי אַרום און טראַכט. גיי אַריין אין די שטעלער און גיב אַכטונג אויף די פֿאַראָבקעס. איך רעד מיט זיי. גיי אין שייער, וואו עס וואָרטשעט די שעצקע־מאַשין. עס יאָגט מיך פֿון אומעטום.

אינגעבאָרג! אינגעבאָרג! וואָס אַ טאָג גייסטו אַלץ ווייטער אַוועק פֿון מיר, אינגעבאָרג. באַלד וועל איך דיך שוין אינגאַנצן נישט זען. וואָס אַ טאָג קלינגט דיין שטים אַלץ ווייטער, ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען כ'וועל דיך אינגאַנצן נישט קאָנען מער הערן, מיט אַ פֿרעמדער שפּראַך וועסטו רעדן.

אַ גרויסע טרויעריקייט שפּרייט זיך אויס אין מיין האַרצן, אַלצדינק וויל זי פֿאַרטונקלען. אָ, אינגעבאָרג! אינגעבאָרג!

עס יאָגט מיך אַרום. כ'נעם אַרום אַ בוים און זאָג צום בוים: אָ, אינגעבאָרג!

אַהין און אַהער וואַנדער איך. אויף קיין רגע קאָן איך זיך נישט מער אַנידערזעצן. כ'גריזשע מיר די ליפּן. אַ שרעק באַפֿאַלט מיך טיילמאָל און פֿאַראַליזירט מיך, אַז דאָס האַרץ בלייבט מיר

שטיין. מיין פּנים איז פֿאַרשטאַרט, אינגאַנצן פֿאַרשטייפֿט געוואָרן.
כ׳האָב דאָס געפֿיל, אַז אָט־אָט וועלן מיר די קני זיך איינברעכן.—
טיילמאָל האָב איך אַזאַ געפֿיל —

עפּעס קרישלט זיך. אָן אויפֿהער ווערט עפּעס צעקרישלט,
כ׳פֿיל דאָס, כ׳הער דאָס, ס׳קרישלט זיך אַרום מיר, אין מיר—

כ׳שלאָף שוין נישט. כ׳ליג שטענדיק, שטענדיק וואַך. אין מיין קאָפּ איז אַ געיעג. פֿאַרטאָג שלאָף איך איין פֿאַר מידיקייט. ס׳חלומט זיך מיר, אַז איך וויין. כ׳הער זיך וויינען, איך כאַפּ זיך אויף, מיינע אויגן זענען טרוקן, אָבער אין מיר איז אַ געוויין. כ׳בין צערשטוינט, כ׳דערשרעק מיך, אָבער דאָך וויינט אַלצדינג אין מיר.

כ׳זע אויס שלעכט. כ׳זע אויס פֿאַרעלטערט. כ׳פֿיל ווי אינגעבאָרגס בליק רוט אויף מיין פּנים. כ׳פֿיל, אַז זי באַדויערט די אַלע ווערטער, וואָס זי האָט געזאָגט וועגן מיין פּנים. כ׳פֿיל דאָס.

איך רעד מיט אינגעבאָרג. כ׳באַמי זיך צו רעדן אַזוי מילד, ווי נאָר מעגלעך.

„דערמאָנסט דיך, ווי מיר זענען געזעסן אונטערן עפּלבוים, ער האָט געבליט?"

אינגעבאָרג שווייגט.

„דער זומער איז דאָך שיין געווען, אינגעבאָרג?"

יאָ, ער איז געווען שיין, זאָגט אינגעבאָרג מיט אַ גלייכגילטיקער, מידער שטים. אויפֿרעגונג איז אין איר פֿאַרבאָרגן.

דאָס האָט מיר וויי געטאָן!

איך גיי אַוועק. עס יאָגט מיך אַרום.

כ׳גיי אַהין און אַהער און אומעטום שטעל איך זיך אָפּ און פֿלוידער אַביסל מיט דער דינערשאַפֿט.

„דערגייט נאָך אַביסל זון צו אייך?" זאָג איך צו דער אַל-

טער מאַריאַ, וואָס זיצט בײַם פֿענסטער און צירעוועט זאָקן. כ'רעד מילד און בין געריירט, גלײַך ווי כ'וואָלט גערעדט צו מײַן מאַמען. אַזוי משונהדיק איז דאָס.

„יאָ, הײַנט איז וואַרעם. באַלד וועט שוין זײַן ווינטער, איידער מ'וועט זיך אומקוקן". זי מיינט, אַז הײַ־יאָר וועט דער ווינטער פֿרי זיך שטעלן.

„איך מיין אויך אַזוי", זאָג איך. „איך מיין אַפֿילו, אַז דאָס וועט זײַן אַ האַרבער ווינטער".

ס'אַרט פֿויגל האַלט איר דאָ. אַזוי טרויעריק זעט ער אויס. ער זינגט מסתּמא נישט.

„אַ רויט־ברוסטעלע, הער. זינגען זינגט ער נישט, ניין".

זי האָט געהאַט אַ קאַנאַרעק, איז ער געשטאָרבן. זי מיינט, אַז ער איז געשטאָרבן אויס מורא פֿאַר דער קאַץ. ווען זי וואָלט גערעכנט, אַז דאָס וועט געשען, וואָלט זי די קאַץ אין שטוב נישט אַרײַנגעלאָזט. אָבער זי קאָן נישט צוקוקן, ווי עס שטייט אַ ליידיק שטייגל, איז ביז זי וועט נישט האָבן אַ פֿרישן קאַנאַרעק, וועט זי דערווײַל האַלטן אָט דאָס רויט־ברוסטעלע".

„הער", זאָג איך, „שענק מיר דאָס רויט־ברוסטעלע. איך וועל דיר שאַפֿן אַ קאַנאַרעק. זיי זענען שוין פֿון לאַנג געוואוינט צו זיצן אין די שטייגלעך און זינגען".

מסכּים.

איך נעם דאָס שטייגל און גיי צו אינגעבאָרג. אינגעבאָרג זיצט בײַם פֿענסטער און קוקט זיך אײַן אין זון־פֿאַרגאַנג. צאַרט לאָזט זיך אויס דער טאָג, מיט גלײַכמעסיקער רויטקייט אויף מערב און ציטערנדיקע וואָלקנדלעך אויפֿן הויכן הימל. אינגאַנצן ווי אַ פֿרילינגס־טאָג. די לופֿט באַוועגט זיך מילד, קלינגענדיקע אויסרופֿן ציטערן אַרויף פֿון טאָל.

„זע", זאָג איך.

„אָ!" זאָגט אינגעבאָרג.

„אַ רויט-ברוסטעלע דאַרף זיך געפינען אין וואַלד, נישט אין שטייגל, אינגעבאָרג, ווי מיינסטו".

אינגעבאָרג באַקוקט דאָס פייגעלע, שמייכלט מיטליידיק און פול מיט ליבשאַפט, גלייך זי וואָלט אַן אָרעם וויינענדיק קינד געקוקט אין די אויגן אַריין. דער פויגל האָט אַ שיינע רויטע ברוסט, און וועלכער ער טונקט דאָס קלוגע קעפל. זיינע אויגן זענען שוואַרץ ווי יאַגדעס און קוקן זיך אַרום מיט שרעק.

כ'וויל רעדן, אָבער כ'קאָן נישט.

אויף דער לאָנקע, לעבן דער קליינער בזשאָזע, שטייט אַן אַלטער פאַראָבעק אין צעקנייטשטע הויזן און אַ בלויער אַרבעטס-בלוזע, ער שרייט צו אַ פויער אויפן וועג אַנטקעגן. ער דערציילט אים פון יריד. ער לאַכט, אָבער ער מאַכט אַזוי מיט די אָרעמס, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנהויבן אַ געשלעגע.

„אַן אָרעם פייגעלע, עס וואָלט גערן אַוועקגעפלויגן אין דער פריי", זאָג איך.

אינגעבאָרג טראַכט, וואָס מיינט ער דערמיט? זי קוקט מיך אָן און אירע אויגן-הייטלעך ציטערן אין פאַרלעגנהייט.

דער פאַראָבעק אויף דער לאָנקע לאַכט און שרייט: „פון זאָהענזיכטען זענען אַלע געוועזן. איז דאָס געוועזן אַ העצע, כאַ-כאַ!"

כאַ-כאַ-כאַ — הילכט אָפּ צוריק אַן ענטפער פון וועג. און דער פאַראָבעק שיסט ווידער אויס מיט אַ געלעכטער. ער לאַכט גליקלעך און יונג, נישט קוקנדיק אויף זיינע גרויע האָר.

„זע, אינגעבאָרג, וואָס איך טו מיט אַזעלכע פאַרשפאַרטע פייגעלעך".

כ'עפן דאָס שטייגל. דאָס רויט-ברוסטעלע שטייט אונטערן טירל, פייפט נישט-דרייסט און ווענדט דאָס אויסגעשטרעקטע

קעפּל אויף רעכטס און לינקס. ווען מען וואָלט געקאָנט אַזוי אַ פּלי טאָן, טראַכט עס זיך — ציט, ציט! עס קוקט זיך אַרום איבער דער ברייטער וועלט און קלאַפּט מיט די פֿליגעלעך.

איך שמייכל.

„עס וויל גאָרנישט אַרויסגיין. אָבער דאָס טירל שטייט אָפֿן. איך בין דאָך נישט אַזוי גרויזאַם עס איינצוהאַלטן"—

„גיי, קליינער פֿויגל, טו אַ פּלי!"

ציט! גיט אַ פּיפּס דער פֿויגל. ער קוקט זיך ראַשיק אַרום, דערנאָך שאַרט ער זיך אַראָפּ פֿון שטענגל און צעשפּרייט די פֿליגל.

ער איז צוגעפֿלויגן ביז דער קליינער בוזשאָזע, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ צווייגל און גענומען זינגען. דערנאָך אַ לאָז געטאָן זיך אין דער הייך און אַראָפּגעפֿלויגן אין טאָל אַריין, אַ באַרויש־טער, מאַכנדיק גרויסע בויגנס אין דער לופֿטן. ער האָט אָנגע־טראָפֿן עטלעכע שוואַלבן און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער זאָגט זיי עפּעס אָן, וואָרים פּלוצלינג ענדערן די שוואַלבן די ריכטונג און באַגלייטן אים אַ שטיקל וועגס.

כ'בין נישט אומשטאַנד צו קוקן איבעגבאָרג אין די אויגן, קוק איך אַזוי נאָך דעם פֿויגל, וואָס איז אין דער פֿריי אַרויסגע־פֿלויגן. באַלד זעט עס שוין אויס, ווי אַ שמעטערלינג וואָלט גע־פֿלויגן איבערן געטרויטלטן הימל.

דערנאָך האָט שוין בלויז אַ פּינטעלע געציטערט איבערן טאָל, געטאַנצט אַרויף און אַראָפּ.

„זעסט, דאָך בין איך נישט אַזוי גרויזאַם איינצוהאַלטן דאָס פֿייגעלע! איך פֿריי זיך מיט אים צוליב זיין פֿרייד".

דאָ האָב איך איבעגבאָרגס בליק באַגעגנט. זי האָט פֿאַר־שטאַנען.

זי קוקט מיך אָן און איך זע, אַז זי וואָלט גערן געוואָלט עפּעס טאָן כּדי מיר צו דאַנקען. אָבער זי איז נישט דרייסט.

זי קוקט מיך נאָר אָן.

מיר גיבן זיך די הענט.

פֿאַרן הויז דערציילט נאָך אַלץ דער קנעכט פֿון יריד און וועגן טאַנץ אין רויטן־בוק.

כ׳הער אויס, פֿאַרשטיי יעדער וואָרט, אויבוואויל דאָס האַרץ צעפּלאַצט אין מיר.

## 25

יענע נאַכט בין איך געלעגן אויסגעצויגן בײַ זיך אין צימער און נישט באַוועגט זיך. געלעגן און געקוקט אויפן באַלקן און נישט באַוועגט זיך.

פּלוצלינג האָט זיך עפּעס אַרײַנגעשלײַכט, אַ שוועב געטאָן און רוישיק געוואָרן. לעבן מיר איז אײַנגעבאָרג אַנידערגעפֿאַלן אויף דר'ערד.

זי איז מיך אַרומגעפֿאַלן און געקושט, אויסגעקושט יעדעס פּיצעלע אויף מײַן פּנים, אויף מײַן האַלז, אויף מײַנע הענט. זי האָט געוויינט, כ'האָב עס נישט געהערט, נאָר כ'האָב געשפּירט אירע טרערן. זיי האָבן מיר באַנעצט דאָס פּנים, דעם האַלז, די הענט.

אַזוי גוט איז מיר געווען, אַזוי גוט. כ'האָב איר געדאַנקט. כ'בין פריילעך געוואָרן, גליקלעך געווען. נאָך, נאָך, האָב איך געטראַכט.

דערנאָך האָט זי געפּליסטערט: „כ'דערמאָן מיך, ווי מיר זענען געזעסן אונטערן בליענדיקן עפּלבוים. אַלץ, אַלץ דערמ[אָ]ן איך מיך, אַקסעל. כ'וועל גאָרנישט פאַרגעסן, גאָרנישט".

און זי דערציילט פון אונזער פרילינג, פון אונזער זומער, אַלצדינק, יעדע איינצלהייט.

אַזוי גוט איז מיר געווען, אַזוי לייכט...

## 26

אַ נײַער פֿרימאָרגן איז געקומען — ער האָט געמוזט קומען, די זון האָט געמוזט אױפֿגײן. —

די זון גײט־אױף און די פֿענסטער פֿון שלאָס שטראַלן, װי זײ װאָלטן צו אַ גרױסן יום־טוב געװען באַלױכטן.

ס'איז קיל און איבערן טאָל שאַרן זיך נעפּלען. אַ פֿײַכטקײט דערהײבט זיך פֿון װאַלד, עס בלאַנקט און טױ פּערלט זיך אױף די גראָזן. שפּינװעבס הענגט אַראָפּ פֿון די באַראַװקעס־צװײַגלעך און צװישן די זאַנגען און אין יעדן פֿון זײ ליגט אַ האַלב־קײַלעכ־דיקער טױ־טראָפּן, װי אין אַ װיגעלע פֿון צאַרטן געװעב.

עס קנאַקערט, דער װאָגן פֿאַרפֿאָרט. כ'גײ אַרױס פֿון הױז, פּאַצאָ באַגלײט מיך. כ'רעד מיטן אָנטרײַבער. די דינסטמײדן שלעפּן דאָס געפּעק.

אין דעם קומט אײַנגעבאָרג אַראָפּ פֿון די טרעפּ, זי פֿאַר־קנעפּלט זיך די הענטשקעס. זי טראָגט אַ ברײטן הוט און דאָס װאַרפֿט זיך אין די אױגן, װײַל פֿאַרן גאַנצן זומער האָט זי קײנמאָל נישט געטראָגן קײן הוט. דער הוט פֿאַרענדערט איר אױסזען, אױך דער רײזע־מאַנטל, כמעט װי אַ פֿרעמדע זעט זי אױס.

„אַ פיין וועטער צום פאָרן, אינגעבאָרג", זאָג איך. איך שמייכל, כ'וויל דאָס איר פאַרלייכטערן.

אינגעבאָרג שטייען טרערן אין די אויגן.

„פאַרגיב מיר, פאַרגיב", פליסטערט זי און באַשווערט מיך מיט די בליקן.

„באַרויק זיך, אינגעבאָרג!"

„איך קאָן נישט אַנדערש. אַזוי איז מיין גורל!"

„כ'וויס דערפון".

די פערד גראַבלען די ערד מיט די קאָפּיטעס. פאַצאָ בילט און רינגלט אַרום דעם וואָגן. דער אָנטרייבער זיצט שטייף און גרייט צום פאָרן.

„אַדיע, אינגעבאָרג!"

„יאָ, אַקסעל!"

„אַ גרוס פאַר קאַרלן!"

„כ'דאַנק, אַקסעל!"

„אַז דו וועסט מיך וועלן באַזוכן, וועל איך מיך שטענדיק פרייען מיט דיין קומען, דו ווייסט דאָס".

„געוויס, געוויס וועל איך דיך באַזוכן. אינגיכן וועל איך דיך באַזוכן".

„אויב וועסט וועלן זיך אויסרוען, וועסטו אין ערגעץ נישט געפינען אַזאַ שטילקייט, ווי דאָ, דו ווייסט דאָס".

„כ'ווייס. שרייב גלייך, אַקסעל! זאָג מיר צו!"

„כ'וועל שרייבן".

האַסטיק טוט אינגעבאָרג אַ ריס די הענטשקעס און וואַרפט זיי אַראָפּ פון די הענט.

„זיי געזונט, אַקסעל!"

„אינגעבאָרג, זיי געזונט!"

מיר צעקושן זיך. איך שטיי אויפן שטיגל פון וואָגן און

איינגעבאָרג נעמט מיך אַרום מיט די אָרעמס. אונטערן טויער פון הויף שטייען פּאַראָבקעס און מוידן, זיי באַגרייפן גאָרנישט.

די פערד רירן, דער וואָגן קוילערט זיך אַראָפּ מיטן וועג.

פּאַצאָ יאָמערט, בילט, קוקט אויף מיר.

אַדיע! אַדיע!

איינגעבאָרג שטייט אין וואָגן און פּאָכעט מיטן טאַשנטיכל. נאָך זע איך דייטלעך אירע אויגן און דעם בעטנדיקן אויס־דרוק פון פּנים, וואָס לויכט אפשער פון אונטערן ברייטן הוט. גאָלדיק בלאַנקען אירע לאָקן. איצט זע איך שוין נישט מער די אויגן, עפּעס בלאַס׳ס שלאָגט זיך אָפּ פון אונטערן הוט. דאָס ווייסע טיכל פלאַטערט.

דער וואָגן פאַרקירעוועט זיך ביים עק וועג, גאָר קליין איז ער געוואָרן.

אַ ווייסע טויב פלאַטערט אין וואַלד, דער באַשלאָג טוט אַ גלאַנץ, מער זעט מען גאָרנישט. וואַלד, וואַלד, וואַלד —

פּאַצאָ קוויטשעט און בילט. ער שפּרינגט אַרויף אויף מיר.

„פּאַצאָ!"

פּאַצאָ פליט מיט גרויסע שפּרונגען אַראָפּ מיטן באַרג. דער לעצטער גרוס נאָך, ניין?

אַדיע, איינגעבאָרג! — —

כ׳שפּיר אַ מאָדנעם געשמאַק אויף די ליפּן.

## 27

און איינגעבאָרג איז אַוועק. —

כ׳זע אַ מענטשן, וואָס טרעט־אַרויף אויף די שטיגן צום הויז. ער טרעט און טרעט, וויפיל שטיגן זענען פאָרט פאַראַן?

ער קוקט נישט אונטער זיך. ער שטייט פאַר דער טיר, עפנט זי אויף, זי איז שווער. ער קוקט נישט אויף צוריק. ער ווערט פאַרשווינדן אין הויז. ער טרעט־אַרויף די שטיגלעך, גייט לענג־אויס דעם לאַנגן, ווייסן קאָרידאָר. בלייבט שטיין, די אויגן פאַרמאַכן זיך אים.

אַ מענטש, וואָס האָט פאַרלוירן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. ער ווערט בלאַס. צוויי ווערטער זענען אויפגעקריצט אויף אַ ווייסער טיר. ער קוקט אַריין אין זיין צימער. דאָס איז זיין צימער. קוקט ער אַריין, און וואַגט נישט אַריבערצוטרעטן די שוועל. ער וואַגט נישט, ניין! דאָס צימער איז פוסט, פוסט.

שרייען, לאַכן, אַנידערפאַלן? וואָס? ניין, גאָרנישט. ס׳ציטערן די הענט, ס׳בייגן זיך די קני, דאָס איז אַלץ. פאַרצווייפלטע געבוירטן געשעען אין מיר, טיף אין מיר. אומגעלומפערטע, יאָגנדיקע בילדער טרייבן אַרום אין מיין קאָפּ, זיי ווערן אַנטרונען, קומען אַנדערע, צערינענע. און ווערן אַנטרונען.

כ׳זעץ מיך אַריין אין אַ שטול. שמייכל.

כ׳שפּיר אַ מאָדנעם געשמאַק אויף די ליפּן. אַדיע, צאַדיע. כ׳געזעגן דיך. טראָפּנס טוי, בעטנדיקע אויגן, אַ נאַקעטע האַנט. אַ שטים.

זי שוועבט איבער מיר, ווי אַ געזאַנג. איך פאַרנייג מיך פאַר דער שטים. כ׳שמייכל. כ׳שטיי אויפן שטיגל פון וואָגן און נעם אַרום איינגעבאָרג מיט מיין אָרעם.

ווי פאַרצווייפלט דער שמייכל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער איר פּנים אַהין און אַהער? און אירע אויגן האָבן געבענטשט, געוואונטשן! געלויבט זיי, איינגעבאָרג, אויף אייביק און שטענדיק! כ׳האָב דיך ליב.

דאָס האַרץ מיינס ציט זיך מיר צונויף, אין קאָפּ ביי מיר ווערט טונקל. יאָ, זי איז אַוועק. אַלץ, וואָס כ׳האָב געהאַט, האָב איך פאַרלוירן.

כ׳שטיי אויף. כ׳דריי מיך אין אַ קרייז. פאַר מיינע אויגן ווערט אַלץ שוואַרץ. זאָל איך מיך אַנידערוואַרפן? כ׳וואָלט נויטיק באַדאַרפט! אַ קליין ביסל כאָטש איין מאָל אַנידערוואַרפן זיך, אַ געשריי טאָן, איין רגע נאָר. ניין, כ׳טו דאָס נישט, כ׳שטיי גלייך, כ׳קעמף. כ׳הייב אָן אַרומוואַנדלען. מיין וואַנדערן הייבט זיך אָן.

עס האָט געדויערט וואָכן, חדשים, — עס האָט זיך אָנגעהויבן.

אין וואַלד אַריין? ניין, דאָרט איז זי. אפשר גאָר אין די ווייסע צימערן? וואוואַהין? אין קעלער? אויך דאָרט איז זי דאָ.

וואָס איך בין געווען, וואָס איך האָב געקאָנט זיין, זון, גליק, שיינקייט, עשירות. אַלץ איז פאַרלאָרן.

ניין, כ׳בין נישט געבראָכן געוואָרן, נישט געיאָמערט, נישט געגראָבן מיט די נעגל אין די שלייפן. נישט אמת, כ׳האָב דאָס נישט געטאָן. כ׳האָב צעריסן אַ טאַשעטיכל אויף שמאַטעס, דאָס האָב איך געטאָן, יאָ, דאָס!

כ׳האָב אַרומגעוואַנדערט. ווען כ׳וואָלט נאָר געמעגט אַוועקגיין.

אויפן וועג זענען קענטיק געווען די שפּורן פון רעדער און קאָפּיטעס. שפּורן פון פיס. כ׳האָב אָפּגעזוכט דעם אָפּדרוק פון מיין שוך, כ׳האָב אָפּגעזוכט דעם אָפּדרוק פון איר שוך. כ׳האָב זיך איינגעקוקט אין אים. כ׳האָב געפילט באַאָבאַכטנדיקע פּנימער אונטער זיך, בין איך אַוועקגעגאַנגען. מאָרגן וועט מען נישט דערקענען מער די שפּורן אין שטויב. כ׳בין אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד, געשטאַנען שטיל. אַדיע, אַדיע, כ׳האָב זיך נאָך אַלץ געזעגנט. כ׳בין צוריקגעגאַנגען אין שטוב אַריין, און ווידער אַרויסגעקומען און ווידער שטיין געבליבן ביים קליינעם שפּור אין שטויב.

דער וואָגן איז צוריקגעקומען פון באַן. דער אָנטרייבער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געזעס, אַ קנעכט איז אַרויסגעקומען און גענומען אויסשפּאַנען די פערד.

כ׳האָב געפרעגט דעם אָנטרייבער: „וואו איז פּאַצאַ?‟

דער אָנטרייבער האָט אים מער נישט געזען. ביים באַן האָט ער אים געזען צום לעצטן מאָל. דער גוטער יאָר ווייס, וואו דער הונט האָט געקאָנט אַהינקומען. יאָ, דער גוטער יאָר ווייס— כּאַ-כאַ!

דער וואָגן איז געווען מוראדיק פּוסט. אַן עלנטיק אויסזען האָט געהאַט אָט-דער פּוסטער וואָגן. גלאַטיק זענען געלעגן די קישנס, אויף די קישנס האָט מען גאָרנישט געזען.

אַ פּאַראָבעק איז אַרויסגעקומען מיט אַ באַרשט.

„לאָז אָפּ. רוק אַריין דעם וואָגן אין שייער. דעק אים איבער אַזוי ווי ער איז. דער וואָגן איז אַן אַלטמאָדישער, כ׳האָב באַשטעלט אַ נייען‟.

כ׳בין אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

„הײס עפּעס זױפקאַכן נישקשהדיקס, מאַמעלע", האָב איך געזאָגט צו דער אַלטער מאַריאַ. „כ'בין שרעקלעך הונגעריק, כּדי הײנט אױפגעשטאַנען".

די אַלטע מאַריאַ האָט עפּעס אױפן האַרצן, מ'האָט עס גלײך דערקענט אין דעם אופן, װי זי האָט זיך אױסגעדרײט.

„רעד, װאָס איז?"

אױף װי לאַנג די בעל־הביתטע איז אַװעקגעפאָרן?

דאָס קאָן מען אַזױ גענױ נישט זאָגן. אפשר אױף אַ חודש, און אפשר אױף אַ יאָר. זי איז געפאָרן קײן פּאַריז.

„קײן פּאַריז?"

„יאָ, פּאַרשטײסט, צו לערנען זיך זינגען".

אָבער דאָס קען זי דאָך שױן.

„כאַ־כאַ, מאַמעלע, װי פײַן דו רעדסט. אָבער װי קאָנסטו גאָר רעדן װעגן אַזעלכע זאַכן?"

אװדאי קען זי שױן זינגען, אַפילו שײן זינגען, זײער שײן, אָבער הײנטיקע צײטן מוז מען זיך אַלצדינג לערנען אין די שולן. זעסט, דו קאָנסט זײן זײער קלוג און געלערנט, אָבער אױב דו ביסט נישט געװען אין אַ סך שולן, גלױבט דיר קײן מענטש נישט און דו האָסט גאָרנישט דערפון.

אַזױ איז עס אױך מיטן זינגען.

דער טאָג האָט זיך פאַמעלעך געצױגן, כ'האָב גאָרנישט געהאַט װאָס צו טאָן. לאַנגזאַם האָט זיך דער שאָטן פון דער קלײנער בושאָזע געדרײט אין אַ קרײז. פּאַצאָ איז נאָך אַלץ נישט געװען.

װי, בײם באַן, זאָגסטו, האָסטו אים געזען צום לעצטן מאָל?

יאָ, בעל־הבית.

און דערנאָך מער שױן נישט?

ניין, בעל־הבית.

כ׳האָב מיך אַריינגעגנבעט אין שייער. אויפגעהויבן די איבערדעק, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט איבערן וואָגן. אַ פאַרשטייבטער איז ער דאָ געשטאַנען. כ׳האָב געזוכט אויף די געזעסן, שטייב אַרום די קנעפּ, מער גאָרנישט. נישט געווען וואָס צו געפינען.

כ׳האָב גענומען דעם הוט מיטן שטעקן און אַ פיין געטאָן. כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז פאַצאַ איז דאָך נישטאָ. כ׳האָב געשמייכלט. אַראָפּגעלאָזט זיך מיטן וועג, מיטן אייגענעם וועג. דייטלעך האָב איך אָפּגעזוכט די שפּורן פון די רעדער, אויך פון פאַצאַס טריט. ער איז געלאָפן ווי משוגע. ווי גרויסע אויסרופצייכנס האָבן אויסגעזען זיינע שפּורן. כ׳בין צוגעקומען צום אָרט, וואו ער האָט דערגרייכט דעם וואָגן. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַצאַ איז אַריינגעשפּרונגען אינעווייניק. דאָס האָב איך אַלץ דערקענט פון די צייכנס. אין דאָרף זענען די שפּורן פון וואָגן פאַרשוואונדן, הינטערן דאָרף זענען זיי ווידער קענטיק געוואָרן. זיי האָבן מיך געצויגן דורכן טאָל, אַריבער איבער די בערג, פאַרביי רויטן־בוק. דאָ זענען אַלע לאָדנס געווען פאַרשלאָסן. און ווייטער ביז דער סטאַציע. כ׳בין געשטאַנען אויפן פּעראָן און געקוקט אַהין, וואו עס לויפן די רעלסן. אַ באַאַמטער איז אַרויסגעקומען און געגריסט זיך.

„איך זוך מיין הונט״, האָב איך געזאָגט.

יאָ, אַך יאָ, דער הונט. אַ עסק געוועזן מיט אים. דער הונט האָט נישט געוואָלט איבערבלייבן. ער האָט געיאָמערט און געיאָמערט. די פירשטין איז געווען זייער גערירט.

אַזוי.

כ׳בין געגאַנגען לענג־אויס די רעלסן. דאָ איז געלעגן זאַמד, האָב איך נישט געקאָנט מער געפינען פאַצאַס טריט. די־

רעלסן. געגלאַנצט האָבן זיי. כ'האָב זיי אָנגערירט מיטן פֿינגער. זיך איינגעקוקט אין זיי. אַזוי מאָדנע זענען זיי מיר פֿאָרגעקומען. זיי האָבן מיך געצויגן, געצויגן. כ'האָב מיך געקוילערט איבער זיי, געפֿלויגן, געפֿלויגן. כ'האָב געזען אַ געלן ריזיקן דעמב וואַקסן בײַם באַן־אָנשיט. כ'האָב אים אָנגעקוקט. געוויס האָט ער אויך איר אויפֿמערקזאַמקייט געצויגן אויף זיך.

כ'בין געוואָרן אַ צוג, געיאָגט, געפֿלויגן דורך וועלדער און לאָנקעס, די וועלדער און לאָנקעס זענען מיר געלאָפֿן אַנטקעגן. און ווידער בין איך שטיין געבליבן אויף אַ סטאַציע און געזען אַ קאָפּ אַרויסקוקן דורך אַ שויב. אַ רונדער איידעלער קאָפּ, גלאַטע, גאָלדענע האָר, לאָקן, וואָס פֿאַלן אַראָפּ ביז די אָרעמס.

דערנאָך בין איך קרום דורכן וואַלד געגאַנגען אַהיים. כ'בין נאָך אַלץ געשטאַנען אויפֿן שטיגל פֿון וואָגן. אין קאָפּ בײַ מיר איז געווען אַ געיעג. מײַנע הענט האָבן געציטערט.

---

בסוד האָב איך געהאָפֿט, צו באַגעגענען פֿאַצאָן. ער איז נאָך נישט געהאַט צוריקגעקומען. נו, געדולדיק זײַן!

כ'האָב נישט געטראַכט דערפֿון, אַז די זון וועט פֿאַרגיין, אַז די נאַכט קאָן הײַנט קומען. אָבער אַלץ איז זיך געגאַנגען מיט זײַן וועג, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געוועסט געשען. פֿלוצלינג איז אַלצדינג רויט געוואָרן, אָנגעטרונקען מיטן בלוט פֿון דער זון. אויך מײַנע הענט. שלוה און שיינקייט אומעטום, בײַ מיר אין האַרצן — אַ שטורעם.

דערנאָך האָב איך מיט גרויל זיך צוגעקוקט, ווי ס'ווערט טונקל. וואָס אַמאָל טונקעלער. אַש איז געפֿאַלן אויף דער ערד. פֿינסטערע שאָטנס האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון די וועלדער, אַרומגעבלאָנקעט זיך אַהין און אַהער און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער ערד. ס'איז געוואָרן שטיל, אַזוי שטיל ווי ס'איז נאָך קיינמאָל

נישט געווען. שטילשווייגן, שטילשווייגן. נישט יענץ שטילשווייגן, וואָס מ׳הערט נאָך, ניין, אַ טיף, נישט דערהערבאַר שטילשווייגן, אַ גרויזאַם שטילשווייגן, וואָס מאַכט מיך אוממעכטיק. פּוסט, אַלצ-דינק פּוסט.

און ס׳איז אָנגעקומען די נאַכט. פּאַפּאָ איז נאָכנישט צוריק געווען. כ׳בין אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער. כ׳האָב געוואַרט, יאָ, אויף וואָס אייגנטלעך האָב איך געוואַרט? כ׳האָב געוואַרט אויף דעם, אַז דאָס הויז זאָל איינפאַלן איבער מיר. געדאַנקענלאָז בין איך צוגעגאַנגען צום פּאָרטעפּיאַן און אָנגעשלאָגן אַן אַקאָרד. ס׳האָט אָפּגעהילכט אַ ליכטיקער טאָן, אינגעבאָרגס טאָן איז דאָס געווען. יעדער מענטש האָט זיין טאָן. און פון אונטער מיינע פינגער האָט זיך גראָד אינגעבאָרגס טאָן געמוזט אַרויסבאַקומען.

כ׳האָב אָנגעצונדן אַ ליכט, אָבער דער פלאַם האָט עפּעס געפליסטערט, גערעדט, אַ פּנים האָט זיך באַוויזן אין פלאַם. כ׳האָב אים אויסגעלאָשן, צופיל האָט דער פלאַם געוואוסט.

כ׳בין געגאַנגען אַהין און אַהער. ס׳איז טונקל געווען. צוגעגאַנגען צום פענסטער. אַלץ איז שוואַרץ געווען. די לופט אַליין איז שוואַרץ געווען. די שטערן זענען געפאַלן פון הימל און צעשפּרונגען געוואָרן איבער די פינסטערע פעלד-בייטן.

אַ פראָסט איז מיר דורכגעלאָפן.

פלוצלינג האָב איך אַ צימער דערזען פאַר זיך, אַ לאָמפּ אינעווייניק, צווי מענטשן אונטערן לאָמפּ, אַ פּנים שאַרט זיך אַריין אינם ליכטיקן קרייז. אַזוי קלאָר האָב איך עס געזען. כ׳האָב צוגעמאַכט די אויגן.

יאָ, קאַרל וואָלט געקאָנט האָבן אינגעבאָרג, ווען אינגעבאָרג זאָל נאָר וועלן. בלויז ער אַליין, יאָ. ער האָט קיינמאָל קיין גליק נישט פאַרזוכט, הונגער און זאָרג און נעכט פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, אים איז באַדערפטיק אינגעבאָרג. און דערצו איז

דאָך דאָס געווען קאַרל, דער דיכטער! וואָס בין איך געווען אַנטקעגן קאַרלן?

איך וועל אויך אַליין קאָנען לעבן — יאָ, אויך אַליין, האָב איך מיר געטראַכט און געגאַנגען מיט אַן אויסגעשטייפטן קערפּער אַהין און צוריק. כ'האָב געציטערט. אַלץ איז געווען פּוסט, אַלצדינק. כ'האָב געטראַכט וועגן די פּיס-שפּורן אין שטויב, וועגן די רעלסן און דער זון. כ'האָב געזען, ווי עמיצער האָט אויסגעטאָן די הענטשקעס. כ'האָב געזען אַ פּנים, וואָס איז פאַרשוואונדן אין דער ווייטקייט, אַ פּאָר אויגן, וואָס זענען וואָס אַמאָל אַלץ קלענער און קלענער געוואָרן. אַ טיכל האָט געפלאַטערט אין וואַלד.

כ'האָב צוגעדריקט די פינגער צו די אויגן און ביידע גרויסע פינגער האָב איך צוגעפּרעסט צו די שלייפן. כ'בין געזעסן און געטראַכט, געטראַכט, אָן אויפהער געטראַכט.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ שטיל יאָמערן, ווי דאָס וואָלט געיאָמערט אַ קינד.

כ'האָב זיך דערשראָקן.

כ'בין אויפגעשטאַנען, אויסגעגלייכט זיך און ווידער גענומען גיין אַרויף און אַראָפּ. מיט מיין גליק, מיט דעם זומער מיינעם אין קאָפּ, מיט אינגעבאָרג, מיט איר יעדער טריט און יעדער געלעכטער אין קאָפּ, מיט אַלעמדינק, וואָס איז זיך פאַרלאָפן, אין קאָפּ, אַזוי בין איך געגאַנגען אַהין און צוריק. זייט עטלעכע טעג אַפילו האָב איך שוין געהאַט געוואוסט, אַז דאָס וועט קומען, אַז די נאַכט, ווען אַלץ וועט ווערן פּוסט, וועט אָנקומען, כ'האָב עס געוואוסט, אַרומגעפּאַנצערט זיך די נשמה — אָבער — —

ניין, ניין, ניין!

כ'בין געשטאַנען ביי זיך אין צימער, געדריקט די הענט

צו די אויגן און גערעדט אַלץ דאָס אייגענע וואָרט. ניין, ניין, ניין, ניין...

די נאַכט איז פאַרגאַנגען, דער טאָג האָט זיך געגרויט.

ווי אַזוי איז פאַרגאַנגען די דאָזיקע נאַכט? גאָט ווייס. אויך איך ווייס דאָס. כ'טראַכט נישט דערפון. כ'האָב נישט געוואָרפן זיך צו דר'ערד, נישט געריסן זיך די האָר און נישט געפייניקט זיך דאָס לייב, ניין, ווער עס זאָגט אַזוי, דער זאָגט ליגן. אביסל בלוט נאָר האָב איך געהאַט אויף דער גאָמבע, דאָס איז אַלץ.

די אַלטע מאַריאַ האָט דאָס אַנטדעקט, נישט געהאַט אָפּגע־ווישט. כ'האָב געשמייכלט, וויפיל כ'האָב געקאָנט, ס'האָט זיך מיר נישט געוואָלט איינגעבן דאָס מאָל, ניין, אָבער דאָך איז עס מיר געלונגען.

„איז נאָך פּאַצאָ נישט צוריקגעקומען?” ניין.

„דער הולטאַי!” האָב איך געזאָגט און געשמייכלט. כ'האָב מיך אַליין אָנגעקוקט, ווי כ'האָב דאָס געזאָגט, דעם שמייכל מיי־נעם. דער קול מיינער האָט זיך געענדערט.

די אַלטע מאַריאַ האָט זיך פאַרגאַפט אויף מיר און אויף הינטערווייליקן צוריקגעגאַנגען צו דער טיר.

פאַרשטייט זיך, כ'האָב נישט געקאָנט אויסזען, ווי אַ חתן — —

ערשט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך עס באַמערקט: אַ סך אַ סך פון מיינע האָר זענען ווייס געוואָרן. דאָס האָט מיך זייער גערוויערט געמאַכט.

## 28

עס זענען אָנגעקומען די טעג פון קולותדיקן ווייטאָק.

אַלמעכטיקער גייסט איבער די שטערן, פאָטער פון די מענטשן, דערבאַרעם דיך אויף מיר! אַ נײַ האַרץ שענק מיר, אַ נײַעם מוח.

איך קוק דיך אָן: אַ נײַ האַרץ שענק מיר, אַ נײַעם מוח! דערבאַרעם דיך אויף מיר! — —

אַ תּפֿלה איז געווען אין מיר, מײַנע ליפּן האָבן זי נישט אַרויסגעבראַכט, מײַן נשמה האָט זי אַרויסדערציילט. אַמאָל בין איך בײַנאַכט געלעגן אין וואַלד, האָב איך געהערט, ווי מײַן נשמה האָט זי אַרויסגערעדט, כ׳האָב מיך אײַנגעהערט, פאַרשטאַנען, די ווערטער זענען דאָס געווען.

כ׳האָב געמיינט, אַז אומגליקלעכער, ווי כ׳בין געווען אין יענער ערשטער נאַכט, קאָן איך שוין נישט ווערן. כ׳האָב געמיינט, אַז דעם טיפֿסטן גרונט פון אומגליק האָב איך שוין דערגרייכט. ניין. טיפֿער נאָך האָב איך געדאַרפֿט גיין, יענע ערשטע נאַכט איז געווען דער ערשטער שטאַפּל, דערנאָך בין איך שטאַפּל נאָך שטאַפּל געגאַנגען ווייטער, וואָס אַמאָל טיפֿער.

כ׳האָב פאַרבראָכן די הענט, גאַנצע נעכט בין איך אָפּגעלעגן אין וואַלד און צונויפֿגעפּרעסט די ציין, אַרומגעבלאָנקעט

זיין דורך נאַכט און רעגן, מיט צעפּלאָנטערטע רעיונות. די ביי־
מער האָבן פון די בלעטער זייערע אויסגעוועבט אינגעבאָרגס
פּנים, די וועלדער, די וואָלקנס, וואו נאָר כ׳האָב געוואָרפן מיין
בליק, איז עס געווען, האָט עס געשמייכלט, אַראָפּגעלויכטן. כ׳האָב
עס געזען אין אויסגעשטערנטן הימל. און האָב איך צוגעמאַכט די
אויגן, דעמאָלט איז עס געווען אין מיר, אין מיר האָט דעמאָלט
אינגעבאָרגס פּנים געפינקלט מיט די קאָלירן פון ברילליאַנטן. או־
מעטום אַ גערופעריי, אומעטום שעפּטערייען, שמייכלען, ווערטער,
געזאַנג.

ווען כ׳וואָלט כאָטש קראַנק געוואָרן! קראַנק זיין לאַנגע
וואָכן, דערנאָך זיך אויפכאַפּן, אַן אָפּגעפּרישטער, אַ געזונטער — —
אָ, אָ! ווען כ׳וואָלט כאָטש קערפּערלעכע יסורים געהאַט איבער־
צוטראָגן, וואָס וואָלטן מיך געמאַכט פאַרגעסן אין דעם, וואָס טוט
אינערלעך אַזוי וויי.

איינמאָל איז געפאַלן אַ האָגל, האָב איך אַראָפּגענומען דעם
הוט, די קיילעכלעך האָבן מיר געקלאַפּט אויפן קאָפּ, אין פּנים,
אויף די ליפּן און אויגן, ס׳האָט אויסגעזען ווי שמיץ, אויף וועל־
כעז דער הימל האָט מיך פאַרמשפּט. דאָס האָט גוט געווירקט.
אַ סך, אַ סך האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס פריער האָב איך עס
קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין. כ׳האָב פאַרשטאַנען די קלויס־
טערס, וואו זיי האָבן קיין וואָרט צווישן זיך נישט גערעדט, נאָר
געצקניט, געקניט, אויף די וואונדיקע קניען געשאַרט זיך לענג־
אויס די לאַנגע קאָרידאָרן, כ׳האָב פאַרשטאַנען די פלאַזשאָלעטן,
וואָס האָבן זיך די אייגענע פלייצעס געשמיסן, כ׳האָב פאַרשטאַנען
די בע-ונדניקעס אין דער מדבר. אָ, דאָס איז געווען אַ תענוג
אין פאַרגלייך מיט דעם איבערלעבעניש דאָרט אינעווייניק.

כ׳האָב פאַרשטאַנען די שכורים, די פאַרברעכער, די עלנטע,
פאַוואָרלאָזטע.

כ׳האָב מיך דערמאָנט אָן האַררי אוזעדאָם, ווי ער איז גע־שטאַנען פאַר אונז אין וואַלד און מיט די פינגער געבּומבּלט זיך אויפן האַרצן. כ׳האָב מיך דערמאָנט אָן קלער דאַוויסאָן, ווי זי איז אַמאָל געשטאַנען פאַר מיר, ווי זי האָט צוויי ווערטער גע־זאָגט: „זייט געזונט!” כ׳האָב נישט זי פאַרשטאַנען, נישט דעם בּליק אירן. כ׳האָב געזינדיקט קעגן איר, שווער געזינדיקט.

אָ, אויב עס לעבּט דיך עמיצער, זיי גוט און זאָרגעוודיק פאַר אים, וואַנדער־אַרום וואַנדער אַזוי לאַנג, בּיז ווּעסט אים נישט געפינען, וואַרף זיך אויף די קני פאַר אים און דאַנק אים!

כ׳האָב זיך אַרומגעבּלאָנקעט. טעג און נעכט. לאַנגע טעג בּין איך נישט צוריקגעקומען אַהיים. לאַנגע טעג בּין איך אין אַ מענטשלעכער שטוב נישט אַריינגעקומען. טיף אינעווייניק אין וואַלד בּין איך געווען. כ׳האָב גערעדט מיט זיך אַליין, מיט די בּיימער — —

אַ ניי האַרץ! אַ מוח אַ נייעם! ס׳האָט מתפלל געווען אין מיר, מתפלל געווען — —

אינגעבּאָרג האָב איך אָפט געזאָגט, אַז כ׳האָב זי ליבּ. ניין, כ׳האָב זי נישט ליבּ געהאַט. כ׳האָב געגלויבּט אין דעם, יאָ, אָפּ־געגנאַרט האָב איך זי נישט, אָבּער ליבּ געקריגן האָב איך זי ערשט אין דעם אויגנבּליק, ווען זי האָט מיך פאַרלאָזן. כ׳האָב נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס ליבּע, ניין. איצטער בּין איך ערשט געוואוירגעוואָרן. כ׳האָב נישט געפונען קיין ווערטער מער אויף אויסצודריקן די ליבּע, וואָס איז געווען די ריכטיקע. פלאַמען, שטורמען, דאָס איז זי געווען. זי האָט מיר צעריסן דאָס האַרץ. ס׳איז מיר געווען, ווי מעסערס וואָלטן אין דער לענג און אין דער בּרייט זיך אַריינגעשניטן אין מיין האַרצן. אַזאַ איז זי געווען.

כ׳בין געגאַנגען דורכן וואַלד, ס׳איז געווען נאַכט, אין וואַלד האָט עס געברויזט, בלעטער זענען געפאַלן.

כ׳בין געגאַנגען, לעבן אינגעבאָרג. כ׳האָב גערעדט מיט איר. „כ׳האָב דיך ליב", האָב איך געזאָגט, „אינגעבאָרג, איצט, יאָ, איצט האָב איך דיך ליב! איצט ביסטו אין מיר, איצט, איצט — קיין וואָרט נישט מער —" די טרערן האָבן מיר אַ שטראָם געטאָן פון די אויגן. כ׳האָב אַנידערגעקניט און דעם שטערן אַריינגעפּרעסט אין דר׳ערד.

„איצט האָב איך דיך ליב, אינגעבאָרג, איצט". ס׳האָט מיר עפּעס געשטאָכן אין פּנים, נאָדלען און שטיקלעך צווייגלעך, טיף האָב איך איינגעגראָבן דעם שטערן, ס׳האָט ווי געטאָן, כ׳האָב אויפגעהויבן דאָס פּנים, ס׳איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט נאָדלען.

„איצט האָב איך דיך ליב, אינגעבאָרג! איצט!" — — —

ווען גאָט אָבער וואָלט פון זיין שטערן-וואָגן אַראָפּגעשטיגן צו מיר אין וואַלד, וואו כ׳האָב געליטן און פאַרצווייפלט געווען, ווען ער וואָלט עס געטאָן און געזאָגט: כ׳וויל דיר געבן אַ ניי האַרץ, אַ מוח אַ נייעם! זע, איצט מעק איך אַלצדינג אויס, אַלצדינג.

ניין, ניין, גאָט, טו דאָס נישט!

אַזוי וואָלט איך געשריגן.

די טעג זענען פאַרגאַנגען, כ׳בין געוואָרן רויקער.

יאָ, אמת. דאָס האַרץ מיינס האָט נאָך געציטערט, ס׳האָט אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט פאַרביטן זיין אָרט אין דער ברוסט, ווי עמעס וואָלט זיך איינגעפּרעסן דערין, ווי עפּעס שווערס מיט שאַרפע ציינער וואָלט געהאָנגען אויף מיין האַרצן; אמת, אָפט האָב איך מיך אויפגעכאַפּט אין דער נאַכט, ווייל כ׳האָב געוויינט,

כ'בין אויך ווייניק געשלאָפן, אָבער דאָך בין איך רויקער געוואָרן.

---

האַררי אוזעדאָם האָב איך באַגעגנט אין וואַלד.

מיר האָבן זיך אָנגעקוקט. געגריסט זיך. און פאַר־בייגעגאַנגען זיך

## 29

טרויער האָט מיר פול געמאַכט דאָס האַרץ. אַ שווערער טיפער טרויער האָט מיר אָנגעפולט דאָס האַרץ, דערגרייכט מיר ביזן האַלז, ביז די אויגן, כ׳האָב געמיינט — טרערן וועלן נעמען פאַלן פון מיינע אויגן, ווי נאָר כ׳וועל אַראָפּבויגן דעם קאָפּ. דערפאַר טאַקע האָב איך מיך נישט איינגעבויגן, געגאַנגען אויסגעגליכן.

דאָס איז געווען הערבסט. די בלעטער האָבן זיך געפאַרבט, ס׳האָט זיך געדאַכט, ווי די ערד וואָלט איר בלוט געשיקט צו די צווייגן אויסצופאָרשן, נאָכצושפּירן, ווען דער לאַנגער ווינטער־שלאָף וועט שוין אָנקומען, וואָס דאַרף זי פון באַוואוסטזיין אויסלייזן. אַ ווינט האָט געבלאָזן און די בלעטער זענען געפאַלן. תּחילת פון די אויבערשטע צווייגן, דערנאָך ביז טיף אַראָפּ אונטן. דיביימער זענען געשטאַנען אָפּגעליידיקטע, נאַקעטע, געקרימט זיך, פאַרצווייפלט געווען, גלייכגילטיק געוואָרן. האָבן געשמייכלט אין דער בלייכער זון, ווי עס שמייכלט אַ גוסס. געווען איינצלנע בלעטער, וואָס האָבן זיך פאַרצווייפלט געווערט און נישט געוואָלט אַראָפּפאַלן. אָבער דער ווינט האָט געריסן און געריסן און ענדלעך אַראָפּגעריסן און זיגעריש אַ שליידער געטאָן זיי אין דער לופט. און מיר האָט זיך געדאַכט, ווי כ׳וואָלט געהערט דאָס

געשריי פֿון די פֿלאַטערנדיקע בלעטער. די פֿייגל האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט, געשריגן, געליאַרעמט, ביז איינמאָל אַ טאָג האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אין דער לופֿטן און אַוועקגעפֿלויגן.

ס'איז געוואָרן שטילער, שטילער. אויך די גריל האָט שוין נישט געגרילצט מער ביינאַכט. אין וואַלד האָט זיך אַרומגעטראָגן אַ געוויין, אַ דערדריקט יאָמערן האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער דער מיט פֿון וואַלד.

פֿון די קאַשטאַנבוימער פֿאַרן הויז זענען געפֿאַלן די בלעטער, עפּעס האָט געקנאַקט, דאָס האָט אויף די שטיגלעך אַ קאַשטאַן געפּלאַצט. איצט זענען געהאָנגען נאָך אַ פּאָר איינצעלנע בלעטער, זיי האָבן אויסגעזען, ווי אויסגעקרומטע, פֿאַרטרוקנטע הענט. דאָס הויז איז געשטאַנען פּוסט, נאַקעט, ווי אַרומגעשוירן, אַנטבלויזט, עס האָט אויסגעזען גרעסער, גרעסער און פּוסטער.

דער גאַנצער טאָל האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ צימער, פֿון וועלכן מ'האָט צוגענומען די פֿאָרהאַנגען, טעפּיכער און בילדער.

שמוציק-גרויע וואָלקנס האָבן זיך געשלעפּט איבערן טאָל. כ'האָב געטראַכט וועגן די שוימיקע, ווייסע וואָלקנס זומער-צייט, וואָס האָבן געשוועבט איבערן בלויען הימל, ווי דעם זומערס אַ צירונג-קלייד. כ'האָב געטראַכט וועגן הערבסט אין פֿאַרגאַנגענעם יאָר, וואָס האָט געהאַט צעצינדן מיין האַרץ מיט זיין גלוט, מיט זיין שטאָלץ, מיט זיין התלהבותדיקן טויט.

כ'בין טרויעריק געווען, גאָרנישט מער געפֿילט, נישט קיין פֿאַרבן, נישט קיין ברען, אַלץ איז געווען ברודיק, מיד, דאָס איז געווען אַ הערבסט, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ העסלעכן, פּחדנותדיקן טויט.

כ'בין געגאַנגען דורכן פּאַרק, וואָס איז געלעגן שטיל, אָן שום גערויש. אַ בית-עלמין, אויף וועלכן אַ גרויסער מת איז גע-

לעגן. כ׳בין פאַרבײַגעגאַנגען די סטאַטוע, דעם ברונעם, ביי דער הייל בין איך אַ ווײַלע שטיין געבליבן. אַ טראָפּן איז געפאַלן. דורכן טירל בין איך אַרויסגעגאַנגען אין וואַלד. דאָ איז אַ סטעזשקע געווען, האָב איך געשמייכלט און געזאָגט: „דאָ ביסטו אַרומגעגאַנגען, גוטע אינגעבאָרג, אין יענע נעכט —"

כ׳האָב דאָס געזאָגט מיט אַ מילדער שטים, און ס׳האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס כ׳האָב דאָס געזאָגט אַזוי מילד, גלייך אינגעבאָרג, די גוטע, וואָלט דאָס געהערט.

כ׳האָב צוגעלייגט די הענט צו דער ערד און געגלעט זי. אפשר האָט אינגעבאָרגס פוס זיך דאָ אַדורכגעשלייכט? מ׳קאָן נישט וויסן. כ׳האָב געפונען אַ שטיינדל, וואָס איז געווען אַרייַנגעטרעטן אין דער סטעזשקע, אפשר האָט דאָס אינגעבאָרגס פוס אים אַרייַנגעטרעטן אין דער סטעזשקע? זאָל איך אים מיטנעמען? ניין.

דאָך האָב איך זיך אומגעקערט און אים מיטגענומען.

אפשר? קיינער קאָן נישט וויסן.

הייליקע ערד, הייליק לאַנד, הייליקער וואַלד! כ׳האָב אַנידערגעקניט און געקושט די ערד פון וואַלד. הייליקע ערד, דאָ האָט איר פוס געטרעטן! הייליקעביימער, פאַרביי אייך איז זי געגאַנגען!

און די ביימער, וואָס דער הערבסט האָט זייער בושה מגלה געווען, האָבן זיך טרויעריק געוויגט אַהין און אַהער און אין דער שטיל געקלאָגט. זיי האָבן מיטגעטרויערט מיט מיר און דער גאַנצער וואַלד האָט געפּליסטערט אינגעבאָרגס נאָמען. כ׳בין געגאַנגען דורכן וואַלד און אויפגעהאָרכט. ס׳איז מיר גוט געווען, וואָס אַלע האָבן מיטגעטרויערט מיט מיר.

אַ שרעק איז מיך באַפאַלן, ווען כ׳האָב דערזען אַ שטיין, אויף וועלכן מיר זענען געזעסן, אַ שרעק איז מיך באַפאַלן, ווען

כ׳האָב דערזען אַ בוים, וועלכן מיר ביידע האָבן געקענט. כ׳האָב זיך געפרייט, געליטן.

אָ, הערט, כ׳האָב אָפּגעזוכט אַ הויכע, בכבודיקע סאָסנע אין וואַלד, אונטער וועלכער מיר זענען אַמאָל געזעסן בעת אַ רעגן. אינגעבאָרג האָט זיך אַפּערגעבויגן פון באַהעלטעניש און געכאַפּט מיט די ליפּן טראָפּנס רעגנוואַסער. כ׳האָב ליב די קליינע רעגנטראָפּנס, האָט זי געזאָגט. דערנאָך האָט זי אויסגערעכנט וואָס זי האָט אַלץ ליב, בעת דער רעגן האָט שטראָמענווייז געגאָסן און מיר זענען געזעסן אונטער אַ וואַסערפאַל.

כ׳האָב ליב די קליינע רעגנטראָפּנס, אַקסעל, יאָ, אָ, כ׳האָב ליב ווינט און שטורעם, האָגל און שניי, די זון איבער אַלעמדינק, די וואָלקנס, די ביימער, און דאָס געוויש פון די ביימער, איבער אַלעמדינק האָב איך ליב די פייגל און גאָר באַזונדער די גליווערימלעך, אויך די בליצן, זיי לאַכן דאָך צו מיר, און דיך, דיך, אַקסעל, דיך מער ווי אַלץ, אַלץ, מער ווי טויזנט זונען און מער ווי אַלע שטערן-נעכט און דעם ווילדסטן שטורעם —

כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען די סאָסנע און געשמייכלט, אָבער דעם קאָפּ האָב איך געמוזט אָפּקערן.

קיין שום פויגל האָט נישט געזונגען מער אין וואַלד, ניין.

כ׳בין צוגעגאַנגען ביז גראַף פליוגענס שלאָס, האָב אָנגעקוקט דעם טויער מיט די מאָך-באַדעקטע לייבן, וואָס האָבן געהאַלטן אויף זיך די הערב-בלעכן, כ׳בין דורכגעגאַנגען דורך אונזער בזשאָזענעם וועלדל און צוגעקומען צו אונזער עפּלבוים. ער איז געשטאַנען אַ פּוסטער. ברוינע, לעדערנע בלעטער האָבן זיך נאָך געבאָמבלט אויף די שטענגלעך. אין פאַרוועלקטן גראָז איז געלעגן פאַרפוילט אויבס.

אַמאָל, אין ליכטיקן פרילינג, האָב איך אַ שאָקל געטאָן דעם

צעלבוים און ס׳האָבן זיך געשאָטן די בליטן איבער אַ גאָלדענעם קאָפּ. — —

כ׳בין אַרויפגעגאַנגען אין דער הייך, וואו ס׳איז געשטאַנען די באַנק. דער טאָל איז דאָ געלעגן, ווי מ׳וואָלט דורך אַ געל גלאָז אויף אים געקוקט. פאַרוועלקט, פאַרמאַטערט און לייכטנדיק, ווי דאָס פּנים פון אַ גוסס, וואָס שיינט מיט אַ באַזונדער ליכט. די לאָנקעס זענען געווען ברוין און זומפּיק. די ראָוועס אָנגעפולט מיט פאַרוועלקטע בלעטער, דאָס זענען געווען גריבער, אין וועל־כע דער זומער איז געלעגן, די האָפנונג און פרייד פון זומער און דער אַראָמאַט זיינער. לעבן דער באַנק איז געשטאַנען אַ דערנער־צווייג, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער גרויער קאָפּ פון אַן אַל־טער, שמוציקער פרוי, מיט אָנגעשפּיצטע האָר. די פעלדער זענען געווען אַראָפּגערוימט. ס׳איז מיר געווען, ווי כ׳וואָלט מיט נאַקע־טע פיס געגאַנגען איבער די שטעכיקע אַראָפּגערוימטע פעלדער. כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם פרילינג, ווען דאָס פאַרזייטע איז אויפגעגאַנגען אַזוי יונג און גרין, אַז דאָס האַרץ האָט זיך גע־פרייט אין מיר, און דערנאָך, ווי עס איז געוואַקסן און פאַנאַנ־דערגעוויקלט די גרינע פענער און געפלאַטערט מיט זיי פאַר פרייד. דערנאָך איז געקומען די צייט, ווען דער טאָל האָט זיך געפרעגלט, ווי אין אַ גרויסער פאַן, און יעדעס פּינטעלע פון דער לופט האָט געגומען זינגען — דער ווייץ האָט געבלאַנקט דע־גאָלט, ווי קופּער, און דער קאָרן איז רויט געווען, ווי די פעל פון אַ פוקס. דאָס האָט מען פאַר אונז זיך געגריסט און געבייגט, ווען מיר זענען געגאַנגען דורך די פעלדער! די גרילן האָבן געגרילצט אויף די פעלדער, דאָס האָט געקלונגען, ווי טויזנ־טער קליינינקע שמידעלעך וואָלטן באַשעפטיקט געווען טיף אין דר׳ערד ביים אויסהאַמערן צאַרטע טאָוועלעך זילבער. דערנאָך זענען געקומען די שלעכטע טעג, דער סערפּ האָט געשניטן און

געסקריפּעט און איין פרימאָרגן זענען די זאַנגען געלעגן אָפּגע־שניטענע, שטייפע, מיטן פּנים אַראָפּ, ווי די דערשאָסענע זעלנער. דאָס האָט אונז ביידע זייער וויי געטאָן.

כ׳בין געשטאַנען אויפן ווינט, דער פעדער אויף מיין הוט האָט זיך באַוועגט, אינמיטן ליידיקן הערבסט, און געטראַכט וועגן זומער און די אַרומגעקאָשעטע פעלדער האָבן מיר ווי געטאָן, ווי קאַליקעס זענען זיי מיר פאָרגעקומען.

כ׳בין ווייטער געגאַנגען.

כ׳בין געגאַנגען אַרום און אַרום, באַקוקט אַלע בענק, שטיי־נער, אָפענע שטיקער פעלד, איבער וועלכע ערינערונגען האָבן אַרומגעשוועבט. געווען אַ סך הייליקע ערטער אין וואַלד, אַזעלכע, וואָס איך האָב נישט באַטרעטן, כ׳האָב נאָר געקוקט אויף זיי פונדערווייטנס. טרויעריקע סודות האָבן מיר אָנגעפולט דאָס האַרץ.

מיינע געוויינלעכע וועגן זענען דאָס געווען.

דערנאָך איז טונקל געוואָרן, די זון איז נאָך אַ קורצער געזעגענונג פאַרשוואונדן הינטער די בערג.

הערבסט איז געווען, הערבסט. אַ קאַלטער ווינט האָט גע־בלאָזן. זיכער וועט באַלד אויף דער וועלט טונקל און קאַלט ווערן אויף לאַנגע, לאַנגע וואָכן. אַלצדינג איז שוין געפרוירן, אַלץ, וואָס האָט פאָרגעפילט דעם ווינטער און די פינסטערע געכטס.

ס׳איז נאָך לאַנג געווען ביז פרילינג.

כ׳האָב אַ קוק אַריין געטאָן אין וואַלד, וואָס איז אין זיין טיפקייט געווען ברוין־שוואַרץ. אַך, טרויעריק האָט עס אויסגעזען דאָרטן אינעווייניק. און כ׳האָב געטראַכט — ווי אַרום כ׳בין גע־פאַלן דערויף, ווייס איך נישט — אַזוי מוז עס אַודאי זיין: אונ־טער אַ פאַרפוילטן שוואָם זיצט דאָרט אַ קאַרליק אין פינסטערן

וואַלד און, קנאַקנדיק מיט די ציין, פּאַרלאַטעט ער זיך דעם ווינ־טער־פּעלץ פון מוילוואורף־פעל. אַ שנעק לייכט אים צו.

איך וועל שטאַרבן, קלאָגט דער שנעק.

איך וועל לעבן, ענטפערט דער קאַרליק און זיינע ציין קנאַקן. איר, שנעקעס, האָט זיך גוט! ס'איז נאָך לאַנג ביז פרילינג!

כ'בין אַריינגעגאַנגען אין שטוב. און אפשר איז אויך גע־ווען אין וואַלד אַ קאַרליק, אַ גרויער, מידער קאַרליק, וואָס האָט זיך מיט די אייגענע הענט איינגעגראָבן אין דער ערד.

שטיל איז געווען אין שטוב און ס'האָט אויסגעזען, ווי אומעטום שטייט איינער, וואָס וואָלט גערן עפּעס געזאָגט. כ'האָב געפּיפן.

אַ טיר האָט זיך אויפגעעפנט און דער גאָלער, קיילעכיקער קאָפּ פון דער אַלטער מאַריאַ האָט זיך באַוויזן אין דער ליכטי־קער שפּאַרע.

„דאָס בין איך", האָב איך אויסגערופן אויפן קול. „האָט מען באַזאָרגט דעם צייטונגס־אַנאָנס וועגן פּאַצאַ?"

„יאָ, בעל־הבית".

„אויב אַזוי איז גוט. וועט ער מסתמא באַלד אָנקומען, אונ־זער גוטער פּאַצאָ. כאַ־כאַ. אַ גוטע נאַכט, מאַמעלע!"

„אויך אייך אַ גוטע נאַכט, בעל־הבית!"

און ס'איז אָנגעקומען די נאַכט, די לאַנגע נאַכט.

כ'בין זייער ווייניק געשלאָפן אין די ערשטע וואָכן. כ'בין געזיצן אין דער ביבליאָטעק און געלייענט. געשפּילט קלאַוויר. און דעמאָלט איז אינגעבאָרג אויפגעגאַנגען פון אַלע טענער, פון אַלע באַוועגונגען, דאָס איז געווען שיין — אָבער אָפט האָב איך געמוזט אויפהערן שפּילן.

כ'בין געזעסן אויף דער פענסטער־ראַם אין די ווייסע

צימערן און געוואַרט אויפֿן פֿרימאָרגן. אינגעבאָרג איז געווען אַרום מיר.

אַ וואַלד־געשמאַק האָט זיך געטראָגן איבער די ווייסע צי־מערן, ביז אַהער האָב איך אים קיינמאָל נישט געשפּירט אַזוי שטאַרק. באַגינען האָט ער דעם מאָרגנשטערן געטראָגן אין זיך. מיליאַרדן בליצנדיקע פֿונקען האָבן זיך געטראָגן דורך די ווייסע שטובן, געפֿלויגן מיר אין די אויגן, אַז פֿון פֿאַרבלענדעניש האָב איך זיי געמוזט פֿאַרמאַכן. ביינאַכט האָט אַ שרעקעדיק בלייך ליכט געציטערט איבער אַלעמדינג, און די פֿאַרוועלקטע שטרויסן אין די וואַזעס און קרוגן האָבן אָנגעהויבן שמעקן. זייער גערוך איז געווען דער גערוך פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, ער האָט דער־ציילט: דאָ האָט עמיצער געוואוינט. צעבלעטערטע רויזן זענען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, געלער בלומען־שטויב איז געווען צעשאָטן איבערן טישטוך. אַ צאַרטער גערוך פֿון אינגעבאָרגס מלבושים, פֿון איר נאַקן און אירע האָר האָט זיך געטראָגן פֿון די טויטע מעבל. כ׳בין געזעסן אויפֿן פֿענסטער־ראַם, אין בלויען ליכט פֿון דער לבֿנה, און געפֿלידערט מיט איר. אינגאַנצן אַזוי ווי אַמאָל. מיר האָבן געפֿירט געשפּרעכן און איך האָב נאָכגע־מאַכט אינגעבאָרגס שטים, וויפֿיל כ׳האָב געקענט. טיילמאָל האָבן מיר געפֿירט וויציקע געשפּרעכן, כ׳האָב זיך געמאַכט פֿאַר אַן עם־הארץ, וואָס ווייס גאָרנישט. מיר האָבן געלאַכט. געפֿלידערט.

די לבֿנה איז אויפֿגעגאַנגען, האָב איך געזאָגט:

„די לבֿנה איז אַ בריוו פֿון זילבער, וואָס די זון שרייבט צו די קינדער אויף דער ערד, ווייל זי איז אַוועק אויף אַ ווייטע רייזע, אינגעבאָרג".

אַלטע ווערטער.

„זאָל איך דיר שענקען די לבֿנה, אינגעבאָרג?"

אינגעבאָרג לאַכט. „איך שענק דיר די זומער-פייגעלעך פון הונדערט זומערס, אַקסעל, ווילסט?"

אַלטע ווערטער.

אינצווישן לויפט מיר דורך אַ ציטער. אַזוי שטיל איז אין די ווייסע צימערן און איך רעד מיט אַ געשפענסט.

כ'האָב מיך אַרומגעשלייכט איבער די צימערן, אַרומגעשלייכט זיך, געשעפטשעט.

כ'האָב אָנגעטאַפּט די מעבל. איין קישן איז געווען, אויף וועלכער איר קאָפּ האָט דאָס לעצטע מאָל גערוט. מ'האָט עס דערקענט — — —

די דאָזיקע צימערן האָבן מיך אַלץ מער און מער געצויגן צו זיך! דאָ איז געווען איר שטים, איר געזאַנג! אָפט האָבן די צימערן גאַנץ דייטלעך אָנגעהויבן צו זינגען. די טיר, וואָס האָט געפירט צום שלאָפצימער, איז געשטאַנען האַלב-אָפן, זי האָט אויסגעזען צו באַוועגן זיך און צו סקריפּען נאָך שטילערהייט. כ'האָב אָפּגעזוכט שפּורן פון אירע טריט אויף די טעפּיכער, כ'האָב געפונען אַ לעש-פּאַפּיר, אויף וועלכן ס'איז געווען אויפגעצייכנט אַ טענענבוים, אַ קו, אַ מאָנאָגראַם, געפלאָכטן פון אַ און אַ.

אויף אַ טיש איז געלעגן קאַרלס אַ בוך, אַ סך ערטער זענען מיט דינע ליניעס געווען אונטערגעשטראָכן. כ'האָב אויך געפונען אַ גאָלדענע האָר צווישן צוויי זייטן. ווי איך האָב זיך דערשראָקן, ווען כ'האָב גאַנץ פּלוצלינג געפונען די גאָלדענע האָר!

ס'קאָן זיין, כ'האָב זי געקושט, יאָ, אויף געוויס, זי האָט מיר אַרומגעוויקלט דעם האַלז. דעם גאַנצן טאָג האָב איך מיך געצהילט אין גאָלדענע האָר, געבאָדן זיך אין זיי, געלאָזט זיך גליעטן דאָס פּנים פון זיי.

כ'האָב געפונען אַ שטעל אין קאַרלס בוך, וואָס אינגעבאָרג

האָט אונטערגעשטראָכן. זי האָט געלויטעט: מיר האָבן זיך אָנגעקוקט. דיין נשמה האָט אַרומגענומען מיינע און זיי האָבן זיך נישט געוואָלט מער אָפּלאָזן און דאָך זענען מיר אויף אַ סך שריט געשטאַנען דערווייטערט פון זיך. דערנאָך ביסטו אַוועקגעגאַנגען. אויך איך בין אַוועקגעגאַנגען. באמת, אַזוי ווי צוויי פיש אין ים, אַזוי האָבן מיר פאַרבייגעצויגן איינס פאַר ס'אַנדערע. אַזוי איז דער שטייגער פון די מענטשן.

כ'האָב דערהערט אינגעבאָרגס זיפצן. כ'בין אַנטלאָפן.

אַ געזאַנג אין דער נאַכט. אַ ערלעך געזאַנג. כ'האָב מיך אויפגעכאַפּט און איינגעהערכט זיך. דאָס קול האָט זיך דערווייטערט. כ'האָב געשמייכלט און צוגעפרעסט די הענט צום האַרצן. — — —

איינמאָל אַ נאַכט האָט אַ הונט זיך צעבילט פאַרן הויז. כ'בין אַרויסגעשפרונגען פון בעט. זאָל דאָס זיין פאַצאָ! ניין, מ'האָט גאָרנישט געזען. דערנאָך האָט זיך אַ היילעריי צעטראָגן פון וואַלד גאַנץ טיף. כ'האָב מיך אָנגעטאָן און געלאָפן אין וואַלד אַריין. כ'האָב אַ פייף געטאָן.

קיין שום זאַך האָט זיך נישט באַוועגט, בלויז דאָס גערויש פון די פאַלנדיקע בלעטער.

איינמאָל נאָכמיטאָג זענען צוויי מענטשן אַריינגעפאַלן צו מיר אין שטוב, צוויי מענטשן, וואָס האָבן געלאַכט און געווען גוט געשטימט.

האַררי אוזעדאָם, מיטן מאָלן לענגלעכן פּרויענקאָפּ, און אַ רויט-האָריקער פּלוידערזאַק מיט זומער-שפּרענקעלעך, האַרציקע אויגן און אַ קליינעם נאָז, ענגערן-ווייקערסבאַך, איזאַבעלאַ האָט זי געהייסן. זי איז געווען מיינע אַ קוזינע. אוזעדאָמס אַ שילערין, איצט זיין פרוי.

„פון פאַרצווייפלונג האָט ער חתונה געהאַט מיט מיר!" האָט זי געזאָגט. זי האָט געלאַכט, קיין רגע נישט געקאָנט איינזיצן שטיל און כסדר געשאַרט דעם קאַפּעלוש אויפן קאָפּ אַהין און צוריק.

האַררי אוזעדאָם האָט גערעדט און גערעדט. זיי האָבן מיך געוויילט ביידע, געלאַכט, באַשטעלט קאַווע און ווייַן און קאָניאַק און זיך פאַרהאַלטן אַזוי, ווי זיי וואָלטן געהאַט בדעה דאָ צו פאַרבלייבן. כ'האָב זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען געקומען כדי מיך צו צעשטרייען.

„דעם גאַנצן מאָצאַרט וועלן מיר פאָרשפּילן פאַר דיר, אַקסעל".

כ׳האָב געפּרוּווט פּרייַלעך זיַין מיט זיי, פּלוידערן מיט זיי, ס׳איז נישט געגאַנגען. כ׳האָב געשמייכלט פון צייט צו צייט.

איזאַבעלאַ האָט האַררי אוזעדאָמען צוגעמאַכט דאָס מויל מיט דער האַנט, ווען ער איז געוואָרן חוצפּהדיק.

דערנאָך זענען זיי אַוועקגעגאַנגען.

„אַלע טאָג וועלן מיר קומען, אַקסעל! נאָר אָן אויסרעדענישן!"

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, איזאַבעלאַ איז צוריקגעקומען.

זי האָט מיך אַרומגענומען און צוגעטוליעט זיך. „הער", האָט זי געזאָגט, „וואָס איז מיט דיר? ווי דו זעסט אויס? זעסט דאָך שוין אויס ווי אַ מת! איינגעפאַלן גרין און ווי פון וואַקס. אַקסעל, דערציייל מיר אַלץ!"

איך האָב געשמייכלט.

„אָ, אַקסעל, פאַרבעסער זיך. ס׳איז אַ לוסטיקער חבר דו ביסט פריער געוועזן. כ׳פלעג שטענדיק זאָגן אַלעמען: דאָס איז גאָרנישט, ווען איר וואָלט אַקסעלן געזען! און איצט אויף ווידערזען, דו!" — —

כ׳האָב מיך אָנגעקוקט אין שפּיגל. יאָ, כ׳האָב אויסגעזען ווי אַ מת. פונוואַנט האָט זיך דאָס גענומען? צי דערפון, וואָס כ׳האָב שטענדיק געלעבט מיט אַ געשפּענסט? — — —

זיי זענען נאָכאַמאָל געקומען, אוזעדאָם און איזאַבעלאַ, כ׳בין נישט געוועזן אין שטוב. זיי האָבן מיך פאַרבעטן אין רויטן־בוק. זיי האָבן געשיקט נאָך מיר דעם וואָגן.

ניין, כ׳בין נישט געגאַנגען.

האָבן זיי עס דען נישט באַמערקט, אַז כ׳האָב נישט געקענט זיַין צווישן מענטשן?

## 31

דער שלאָס איז געלעגן צווישן לײדיקן באַרג־וואַלד, אויפֿן רעגן, אויפֿן ווינט, אײנגעגנורעט אונטער די זיך־שלעפּנדיקע וואָלקנס, עלנט האָט ער אויסגעזען. שטיל איז דאָרט געווען, ווי אין אַ שטוב, וואו עמיצער איז געשטאָרבן.

די טעג זענען לאַנג געווען און די נעכט נאָך לענגער. ס'האָט גערעגנט און געבלאָזן. די טרויעריקסטע נשמה האָט די וועלט געהאַט.

די דאָזיקע טעג און נעכט זענען נישט לײכט געווען צום איבערטראָגן.

אין די שענסטע שעהן האָב איך געחלומט, אַז פּאַצאָ וועט צוריקקומען און כ'וועל קאָנען מיט אים רעדן, אין די שענסטע שעהן האָב איך געחלומט וועגן אינגעבאָרג. אַ גערויש איז אַרומגעלאָפן איבער די ווײטע זאַלן, די בלומען אויף די טאַפּעטן האָבן ווידער אויפגעלעבט, די פּנימער אויף די ווענט האָבן זיך ווידער צעשמײכלט, מענגעס ליכט האָבן געברענט אין מײן צימער און מיט אַ פאַרשכורט האַרץ בין איך אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער. זומער איז געווען.

אינגעבאָרג לאַכט און פרעגט: „ווי אָפּט וועסטו מיך נאָך זײנט קושן?” איך שטײ פאַר איר און די ברוסט מײנע שטראָמט

מיר איבער. „טויזנטמאָל!" זאָג איך. און אינגעבאָרג באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט, איז אויפגערעגט און לאַכט.

זומער איז און אין פּאַרק זינגען די פייגל אַזוי, אַז ס'דאַכט זיך — עמיצער האַלט אַ בינטל העלע גלעקעלעך אין האַנט און קלינגט מיט זיי.

די זון פינקלט. האַלאָ! אַ רעגנבויגן איז דער טויער, וואָס פירט אין דעם הויז אַריין!

די ליכט לעשן זיך אויס איינע נאָך דער אַנדערער, עס ווערט טונקעלער אַרום און טונקעלער ביי מיר אין האַרצן.

כ'זיץ פאַר דער לעצטער ליכט און קוק זיך איין, ווי זי ווערט קלענער. אַזוי פאַרגייט די צייט, מ'זעט, ווי די ליכט ווערט צעשמאָלצן.

כ'בין אַליין, די געסט זענען אַוועקגעגאַנגען.

און איך טראַכט: שווער איז דאָס לעבן, שווערע אויפגאַבן שטעלט עס. זוך דיר גליק, אָ, מענטש! לעב מיטן גליק, אָ, מענטש! און שמייכל ווידער, נאָכדעם ווי דו האָסט שוין געשלאָכטן פאַר גליק, אָ, מענטש!

זאָגט אַזוי דאָס לעבן און טוט צומאָל קיין ציטער נישט.

איינמאָל ביינאַכט, ווען דער ווינט האָט געטרייסלט מיט די שויבן, בין איך געפאַלן אויפן געדאַנק צו שרייבן צו אינגעבאָרג. כ'האָב געשריבן די גאַנצע נאַכט נאָכאַנאַנד און אויפן האַרץ איז מיר לייכטער געוואָרן. כ'האָב געשריבן:

אינגעבאָרג, אינגעבאָרג, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן? יאָ, פאַרוואָס? האָב איך דיך דען נישט ליב געהאַט? איז דען נישט שיין געווען דער פרילינג און זומער? איך פרעג דיך נאָר, ס'איז נישט קיין פאָרוואורף, ניין. האָסט דערזען קאַרלן, האָסט דערזען קאַרלס אמתדיק פּנים, דאָס אמתדיקע. דערנאָך האָסטו שוין געמוזט. איך שרייב צו דיר. דו וועסט די דאָזיקע בריוו

קיינמאָל נישט דערהאַלטן, אָבער ס׳איז אַזוי לאָקנדיק־שיין צו שרייבן צו דיר.

ווען דו וואָלסט געוואוסט, ווי איינזאַם עס איז ביי מיר קיין שום זאַך באַוועגט זיך נישט אין די צימערן. איך קלאַפּ מיט די טירן, פייף, אָבער די שטילקייט לייגט זיך נאָך שרעקלעכער אויף מיר. ווען דו וואָלסט געוואוסט, וואָס איך טראָג אַלץ איבער! אפשר וואָלסטו געקומען צו מיר אויף אַ שעה. אפשר וואָלסטו אָנגעשריבן צו מיר אַ פּאָר ווערטער. יאָ, דו ביסט דאָך אַ גוטע, וואָלסט דאָס געוויס געטאָן. ווען דו וואָלסט נאָר געוואוסט פון דעם אַלעם.

אינגעבאָרג, זיי געגריסט! כ׳הער נישט אויף צו טראַכטן וועגן דיר. טאָרסט נישט דערפאַר אויף מיר פאַריבל האָבן אין די דאָזיקע ערשטע וואָכן. ווי נאָר כ׳וועל איינמאָל אויפהערן זיך מיט דיר צו געזעגענען וועט עס גיין בעסער.

אינגעבאָרג, איך זע דיך. דו שמייכלסט און פון דיינע אויגן שפּרינגען פונקען, אַזוי ליכטיק, ווי די פונקען, וואָס שפּרינגען פון אַ שטיין.

אינגעבאָרג, ביסט אַ גאָלדענער, קיילעכדיקער רינג, ביסט אַ גאָלדענע קויל, יאָ, דאָס ביסטו, ווייל די קויל איז די האַנט־שריפט פון דעם באַשעפער, ביסט ווי די ווייכע לופט אום פרילינג, ווען דער שניי צעגייט, אינגעבאָרג. ביסט אַ ווייסע גלאָקן־בלום, פול מיט טוי.

ווי פיל איך שרייב צו דיר, אינגעבאָרג! אָבער דער זייגער איז ערשט צען און די נאַכט איז לאַנג. וועל איך דיר נאָך אַ שטיקל צושרייבן.

אינגעבאָרג, — אַזוי שרייב איך ווייטער, — איך פיל, ווען דו טראַכסט וועגן מיר. איך לייען, אָבער פּלוצלינג ווער איך אום־רויק, דו שטייסט הינטער מיר, גלעטסט מיר לייכט די האָר

און באַרירסט די אָנשטייענדיקע הערצלעך, כ'פֿיל דאָס זייער גוט.

אינגעבאָרג. ס'קאָן זײַן, אַז דײַן אָנבליק שוועבט אין דער לופֿט, אָדער בלויז דער גלאַנץ פֿון דײַן באַק, אַ שמייכל פֿון דײַנע ליפּן. אינגעבאָרג, הער, טיילמאָל בײַנאַכט קומסטו צו מיר און לייגסט מיר אַרונטער צוויי טרערן אונטער די אויגן-הייטלעך. כאַפּ איך זיך פּלוצלינג אויף, וואָרים די טרערן גליען מיך און כ'געפֿין זיי בײַ מיר אויפֿן באַק.

אינגעבאָרג, טיילמאָל רעדסטו מיט מיר, רעדסט אַזוי ווי עמיצער, וואָס דרייט זיך אויס און וויל אַוועקגיין. אַקסעל, אַזוי שעפּטשעסטו, פֿאַרוואָס גיי איך דאָס אַוועק פֿון דיר? ווי שיין איז געווען אונדזער ליבשאַפֿט!

דער גורל האָט אַ ווינק געטאָן.

כ'האָב דיר נישט געוואָלט פֿאַרשאַפֿן קיין ווייטאָק, אַקסעל.

ניין, קיינמאָל נישט, גוטע דו, ווי האָסטו עס דאָך געקאָנט פֿאַרלאַנגען. גיי און געניס דײַן פֿרייד. אַלץ וועט זײַן צום גוטן, זאָל נאָר נאָך עטלעכע טעג פֿאַרבײַגיין, ביז כ'וועל נישט אויפֿהערן זיך מיט דיר צו געזעגענען, ווייסט דאָך — — —

אינגעבאָרג, אינגעבאָרג, ווען עס פֿאַלן מיר אַזוי פּלוצלינג אײַן אַ צענטויזנט שיינע נעמען פֿאַר דײַנעטוועגן?

---

אינגעבאָרג קעמט זיך די האָר. כ'דערמאָן זיך דאָס.

אינגעבאָרג האָט ליב געהאַט צו קעמען זיך די האָר, שעהן-לאַנג האָט זי געקאָנט דערבײַ פֿאַרברענגען. און שעהן-לאַנג האָב איך געקאָנט זיך צוקוקן דערצו.

אַזוי פֿיל האָר זענען געווען! שטראָמענווײַז זענען זיי אַראָפּגעפֿלאָסן, געפֿאַלן איבער אירע אָרעמס, איבער די בריסט; ווען זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ האָבן זיי זיך גענומען באַ-

וועגן פון אויבן ביז אַראָפּ, ווי פלאַמען האָבן זיי געפלאַטערט. דאָס פּנים אירס האָבן זיי אַזוי געקאָנט פאַרהילן, אַז עס האָט אַרויסגעקוקט ווי פון אַ הייל-טיפעניש. און דעמאָלט האָבן אירע אויגן אַזוי שטאַרק און גוטמוטיק געלויכטן.

זי האָט איינגענומען די צעפלאָשעטע האָר מיט דער האַנט און אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף לינקס, בעת דעם קאַם האָט זי דורכגעפירט דורך דער גאַנצער לענג פון די האָר. כ׳האָב קיינ־מאָל נישט געזען זי זאָל האָבן אַמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף רעכטס. און די האָר האָבן געקנאַקט.

„היינט קנאַקן זיי באַזונדערס שטאַרק!" האָט אינגעבאָרג געוואָגט. די האָר זענען געלעגן אויף מיין האַנט, ווי אַ נעץ, אַ שפּין-געוועב, זיי זענען ווייך געווען, געצערטלט מיר די האַנט. מ׳האָט זיך גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס דאָס הייסט אַזעלכעס האָר, ניין, דאָס איז געווען עפּעס גאָר אַ וואונדערבאַ־רע זאַך.

דערנאָך זענען זיי צונויפגעבונדן און פאַרדרייט געוואָרן אויפן נאַקן. כ׳האָב זיי נאָכגעפאָרשט מיטן אויג. אינגעבאָרג האָט זיך געקעמט די האָר. כ׳טראַכט אַצינד וועגן דעם. שעהן פאַר־גייען, אינטערעסאַנט — גאָרנישט-באַדייטנדיקע קלייניקייטן קאָנען אין געשעענישן פאַרוואַנדלט ווערן.

פון די צייטן, ווען כ׳האָב אויסגעשפּיצטע ליפּן געקושט אין געדאַנקען: אַלע טאָג איז איצט אַ חתונה, דו!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ מאָדנעם געשמאַק שפּיר איך אויף די ליפּן.

אַמאָל פאַרגייט ער, אָבער ער קומט כסדר צוריק.

כ׳פיל אים אינדערפרי, ביים אויפשטיין, און דאָס איז דאָס

גאַנצע גליק מיינס פאַרן טאָג. עס טרעפט—איך פאַרליר דעם געשמאַק פון די ליפּן, אָבער בייגאַכט חלומט ער זיך מיר, איך כאַפּ זיך אויף, ער איז ווידער דאָ אויף מיינע ליפּן. —

דעמאָלט האָב איך שוין נישט מער די העזה אַנטשלאָפן צו ווערן. — — —

וואָס זאָל איך טאָן? זאָל איך לייענען? כ'פאַרשטיי קיין איין שורה נישט. זאָל איך שפּילן אויפן קלאַוויר, אָדער אויף דער פידל? אינגעבאָרג איז דאָך דאָ אין יעדן טאָן. זאָל איך דעם וואַלד אויסהאַקן, די לאָנקע אויסטריקענען, אַ קאַנאַל אויסגראָבן און מאַכן אַ וועג פאַר די שיפן און פאַרן האַנדל?

און אפשר אַוועקפאָרן, אין מרחקים, ביז אַהינצו, וואו די באַן הערט אויף, און דערנאָך וואַנדערן, וואַנדערן —?

יאָ! אָבער טאָמער פאַלט איין אינגעבאָרג צו באַזוכן מיך אויף עדלהאָף! — — — —

נישט-ווילנדיק האָב איך דעמאָלט אַ סך געטראַכט וועגן דער געשיכטע מיט הערמאַן עקע, דעם גוטבאַזיצער פון קאַטשקעטייך, וועלכן זיין ווייב האָט פאַרלאָזט.

בעת אינגעבאָרגס געזונט-ווערן האָב איך עס געהאַט דערציילט אינגעבאָרג. איז עס נישט געווען משונהדיק? האָט מיין נשמה פאָרגעפילט, וואָס עס וועט געשען?

נישט-ווילנדיק האָב איך אָפט געטראַכט וועגן דער געשיכטע מיט הערמאַן עקע, וואָס האָט געגלויבט, אַז חוה וועט צוריקקומען צו אים.

אַ גאָרטן פון רויזן האָט ער געפלאַנצט פאַר אירעטוועגן, אַ ווערענדע האָט ער אויסגעבויט פאַר איר. פרישע בוקעטן זענען שטענדיק געשטאַנען אין די וואַזעס, אַ ברענענדיקע לאָמפּ די גאַנצע נאַכט ביי איר אין צימער.

איילט זיך, איילט זיך, מענטשן.

יאָ, וואָרים חוה קאָן אָנקומען.

ווען דער פריינט זאָגט צו הערמאַן עקע: וועט זי טאַקע קומען? — כאַ-כאַ-כאַ, — ענטפערט הערמאַן עקע. דאָס איז אַלץ, וואָס ער ענטפערט.

פאַרשטייט זיך, חוה וועט צוריקקומען. וואונדערלעכע זאַכן האָב איך איבערגעלעבט, וועט זי דערציילן, אַלע האָבן מיך גרויס-געהאַלטן.

קעניגין, דיין טראָן איז גרייט — אַך, ס׳אַרע נאַר! יאָ הערמאַן עקע איז אַ נאַר. אָבער אַ גליקלעכער נאַר איז ער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל ביינאַכט האָט דער הירש זיך צעשריגן אין די בערג. כ׳בין געשטאַנען ביים פענסטער און זיך איינגעהערכט צו זיין געשריי.

פלוצלינג איז ער אויפגעגאַנגען אין מיין האַרצן, דער געדאַנק, צום ערשטן מאָל, פולשטענדיק קלאָר, פאָדערנדיק און שטאַרק. כ׳האָב מיך געראַנגלט מיט אים. וואָכן און חדשים האָב איך מיך געראַנגלט מיט אים, מיט דעם דאָזיקן געדאַנק.

כ׳בין טרויעריק געווען, טרויעריק.

כ׳בין אַרומגעגאַנגען אין אַ זאַק מיט אַש. נישט געלאַכט מער, זעלטן געשמייכלט. כ׳האָב ליב געהאַט צו טאַנצן און יובלען פאַר שמחה, כ׳האָב ליב געהאַט פרעכטיקע געדאַנקען אַרומצוטראָגן אין קאָפּ, כ׳האָב ליב געהאַט צו הערן דאָס קלאַפּן פון מיין האַרצן. יאָ, יענעם זומער האָב איך סימפּאָניעס אַרומגעטראָגן אין זיך, סימפּאָניעס אָן אַ סוף, אָן אַן ענד.

און איצט בין איך פון מיין מלכות פאַרטריבן געוואָרן, אַ בעטלער, וואָס שלעפּט זיך אַרום, הונגער אין די אויגן.

אַמאָל האָב איך געשפּרייזט, איצט בין איך געקראָכן.
וואָלט זי בלינד געוואָרן די זון, וואָלט זי צעפֿאַלן געוואָרן
די וועלט אויף אַש, אויף שטויב.

די האַנט פֿון גורל האָט מיר אַזוי צעקנאָדערט דאָס פּנים,
אַז עס זעט מיר אויס פֿרעמד. מײַנע אויגן האָבן זיך צוזאַמענ-
געצויגן און שטערן מיר, אַ טיפֿער קנייטש צעטיילט מיר דעם
שטערן, מײַנע ליפּן זענען מיט ביטערניש אַרומגעצוימט.

כ׳בין אומגליקלעך.

אַ קליין וואָרט איז דאָס. ווײַ, אַז עס געשעט און דו קאָנסט
נישט זאָגן מער קיין וואָרט, ווי דאָס.

אין דער נאַכט, ווען דער ערשטער האָגל איז געפאַלן, האָט זיך מיר געחלומט אַ וואונדערבאַרער חלום. ס'האָט זיך מיר גע-חלומט, אַז אינגעבאָרג שטייט ביי מיין בעט. כ'האָב זי געזען שטיין, ס'איז געווען אַזוי ווי זומער, די לבנה האָט געשיינט דורך די קאַשטאַנעס און די פּאָדלאָגע אין צימער האָט אויסגעזען, ווי אַ שפּיגל, וואָס איז צעפּלאַצט אויף טויזנט שטיקלעך. אויך אינגעבאָרג האָט געלויכטן. כ'האָב מיך אויפגעכאַפּט: פּוסט און קאַלט איז געווען אַרום מיר. כ'בין אויפגעשטאַנען און אַראָפּ-געגאַנגען מיט די בערג, דורכן טאָל. כ'האָב מיך אָנגעשטויסן אויף די רעלסן. די רעלסן זענען באַדעקט געווען מיט האָגל.

צוויי גליקלעכע טעג זענען אָנגעקומען. צוויי טעג מיט בזוקן, ווי דער מאַי, און לייכטע פּיס, ווי די שטראַלן פון דער זון.

איינמאָל אַ טאָג איז פּאַצאָ צוריקגעקומען. אויף צומאָרגנס איז אָנגעקומען אַ בריוו פון אינגעבאָרג.

כ'בין געשטאַנען ביים פענסטער און אַראָפּגעקוקט לענג-אויס דעם וועג. מיטן וועג אַרויפצו איז געגאַנגען אַ יעגער מיט זיין הונט. ניין, דאָס איז נישט געווען קיין יעגער, קיין געווער האָט ער נישט געהאַט און איז אויך נישט געגאַנגען, אַזוי ווי עס

גייען די יעגער, דאָס איז געווען אַ פּאַסטוך מיט זיין הונט. ניין, דאָס איז אויך קיין פּאַסטוך נישט געווען, אַ באַן־וועכטער איז דאָס געווען, מ'האָט דאָס דערקענט אָן זיין היטל, און דער הונט איז נישט געווען דעם באַן־וועכטערס הונט, אָט דער זיך־שלעפּנ־דיקער, אויסגעדאַרטער הונט דאָס איז געווען פּאַצאָ.

כ'האָב אויפגעריסן דאָס פענסטער און אַ פייף געטאָן. דער הונט האָט אָנגעשטעלט די אויערן, טעמפּ אַ ביל געטאָן און זיך צוגעשלעפּט אַ מידער.

„קומט אַריין! קומט אַריין, מיין פריינט!" האָב איך זיך געווענדט צום באַן־וועכטער.

פּאַצאָ איז אַרויפגעלאָפן די טרעפּ און אַ שפּרונג געטאָן אויף מיר אַרויף. ער האָט אויסגעזען פאַרענדערט. איינגאַנצן אַן אַנדערער. דערנאָך האָט ער זיך צעוואָיעט און אַרומגעקראָכן אַרום מיינע פיס. ער האָט קלאָגנדיק געיאָמערט, אַנידערגעלייגט זיך אויף דר'ערד און געקלאַפּט מיטן עק אָן דער פּאָדלאָגע.

„וואָס איז מיט דיר, פּאַצאָ? דיינע אויגן זענען אַזוי פאַרצערט"!

דער באַן־וועכטער איז אַריינגעקומען.

„איך שרייב זיך פּאַול", האָט ער געזאָגט. „דעם הונט האָב איך געכאַפּט. ער איז נאָכגעלאָפן די צוגן דאָ אין דער און דאָ אין דער אַנדערער זייט, שטענדיק לענג־אויס דער באַן־ליניע".

„לענג־אויס דער באַן־ליניע? יאָ, אַ גוטער הונט!"

„יאָ, אַ גוטער הונט. אָבער ער איז קראַנק. פרעסט גאָרנישט!"

„דאָס וועט נישט לאַנג דויערן, ווי, פּאַצאָ?" פּאַצאָ האָט געקלאַפּט מיטן עק אָן דער פּאָדלאָגע און געוואָיעט.

בסדר אַרומגעלאָפן ביים באַן־וועג אַהין און אַהער. באַרבעק פון אונטערנצעל האָט געזאָגט: האָסטו געזען דעם הונט — אַ ווייסער יאַגד־הונט —

„זעצט זיך! — ווייַן! — כ׳בעט אייך, דערציילט". דער מאַן, וואָס שרייַבט זיך פּאַול, האָט גענוי דערציילט וועגן ווייַסן הונט.

ער האָט אים איינגעשלאָסן אין גערטנדל און אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ קאַסטן. אָבער, אַ שווערע מעשה! וועמענס קאָן ער זייַן דער הונט, וואָס הערט נישט, אַז מ׳רופט אים מיטן נאָמען: וואַלדמאַן אָדער פעלדמאַן, נעראָ אָדער פאַקאַן? קיין האַלזבאַנד נישט, גאָרנישט. ער מוז שטאַמען פון ווייַט, און אפשר איז ער גאָר פון אַ צוג אַרויסגעשפּרונגען. נו, און ער, דער באַן-וועכטער, וואוינט זיך אייַנזאַם, קומט נאָר אויף שבת צו זיך אין דאָרף אַרייַן. זאָגט צו אים דער שענקער פון דער שענק „שוואַרצע בערן": פּאַול, אָט שטייט עס געשריבן. „נו, האָב איך געריכט אין וועג אַרייַן און אַליין גלייַך אַהער געבראַנגט די אבדה. מיך קאָסט דאָך נישט קיין באַן-געלט".

דאָס דערציילן האָט געדויערט אַ לאַנגע צייַט, אָבער דערנאָך האָב איך מיר נאָך געהייסן דערציילן גענוי די אייַנצלהייטן.

אַלזאָ, וואָס קומט אייך איצט פון מיר, האָב איך געפרעגט.

דער באַן-וועכטער האָט זיך פאַרטראַכט, האָט אַרומגעלעקט די וואָנסעס און געדרייט דאָס היטל צווישן די פינגער.

נו, דער הונט האָט דאָך קיין שום דאגות נישט פאַרשאַפט אין שטוב. געפרעסן האָט ער אויך נישט קיין סך. וועט ער זייַן אָפּנהערציק — זאָל שוין דער געפינטער אַליין באַשטימען.

„וויפיל פאַרלאַנגט איר!"

„זאָגן מיר אינגאַנצן פינף מאַרק".

כ׳האָב געשמייכלט. „אָבער ביטע—?" האָב איך געזאָגט. ער איז דאָך נישט מחויב געווען צו פלעגן פאַצאָן בחנם!

„טאָ זאָגן מיר, אין גאָטס נאָמען, דרייַ מאַרק. איך באַלמו-

טשע אויך אַ האַלבן טאָג. עסן אונטערוועגנס — כ'האָב זיך געמוזט צעלאַכן. דער באַן־וועכטער איז רויט געוואָרן.

כ'האָב זיך נאָך מער צעלאַכט. איך בין געזעסן און געציטערט פאַר פרייד, און ער האָט פאַרלאַנגט פינף מאַרק! דאָס איז משונהדיק. ער האָט געקאָנט פאַרלאַנגען מיין פאַרמעגן, כ'וואָלט עס אים געגעבן. „ערלויבט, מיין פריינט", האָב איך אים געזאָגט, „ס'איז נישט צופיל פאַר מיר, נאָר צו־ווייניק. כ'וואָלט אייך וואָס אַן אמת געקאָנט אָפּנאַרן און געבן פופציק מאַרק — איר וואָלט געווען צופרידן — אָבער דאָס וואָלט געהייסן אָפּנאַרן אייך. וואָרים אָט דער הונט דאָ, יאָ, אָט דער הונט איז נישט קיין געוויינלעכער הונט, ניין!" און כ'האָב אים דערציילט, וואָס דאָס איז פאַר אַ ראַסע, אַז ער האָט מיר שוין איבער פופציק טויזנט מאַרק פרעמיעס איינגעבראַכט, און אַז איינגיכן ווערט ער אַרויסגעשיקט קיין אַמעריקע אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונג פון הינט.

ס'איז מיר שווער געווען נישט פאַנאַנדערצולאַכן זיך, וואָרים דעם באַן־וועכטערס פנים איז ביי יעדער פרעמיע לענגער געוואָרן. „דעם הונטס בעסטע צייט, וואָס אַן אמת, איז שוין אַריבער", האָב איך פאַרענדיקט. „ער קאָן נאָך געווינען עטלעכע פרעמיעס, געוויס. פאַר קיין פופציק טויזנט מאַרק וואָלט איך אים נישט אַוועקגעגעבן. אַ שאַצער פון געריכט וואָלט אָפּגעשאַצט זיין ווערט אויף אַ דרייסיק טויזנט מאַרק. לאָמיר זאָגן צוואַנציק טויזנט. נו, אַפילו געריכטלעך קאָנט איר פאָדערן צען פראָצענט פון דעם ווערט פון געפונענעם געגנשטאַנד, איך בין גרייט אייך אויסצוצאָלן צוויי טויזנט מאַרק. זענט איר דערמיט צופרידן?"

„נו־נו־נו ? !"

„אַן שפּאַס, איך קאָן אייך ווייזן די פרעמיע־צעטלען, אויב

איר פאַרלאַנגט דאָס. איך וויל אייך נישט אָפּנאַרן״. — כ׳האָב גערעדט מיט אַ לייכטן, אָבער איבערצייגנדיקן טאָן.

דער באַן-וועכטער האָט געלאַכט, ווי אַ משוגענער, איז געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ זעלנער, אָנגערירט מיטן האַנט דאָס היטל און געוואָרפן מיר לופט-קושן מיט דער האַנט. דערנאָך האָט ער זיך ווי אַ משוגענער געלאָזט לויפן אַראָפּ פון די בערג, דריי מאָל האָט ער פאַרלוירן דאָס היטל.

ווי ער האָט זיך געפרייט! צוויי טויזנט מאַרק! פאַראַן מענטשן, וועמען דו קאָנסט גאַנץ אינדיען אַוועקשענקען און אַ גן-עדן דערצו, און זיי וועלן קיין איין מאָל נישט רויט ווערן.

כ׳האָב פאַרריגלט די טיר.

„פּאַצאָ, פּאַצאָ!״

כ׳האָב מיך געוואָרפן אויף דר׳ערד און געוויינט און געלאַכט פאַר פרייד.

„יאָ פּאַצאָ, גוטע נשמה דו, פריינט מיינער. דו גוטער פּאַצאָ — כסדר לענגז-אויס דער באַן-ליניע, אַהין און צוריק—״

פּאַצאָ האָט מיר געלעקט די האַנט און דאָס פּנים, געדרייט מיטן עק און געבילט. כ׳האָב מיך איינגעקוקט אין אים. וואָס האָט ער אַלץ נישט געוואוסט. ווען ער וואָלט געקאָנט רעדן!

ער איז נישט געווען אינגאַנצן געזונט. האַלב-פאַרהונגערט איז ער געווען.

אָבער איצט וועט שוין אַלץ גוט זיין. כאַ-כאַ-כאַ!

פּאַצאָ איז צוריקגעקומען, פּאַצאָ! —

שענק אַוועק אַ מענטשן אינדיען און אַ צולאָג דעם גן-עדן, דריי טויזנט שענסטע ווייבער פון דער וועלט — ער וועט צומאָלט נישט רויט ווערן. דערלאַנג אים איין שורה, איין וואָרט פון זיין געליבטער, ער וועט בלייך-ווערן פאַר פרייד.

יאָ, אַ בריוו איז אָנגעקומען, פון אינגעבאָרג. כ׳בין געזעסן

ביי זיך אין צימער און אַכטונג געגעבן אויף פּאַצאָן. פּאַצאָ איז אָן אויפהער געשלאָפן און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אויף אַ זייט, ווען כ׳האָב אים געוואָלט געבן וויין, אָדער צעהאַקטע פליייש. זיינע אויגן זענען געווען רויט־פאַרלאָפן. אָבער איינגיכן וועט ער געזונט ווערן, דעמאָלט וועלן שיינע צייטן אויפקומען. דעם ווינטער וועלן מיר קאָנען איבערהאַלטן צוזאַמען, די טעג, די נעכט, אַלצדינג.

אין דעם איז אָנגעקומען אַ בריוו. די אַלטע מאַריאַ האָט אים מיר דערלאַנגט, זי האָט עס געטאָן גלייך, ווי ס׳וואָלט קיין שום באַזונדערעס אין דעם נישט געווען — און איך האָב איבערגעלייענט די אויפשריפט: ס׳איז געווען פון אינגעבאָרג —

דער בריוון־טרעגער האָט אים נישט בחינם געבראַכט.

פריינט, פריינט, פריינט און ליבע לייט אַלע באַזאַמען אויף דער וועלט. — ניין, שטיל, שטיל!

איז דאָס אינגעבאָרגס האַנטשריפט? יאָ, דאָס איז זי אַליין. ווער דאָ אינגעבאָרגס האַנט? יאָ, יאָ, אינגעבאָרגס ליפן האָבן דעם בריוו צוגעקלעפּט.

ווייסטו ווי עס זעט אויס, ווען אַן אומגליקלעכן פאַלט־צו צן אומגעריכטע פרייד? ס׳איז אַ זון אינמיטן נאַכט, ס׳איז אַלצאיינס, ווי גאָט אַליין וואָלט צו אים צוגעפאָרן, ס׳איז — — ניין, שטיל!

כ׳האָב גענומען דעם קאַפּעלוש און געגאַנגען אין וואַלד אריין. פּאַצאָ? אָבער פּאַצאָ האָט גאָר געפינקלט מיט די אויגן און געקוקט און בויל באַוועגט מיטן עק. אין וואַלד אַריין. וואָרים דער בריוו מוז אין וואַלד געלייענט ווערן. ער איז נאָך אַלץ נישט גענוג טונקל, ער איז נאָך אַלץ נישט גענוג שיין. ווינטער!

וואָס אַמאָל טיפער בין איך פאַרגאַנגען אין וואַלד, דער

בריוו אין האַנט. פּלוצלינג האָבן גלאָקן גענומען קלינגען אַרום אין וואַלד. די ערד האָט אַרויסגעגעבן קלאַנגען און דיביימער האָבן אַרויסגעגעבן קלאַנגען.

די קרוינען האָבן זיך געוויגט אַהער און אַהין און גע־קלונגען.

כ׳בין געגאַנגען, געטראָגן פון דעם רויש פון די דומפּע, פייערלעכע קלאַנגען, און זיי האָבן געקלונגען, געקלונגען. און איך האָב מיר אָפּגעזוכט אַ באַהאַלטן שטיקל אָרט, אויסגעצויגן זיך אויפן מאָך און איינגעהערכט זיך צו די משונהדיקע, ברומענ־דיקע, פייערלעכע קלאַנגען אַרום מיר.

ס׳איז שיין געווען דאָ אַזוי צו ליגן און איינצוהערן זיך און צו קוקן אויף אינגעבאָרגס בריוו.

האלאָ, אינגעבאָרג!

אינגעבאָרג האָט געשריבן נאָר עטלעכע ווערטער איך זאָל איר מוחל זיין — — הערט, דאָס איז אינגעבאָרג! — זי האָט נישט געוואַגט צו שרייבן צו מיר — איר הערט? — קאַרל לאָזט גריסן, זי בעט וועגן עטלעכע קלייניקייטן. צי זי קאָן מיך בעטן אָפּצושיקן איר דעם מעדאַליאָן מיטן בילד פון איר מוטער. זי קאָן נישט לעבן אָן דעם מעדאַליאָן.

זי איז שטאַרק פאַרנומען. געזאַנג־לעקציעס. קאַרל אַרבעט כּסדר און נאָר אַ קליינע שעה אין אָוונט קאָנען זיי זיין צוזאַמען. אָבער זי איז זייער גליקלעך.

דעם מעדאַליאָן זאָל זי מיט דער נאָענטסטער פּאָסט דער־האַלטן. כ׳האָב אים געטראָגן אויפן האַלז, באַהאַלטן אונטערן קאָלנער, אָבער זי קאָן אים קריגן. וואָס זי וויל נאָר, אַלץ!

שרייב באַלד, אַקסעל!

יאָ, היינט נאָך וועל איך שרייבן צו איר.

כ׳בין פאַרגאַנגען טיף אין וואַלד אַריין, אינגעבאָרג, —

וועל איך שרײַבן, — און דער וואַלד האָט גענומען קלינגען. משוגעדיק איז דאָס געווען, נישט צום פֿאַרגעסן. כ׳האָב מיך זייער געפֿרייט, ווי שטאַרק איך האָב מיך געפֿרייט!

יאָ, אַ פּרעכטיקער בריוו וועט דאָס זײַן.

כ׳בין געגאַנגען מיטן וואַלד אַהין און צוריק. איז פֿאַראַן הײַנט אויף דער ערד אַ גליקלעכערער מענטש פֿאַר מיר? ניין, ניין! ווער עס מיינט אַזוי, דער איז קיינמאָל פֿון די פֿינסטערע נעכט נישט אַרויס.

פֿאַרגעסן געוואָרן די פֿינסטערע נעכט!

דעם גאַנצן נאָכמיטאָג האָב איך מיך אַרומגעדרייט אין וואַלד און געווען ווילד, ווי אַ ייִנגל. הונדערט מאָל האָב איך איבערגעלייענט אײַנגעבאָרגס בריוו. דער וואַלד האָט נאָך אַלץ געקלונגען. אַ פּרעכטיקער טאָג, פֿאַרענדיקט מיט אַ זאַפֿטיקן בין־השמשות.

ס׳האָט אָנגעהויבן צו טריפֿן אין וואַלד, גלײַך ווי ס׳וואָלט געברענט.

כ׳בין אַרויס צום וועג. פֿון אַ גרויסן, ברוינעם וואָלקן איז מיט דינע שנירלעך געפֿאַלן דער רעגן דורך דעם בלויען בין־השמשות. בלויע אָדערן האָבן געציטערט איבערן וועג. די בלעטער אויפֿן וועג און צווישן די ביימער האָבן אויסגעזען, ווי אַ שײַנער טעפּיך.

טריט האָבן זיך דערהערט אויפֿן וועג און איך האָב מיך אויסגעדרייט. אַ שלאַנקער מאַן מיט אַ גרוי פּנים און קורץ־געשוירענע האָר איז אַרויפֿגעקומען מיטן וועג. זײַנע גרויסע אויגן האָבן געפֿלאַמט. ער האָט געדרייט דעם קאַפּעלוש אין האַנט און געגאַנגען לאַנגזאַם, ווי אונטער דער לאַסט פֿון אַ שווערן אומגליק. אָבער ווי ער איז צוגעקומען נענטער, האָב איך באַמערקט, אַז ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם בלויז כּדי אַ ביסל אָפּצורוען. ער

קומט מסתמא פון ווייט אַהער. זיינע שיך זענען אינגאַנצן ווייס געווען פון שטויב, מיט שוואַרצע שטערנדלעך אויפן שטויב פון רעגן. ער האָט געהאַט דאָס אויסגעמאָגערטע פנים פון אַ מאָנאַך, און זיינע ליכטנדיקע אויגן, וואָס האָבן פריי און קלאָר געקוקט אין דער וועלט אַריין, האָבן געוואָרפן דערויף אַ שיין.

„געלויבט זאָל זיין גאָט!" האָט דער מאָנאַך אויסגערופן און געמאַכט אַ באַוועגונג מיטן קאַפּעלוש.

„געלויבט זאָל זיין גאָט!" האָב איך געענטפערט.

דער וואַנדערער איז שטיין געבליבן און געפינקלט מיט די אויגן.

„אַך!" האָט ער אויסגערופן, „אַ טייערער רעגן! וואָס! די לופט! דער רעגן — ריינסטער ווייַן!" און געפינקלט מיט די אויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געדרייט דעם פליכעדיקן קאָפּ אויף לינקס און רעכטס און ווידער געפינקלט מיט די אויגן.

„אַזאַ בוים! וואָס? אַ בוק! דער אין הימל איז אַן עדות, די דאָזיקע וועלט איז דאָס גרעסטע וואונדער!"

די וועלט איז שיין, יאָ.

כ'האָב געלאַכט.

דער וואַנדערער האָט זיך ווידער געלאָזט גיין און איך בין געגאַנגען לעבן אים.

„די פאַרבן! רויט, געל, גרין, וואָס דו קאָנסט זיך נאָר פאָרשטעלן. אומגעהויער שיין! דער וואַלד—גרויס, פריי, פאַר-שטייסטו, פריינט, דער הימל אַזוי הויך! כאָטש עס רעגנט. הויך! הויך! גאָט, ווי הויך דיין הימל איז!"

ער האָט אַ געשריי געטאָן פאַר פרייד און באַוועגט מיטן קאַפּעלוש.

„גאָט, ווי הויך דיין הימל איז!" האָט ער אויסגערופן און צעשפרייט די אָרעמס.

אינמיטן איז אַ וויעוויאָרקע פֿאַרבײַגעלאָפֿן דורך דער סטעזשקע.

„טייוול!” האָט ער אַ געשריי געטאָן. „האָסט געזען? אַ טייוולאָנישע חיה, אַ ווײַדל ווי אַ פֿאָן! און — פֿלינק! — ווי פֿלינק דאָס איז אַרויף אויפֿן בוים. אַרום און אַרום — סטאָפּ! דאָרט זיצט זי. זעסט זי? אַ וויעוויאָרקע. באמת, אַ פֿיין דורכגעטריבן און קלוג חיהלע. שוין אַ סך יאָרן אַזעלכס נישט געזען. אַך! — כאַ־כאַ — עס פֿליט! געפֿלויגן פֿון איין בוים אויפֿן אַנדערן אַרויף, גוטע פֿינף מעטער וועג!”

נאָך יעדן טריט האָט דאָס בלייכע, קליינע מענטשל אויסגערופֿן זײַן אַנטציקונג. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט יאָרןלאַנג געלעגן קראַנק און ערשט הײַנט האָט ער פֿאַרלאָזט די דומפּיקע שטוב.

„אַ זשאַבע, זע! וואוהין דאָס, מײַן געערטע? האָפּלאַ!”

כ'האָב געלאַכט. כ'האָב מיך נישט געקאָנט גענוג אָפּוואונדערן איבער דעם משונהדיקן וואַנדערער און נישט גענוג אָנפֿרייען זיך מיט זײַן פֿרייִלעכקייט. באמת, אין קיין פּאַסיקערער שעה האָט ער מיך נישט געקאָנט באַגעגענען! הײַנט בין איך אויפֿגעלייגט געווען צו אַ געשפּרעך, לאַנגע וואָכן האָב איך מיט קיין מענטשן נישט גערעדט.

צי איז ער קראַנק געווען? האָב איך געפֿרעגט.

יאָ, שווער קראַנק. אָבער איצט איז ער שוין ווידער געזונט! קיינער וועט נישט גלויבן, ווי גליקלעך ער איז. קיין גליקלעכערער מענטש איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

„וואָס הייסט?”

דער וואַנדערער איז שטיין געבליבן און געמאַכט מיט די אויגן און געלאַכט. ס'איז געווען משונהדיק צו קוקן, ווי אָט־דאָס אויסגעמאָגערטע פּנים מיט די גרויע טרערן־קנייטשן האָט געלאַכט.

די אויגן זענען געווען שפּאַרעס און אַ רגע שפּעטער — גרויסע, לויבטנדיקע רעדער.

„קוק מיך אָן, פריינט! אַ בילד! אַ זעלטנהייט, זאָג איך דיר. ווייסטו מיט וועמען דו גייסט? אפשר האַלטסטו מיך פאַר אַ משוגענעם? קורץ און שאַרף, קוק מיך אָן, דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט שטייט פאַר דיר!"

כ'האָב אים אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אויף דער פּלייצע, אז אונטער דעם קליינעם מענטשל האָבן זיך אַזש די קני איינגעבויגן.

„גוט וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן, פריינט", האָב איך אויסגערופן מיט אַ געלעכטער און זיך טיף פאַרנייגט. „איך בין דיין ברודער. אויך דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט!"

כע־כע־כע!

כאַ־כאַ־כאַ!

מיר האבן געלאַכט און ס'האָט אויסגעזען, ווי מיר וואָלטן זיך טיף געגייגט איינס פאַר ס'אַנדערע, אַזוי האָבן מיר זיך גע־טרייסלט פאַר געלעכטער. געשטאַנען אויפן מיטן וועג, אין הערבס־טיקן וואַלד, אויפן רעגן, און גענייגט זיך.

„יאָ", האָב איך געזאָגט, „גלויבסט נישט? ליבער פריינט, ס'איז אַ גליק מיך האָט געטראָפן. כ'בין אַ באַן־וועכטער אונטער און־טערנצעל. זע איך כסדר אַ הונט לויפט אַרום לענג־אויס דער באַן־ליניע, כאַפּ איך דעם הונט, וואַלדמאַן, רוף איך, פעלדמאַן, כאַפּ אים ווי געזאָגט און ברענג אים צוריק צו זיין בעל־הבית. האָטטו געזען דעם שלאָס דאָרט אונטן?"

„יאָ, אַ שיינער שלאָס!"

„נו, טאָ הער ווייטער. ברענג איך אים אָפּ דעם הונט. וואָס פאַרלאַנגסטו, פרעגט ער גאַנץ קורץ, ווי עס רעדן די גבירים,

ער האָט טאַקע געוואָלט פאָרן שפּאַצירן מיט זיין ווייב. מיין ליבער, האָט ער געהאַט אַ שיין ווייב, זאָג איך דיר! שלאַנק, בלאָנד און אַזאַ פאַרפישופדיק שמייכעלע. די לאָקן פאַלן אַריבער איבער די באַקן, ווי מ'זעט דאָס אָפּט ביי קינדער. קליינע, פריי־שע אויגן, העל־בלויע, ווי פאַרגעס־מיך־נישטן. אַ שטים, ווי אַ פויגל. ווען זי רעדט — —"

„אַלזאָ וויפיל האָסטו פאַרלאַנגט?"

„כ'האָב אַלזאָ פאַרלאַנגט פינף מאַרק. איז דאָס געווען אַ סך?"

„דאָס ווענדט זיך ווי לאַנג דו האָסט געהאַלטן ביי זיך דעם הונט".

„זעקס וואָכן".

„אויב אַזוי איז עס נישט קיין סך".

„אָבער ווי מיינסטו, וואָס איז געשען? דער בעל־הבית האָט זיך צעלאַכט אויפן גאַנצן האַלז. אויך זיין שיינע פרוי האָט גע־לאַכט. כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַ פרוי אַזוי לאַכן. הער, אינגעבאָרג, האָט דער בעל־הבית געזאָגט, פינף מאַרק פאַרלאַנגט ער. די שיינע פרוי האָט דערויף געענטפערט, אַז איך בין נישט ביים זינען. און ביידע האָבן געלאַכט. ווי דאַכט זיך דיר אָבער, וויפיל האָבן זיי מיר געגעבן?"

„צוואַנציק מאַרק?"

„צוויי טויזנט!" כ'האָב אַ געשריי געטאָן, אַז דער וואַלד האָט אָפּגעהילכט.

„האָ־האָ! כע־כע־כע! געלאַסן, געלאַטן!" האָט דער קליי־נער געשריגן, אויך אַזוי הויך.

„יאָ, צוויי טויזנט מאַרק. כ'קאָן זיי דיר ווייזן". כ'האָב אַרויס־געצויגן מיין פאָרטפעל.

„דאָ זענען זיי. זעסט? כ'נאַר דיך אַלזאָ נישט אָפּ. דו קאָנסט דיר גאָרנישט משער זיין, וואָס פאַר אַ הונט דאָס איז גע־

ווען ! אַ באַקרוינטער הונט, אומעטום דעם פּריז געקריגן. אינגיכן פּאָרט ער קיין אַמעריקע״.

זייער מערקווירדיק. אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט.

„יאָ, דער מענטש מוז האָבן גליק, דעמאָלט לויפן אים באַקרוינטע הינט אין שטוב אַריין. וואָס זאָגסטו איצט, ווען איך האָלט, אַז איך בין דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט?״

„לאָמיר ווייטער גיין״, האָט דער וואַנדערער געזאָגט, „גייענדיק רעדט זיך פּונקט אַזוי גוט. אַפילו איך זאָל אָננעמען, אַז ס'איז טאַקע אַזוי, ווי דו זאָגסט, איז דיין גליק דאָך נישט אַזוי גרויס, ווי מיינס. דיינס איז גיכער פון אַן אויסערלעכער נאַטור. געלט מאַכט נאָכנישט קיין גליק. דו קאָנסט דיר דערפאַר איינשאַפן זייער אַ סך שיינע און ניצלעכע זאַכן, גאַנץ ריכטיק. אָבער מיין גליק זיצט טיפער, זיצט אין מיטן האַרצן, דאָרט ציטערט עס, דאָרט אין דער מיט, יאָ ! איך בין אויפסניי געבוירן געוואָרן, פאַרשטייסט, איך האָב לעבן און פרייהייט, איך וואַנדער דורך דער שיינער וועלט, כ'וועל נאָך וואַנדערן אַ פערצן טעג, קום איך דעמאָלט צו מיין ווייב, צוויי קינדער האָב איך, וואָס גייען שוין אין שול. אַ מיידל און אַ יינגל. דאָס איז עפּעס אַנדערש, נישט ? דו האָסט אויך אפשר דאָס אַלץ —״

„זיכער, זיכער ! נאָר אין שול גייען נאָכנישט מיינע קינדער. הם. איצט פאַרשטיי איך דיך שוין, ביסט צוריק געזונט געוואָרן, קערסט צוריק אַהיים, נאָך לאַנגע יאָר, יאָ, אָבער פונדעסטוועגן בין איך זייער גליקלעך, פריינט, זייער גליקלעך. זאָג, איז ביי דיר אויך אַזוי : אַז איך בין גליקלעך, וואָלט איך גערן אַנדערע מענטשן פאַרשאַפט פאַרגעניגן״.

דאָס איז אַן אַלגעמיין-מענטשלעכע אייגנשאַפט.

„טאָ הער מיך אויס. פּונקט אַזוי גוט האָב איך אויך גע-

קאָנט באַקומען נאָר טויזנט מאַרק. ווי וואָלט געווען, ווען מיר צעטיילן זיך אַזוי? איך דאַרף נישט דאָס געלט".

דער וואַנדערער האָט געפינקלט מיט די אויגן און געלאַכט. ער האָט אַ קלימפּער געטאָן מיט דער האַנט אין קעשענע און ס'האָט אָפּגעהילכט דער קלאַנג פון האַרטע טאָלערס.

ער האָט איבערגעדרייט די צונג אין מויל. „דאָ האָב איך געלט, איך דאַרף נישט מער", האָט ער געזאָגט. „כ'בין אַזוי גליקלעך, אַז דאָס געלט שפּילט נישט ביי מיר קיין ראָלע, מיין פריינט. אַלץ פירט זיך מיר גאַנץ גוט, מיין ווייב האָט זיך געקויפט אַ שטריקמאַשין, זי איז זייער אַ פּעיקע און אַ פלייסיקע".

יאָ, אויב ער איז אַזוי שטאָלץ —

„לאָמיר זיך נישט קאַליע מאַכן די שטימונג", האָט געזאָגט דער קליינער. „מיר זענען דאָך עפּעס די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט. דו האָסט אַ גוט האַרץ, ביסט אויך גליקלעך, יאָ, וואָרים אַנדערש וואָלסטו דאָך אַזוי נישט געשמייכלט. איך קען זייער גוט דאָס לאַכן און דאָס שמייכלען פון די מענטשן, איך בין געווען דאָרט, וואו מ'לאַכט זעלטן, פאַרשטייסט. דו ביסט אַזוי גליקלעך, אַז דו מוזט טרייבן שפּאַס. זעסט, ברודער, איך קוק אָן דיינע הענט. דו ביסט נישט קיין באַן־וועכטער, ניין—"

כאַ־כאַ!

„ניין. האָט דען אַ באַן־וועכטער אַ פּאָרטפּעל? וואו האָסטו שוין אַזעלכעס געזען? אַ באַן־וועכטער רעדט אויך גאָר אַנדערש. איך בין אַ רייזנדער און קען די באַן־וועכטער בעסער פון דיר. און ווער ווייסט דיר זיין אַזאַ נאַר און באַצאָלן צוויי טויזנט מאַרק, ווען מ'ברענגט אים צוריק זיין הונט. מיר זענען דאָך נישט אין אַמעריקע! איך ווייס זייער גוט, אַז דו ביסט פונם שלאָס דאָרטן אונטן, און אפשר גאָר דער בעל־הבית אַליין — ?"

כ׳האָב זיך צעלאַכט.

„דו, דורכגעטריבענער קאָפּ איינער! דאַרף איך דען יע־דערן דערציילן, פאַרוואָס איך בין גליקלעך? נאָר דיר קאָן איך דערציילן, אַז די מעשה מיטן הונט איז טאַקע געווען אַ ליגן. אָבער איך וועל דיר דערציילן דעם אמת. כ׳האָב היינט דער־האַלטן אַ בריוו פון מיין פרוי. זי איז אין וואַרעמבאָד. זי האָט געבוירן אַ קינד, אַ יינגעלע!"

„אַהאַ! אַהאַ! יאָ, דאָס גליק זיצט שוין טיפער. איך גראַ־טוליר אייך! גראַטוליר אייך!"

„אַ דאַנק! אַ דאַנק!"

כ׳האָב זיך געמוזט אויסדרייען. פּלוצלינג האָבן זיך טרערן געשטעלט מיר אין די אויגן. ווי נאַריש דאָס איז געווען!

דער קליינער האָט געפינקלט מיט די אויגן. אייגנאַרטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. „וואָס איז מיט דיר?" האָט ער געפרעגט.

„אַזוי משונהדיק ביסטו — אַזוי משונהדיק — אַי, אַי — ?"

„ס׳איז גאָרנישט", האָב איך אויסגערופן און געלאַכט און צוריקגעוואָרפן דעם קאָפּ אויף אונטן.

„איז טאַקע בעסער. עפּעס האָט זיך מיר אַזוי אויסגעוויזן— אויך דאָס שמייכלען דיינס איז אַזוי משונהדיק. זיי געזונט! נאָך עפּעס, איין אויפריכטיקייט איז ווערט אַ צווייטע אויפריכטיקייט, פריינט! קוק מיך נאָר אָן, דאָס פּנים מיינס, מיינע געשווירענע האָר. אויב דו ביסט נישט בלינד, ווייסטו, פון וועלכן שפּיטאָל איך קום. פיר יאָר! אַ שלעכטער און לייכטזיניקער שפּאַס איז דאָס געווען. אַריבער, אַריבער — זיי געזונט!"

מיר האָבן זיך געדריקט די הענט.

דער קליינער האָט זיך מיט גיכע טריט אַראָפּגעלאָזט אין

טאָל אַריין. אינמיטן האָט ער זיך אומגעדרייט און אַ פרייד-געשריי אַרויסגעלאָזט און באַוועגט מיטן קאַפּעלוש.

אויך איך האָב באַוועגט מיטן קאַפּעלוש און צוריקגעשריגן אויף אַן ענטפער.

באַלד האָב איך אים שוין מער נישט געזען, ער איז דער-טרונקען געוואָרן אין בין-השמשות.

אָבער אַ לאַנגע צייט האָב איך נאָך געהערט דעם פריידיקן גרוס און איך האָב געענטפערט, ביז כ׳האָב שוין מער גאָרנישט געהערט.

אַ פּרעכטיקער טאָג!

## 33

דער בריוו איז געשריבן, דער מעדאַליאָן — אַוועקגעשיקט. אַ סך מי האָט מיר דער דאָזיקער בריוו פאַרשאַפט. איצט שרייב איך דאָך זעלטן בריוו. אָבער דער דאָזיקער בריוו האָט קיין שום טרויעריקעס נישט באַדאַרפט אין זיך אַנטהאַלטן, דאָס האָט זיך זיין סיבה, ס'האָט אויך קיין שום פריילעכעס נישט באַדאַרפט דאָרט זיין, עס האָט זיך זיין סיבה. האָב איך געשריבן וועגן פאַצאָ, אַז ער איז געהאַט פאַרלוירן געגאַנגען, זעקס וואָכן האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט, אָבער איצט איז ער שוין דאָ צוריק. גאָר ער איז קראַנק און טרויעריק. טיילמאָל וואָרטשעט ער אַפילו, ווען מען גלעט אים, ער איז צעפּיעשטשעט, ווי אַן אמתדיקער קראַנקער. ער האָט געקריגן פאַלדן צווישן די אויגן. אָבער איך האָף, אַז גאָר אינגיכן וועט פאָרקומען ביי פאַצאָן אַן ענדערונג צום בעסערן. און איצט אַ סך גריסן, אַ סך, אַ סך גריסן פאַר אייך, ליבע פריינט.

יאָ, וואָרים וואָס דען האָב איך געזאָלט שרייבן? דער בריוו איז געשריבן, דער מעדאַליאָן — אַוועקגעשיקט. כ'וואָלט אים גערן געלאָזן ביי זיך. כ'האָב אים גוט אָנגעקוקט, איידער כ'האָב אים איינגעפּאַקט. אינגעבאָרג האָט קאַרלן, האָט געשפּרעכן און איך געלעכטער, האָב—נו, אָבער אינגעבאָרג דאַרף דאָס. פאַרפאַלן

איצטער איז מיר געבליבן בלויז אינגעבאָרגס אַ קליין וואַזעלע פון גרינעם גלאָז. די איבעריקע זאַכן זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין אינגעבאָרגס שטיבן. די דאָזיקע שטיבן זענען פאַרשלאָסן געוואָרן אויף אייביק און די שליסלען ליגן אין אַ שאַפע פון אַלטע מלבושים.

אַ נייַ לעבן מוז אָנגעהויבן ווערן!

אָבער דאָס גרינע וואַזעלע האָב איך באַהאַלטן פאַר זיך. ס׳איז געשטאַנען אויפן פּאָרטעפּיאַן און כ׳האָב עס אָנגעקוקט, ווען נאָר כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען. ס׳האָט געהאַט די פאָרם און פאַרב פון אַ נישט-צייטיקער ציטרין, מיט געגילדטע רייפלעך ביים ראַנד. קערנדיק איז עס געווען, ווי רוי אייז.

די טעג זענען פאַרגאַנגען.

כ׳האָב געטראַכט, אפשר וועט באַלד ווידער אָנקומען אַ בריוו פון אינגעבאָרג. דיין בריוו און דעם מעדאַליאָן האָב איך דערהאַלטן, אַזוי וועט מסתמא שרייבן אינגעבאָרג. כ׳בין געזעסן ביי זיך אין צימער און געבלעטערט די טעקעס — אפשר וועט דער בריוו אָנקומען, אָדער איך בין געגאַנגען אין וואַלד אַריין און אַז כ׳וועל צוריקקומען — וועט שוין דער בריוו ליגן דאָ. מ׳קאָן נישט וויסן.

די טעג זענען פאַרגאַנגען. טריבע טעג. דער ווינט האָט געברומט און געוואָרפן שמוציקע בלעטער אַנטקעגן די שויבן, און זיי זענען געבליבן קלעפן. אַלע פאַרוועלקטע בלעטער פון די וועלדער האָבן זיך צוזאַמענגענומען אויף דער לאָנקע פאַרן פענסטער און אויפגעפירט טענץ. זיי האָבן געשאַפן אַ הויכן, ווירבלענדיקן זייל, וואָס האָט זיך טאַנצנדיק פאַרשאַרט אין וואַלד אַריין. דיביימער זענען געשטאַנען פוסט און פלוצלינג האָט מען פון די צווייגן אַרויסגעזען דעם טורעם פון דאָרף-קלויסטער. קיין בלומען האָט מען מער נישט געזען.

אַ גרויסע שוואַרצע קראָ האָט זיך געוויגט אויף דעם העכסטן צווייג פון בוקנבוים, דער בלויער רויך פון קליינע פיי־ערלעך האָט זיך געטראָגן פון דער זייט פון וואַלד.

שווערע וואָלקנס האָבן זיך געשלעפּט איבער די בערג, פאַרטשעפּעט זיך אָן די ביימער־צווייגן, און אַזוי געבליבן הענ־גען, און טיילמאָל האָט עס טאָג און נאַכט גערעגנט, ווי פון צעבערס אַז ס׳האָט געמיינט דער שלאָס וועט אַוועקשווימען.

אָפט איז די אַלטע מאַריאַ אַריינגעגאַנגען אין צימער אַריין. כ׳האָב געקוקט אויף אירע הענט. זיי האָבן געהאַלטן אַ טאַץ, אַ טעלער פאַר פּאַצאָן, אַ בונד שליסלען.

נאָר געדולד, געדולד. אינגעבאָרג איז שטאַרק פאַרנומען. זי האָט דאָך געשריבן: מיין טאָג איז אויסגעפילט מיט שטודירן געזאַנג. כ׳האָב אַ זייער טאַלענטפולן לערער, דעם קאָמפּאָזיטאָר האַלגער הונט, ער איז קאַרלס אַ באַקאַנטער. איצט שאַפט ער אַן אָפּערע, מערלין הייסט זי. ער איז זייער אַ שטרענגער. איך מוז אַ סך אַרבעטן.

אַמאָל אָבער וועט זי דאָך געפינען אַ שטיקל צייט.

די טעג מיינע האָב איך פאַרבראַכט אין ביבליאָטעק. כ׳האָב געהאַט אַ סך צו לערנען, אָן אַ צאָל וואונדער געפינט מען אין די ביכער.

וואָס איז מיט פּאַצאָן?

„פּאַצאָ, וואָס איז מיט דיר?"

פּאַצאָ ליגט אויף דער קאָלדרע פאַרן קאַמין און עפנט די אויגן. ער איז קראַנק, און אַ פאַרגליווערטער, גלעזערנער אויסדרוק ליגט אין זיין בליק. ער פרעסט כמעט גאָרנישט און איז זייער אויסגעמאָגערט געוואָרן. און איצט איז ער אַזוי שוואַך, אַז קוים וואָס ער באַוועגט מיט די אויערן און מיטן עק.

אַז כ׳האָב אים אָנגערירט, האָבן זיך אים די האָר אויפגע־

שטעלט אויפֿן רוקן און ער האָט גענומען וואָרטשען. קיינער האָט זיך נישט געטאָרט דערנענטערן צו אים, געפֿרעסן האָט ער נאָר פֿון מיין האַנט. איז אַ דינסט אַריינגעקומען אָנצולייגן האָלץ אין קאַמין, האָט ער צאָרנדיק גענומען בלאָזן מיט די נאָזלעכער און געוויזן די ציין.

אָט־דער צושטאַנד פֿון דעם באַשעפֿעניש האָט מיר פֿאַרשאַפֿט גרויסע דאגות. אָבער פֿון דער אַנדערער זייט האָט מיך דאָס צוזען דעם הונט צעשטרייט און איך האָב אים געפּלעגט, ווי אַ מאַמע פּלעגט איר קינד.

„עס וועט שוין גוט זיין, נאָר מוט, פּאַצאָ!" האָב איך געזאָגט און אַנידערגעזעצט זיך אויף דער פּאָדלאָגע לעבן אים. „נאָר מוט, ליבלינג מיינער!"

אָבער ס'איז נישט געוואָרן בעסער, קיין שום זאַך האָט נישט געוואָלט העלפֿן, און אין אַ שטורעמדיקער נאַכט האָט זיך פּאַצאָ פּלוצלינג אויפֿגעריסן און הויך גענומען בילן. דאָס איז געווען אַ הייזעריק, ווילד און הונגעריק בילעריי.

כ'בין געזעסן ביים שרייבטיש און געלייענט. כ'האָב געלייענט אין דער ביבל, די געשיכטע פֿון דער פּרעכטיקער אסתּר המלכּה. לעבן מיר איז געשטאַנען דער לייכטער און מיין שאָטן איז גרויס און פֿאַנטאַסטיש געפֿאַלן אויף דער וואַנט.

ס'קאָן זיין דאָס האָט דער שאָטן איבערגעשראָקן פּאַצאָן, אָדער דאָס קלאַפּן פֿון די צווייגן פֿאַרן פֿענסטער.

כ'האָב גענומען איינשטילן פּאַצאָן, רעדנדיק צו אים פֿריינטלעכע רייד.

אָבער פּאַצאָ האָט זיך ווידער צעבילט, שאַרף און פֿיינטלעך, און דאָס דאָזיקע קול איז געווען אַזוי פֿרעמד און אַזוי דערווידערדיק, אַז אַ קעלט האָט מיר גענומען לויפֿן דורך די ביינער.

„רויק, פּאַצאָ!" האָב איך אויסגערופן.

אַן אויסגעמאָגערטער איז פּאַצאָ געשטאַנען אויף זיינע הויכע, דינע פיס, די האָר זענען אויף אים שטייף געוואָרן. זיינע אויגן האָבן געפינקלט גרין און געל, ווי די אויגן פון קעץ, וואָס מ'טרעפט אין טונקעלע גאַסן. אַ גאַנגווער איז אים גערונען פון מויל און געטראָפט אויף דער פּאָדלאָגע אַראָפּ.

דאָס איז געווען...

ווי-נאָר כ'האָב מיך אַ ריר געטאָן, האָט דער הונט אַרויפגעצויגן די נאָז אין דר'הייך, אַזוי אַז דער גומען האָט אַ בלאַנק געטאָן. ער האָט געסיקעט, ווי אַ קאַץ.

פּאַצאָ איז משוגע געוואָרן! האָב איך געטראַכט און אַ וויטאָק איז מיך באַפאַלן. אַזוי פּלוצלינג איז דאָס געשען! מיט מי האָב איך מיך איינגעהאַלטן נישט אַנידערצוּוואַרפן זיך פאַרן הונט און אים נישט אַרומצונעמען.

פּלוצלינג האָט פּאַצאָ מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און אויגן שטעכיקע, ווי בריליאַנטן, גענומען זיך דערנענטערן צו מיר. עס מוז געשען.

כ'האָב גענומען דאָס בוך פון שרייבטיש און מיטן גאַנצן כח עס אַ שליידער געטאָן פּאַצאָן אין קאָפּ אַריין. פּאַצאָ איז צוריקגעשפּרונגען און געוואָיעט, אַז ס'האָט אַזש אָפּגעהילכט.

דעמאָלט האָב איך עס געטאָן. כ'האָב אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון שופלאָד.

„קום, פּאַצאָ, מיין ליבלינג!" האָב איך געזאָגט און געצילט אין פּאַצאָס שטערן. טרערן האָבן מיר פאַרטונקלט דעם בליק.

כ'האָב אויסגעשאָסן, פּאַצאָ איז אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט, אַ וואַקל געטאָן זיך און אומגעפאַלן. ער האָט געקריגן נאָך אַ קויל דורכן אויער. אַ ציטער געטאָן, אויסגעשפּרייט די פיס און פאַרוואָרפן אויף אונטן דעם קאָפּ. ער איז געווען טויט, זיינע אויגן

האָבן גלעזערדיק געגלאָצט אויף דעם פראַנד פון אַ שטול, וואָס האָט זיך געבומבלט. —

דאָס זענען געווען די אויגן, וועלכע האָבן די לעצטע געזען איינגעבאָרג...

עפּעס אַ קול האָט געשריגן און געליאַרעמט אין הויז. אַ געלויף דורך די קאָרידאָרן. דערנאָך זענען עטלעכע האַלב־אָנגעטאָנענע מוידן אַריינגעקומען צולויפן אין צימער, נישט־אָנקלאַפּנדיק. זיי האָבן מיך אָנגעקוקט, ווי פאַרשטיינערט.

„טראָגט אים אַרויס", האָב איך געזאָגט, „באַגראָבט אים".

זיי האָבן גענומען פּאַצאָס קערפּער און אַרויסגעשלעפּט אים פון צימער. זיין קאָפּ איז נאָכגעהאָנגען פון אונטן און ער האָט געגלאָצט אויף מיר, ביז ער איז פאַרשוואונדן אין טיר. —

אַזאַ שיין און געטריי באַשעפעניש, אַזוי קלוג, ליבנסווירדיק, געהאָרכזאַם. ער האָט געהאַט אַזעלכע קלאָרע, פאַרגינענדיקע אויגן, זיין פעל איז געווען אַזוי ווייס און ווייך. און די שפּרונגען, וואָס ער האָט געקאָנט מאַכן! ער האָט געשוועבט אין דער לופט, געפלויגן, ער האָט געקאָנט פליען אַזוי, אַז זיינע אויערן האָבן געפלאַטערט ווי ווייסע פענדלעך. אויף דער לינקער זייט האָט ער געהאַט אַ פּאָר שוואַרצע פלעקן — ווי עמיצער וואָלט אַ טינטער אויף אים געוואָרפן, פלעגט זאָגן איינגעבאָרג. ער איז געווען אַזוי דאַנקבאַר, ביי איין וואָרט האָבן אים די אויגן אויפגעלויכטן, ביי צוויי ווערטער האָט ער שוין געטאַנצט און ביי דריי ווערטער האָט ער זיך שוין געלייגט יענעם צו די פיס און געקלאַפּט מיטן עק. — — —

איצט בין איך שוין געווען אַליין. טאָג נאָך טאָג, נאַכט נאָך נאַכט.

דאָס לעבן איז נישט לייכט געווען צום איבערטראָגן.

כ'האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אין געשמייכלט: ס'איז אַ ווינטער!

כ׳האָב אַ סך געטראַכט וועגן הערמאַן עקע, דעם בעל־הבית פון קאָזשקע־טייך, וואָס האָט פאַרלאָזן חוהן.

אפשר האָט הערמאַן עקע אויך געהאַט אַ הונט, וואָס איז משוגע געוואָרן? איצט האָב איך הערמאַן עקע זייער גוט גע־קענט. יאָ, כ׳האָב אים געזען פאַר זיך.

אַזוי, אַזוי, יאָ, אַזוי זעט ער אויס! — אַז וועסט טרעפן אַ מענטשן, דאָס פּנים טויט־בלייך, די אויגן־הייטלעך — פאַרצויגן אין דער הייך, גרויסע, פאַרחידושטע אויגן אָן אַ בליק, מיט אַ ווײַ־טאָקדיקן שמייכל אויף די ליפּן: דאָס איז ער!

אָט איז זיין געשיכטע. כ׳האָב זי אָנגעשריבן, ווייל די יסורים האָבן מיך געדריקט.

אַ מאַן וואַנדערט איבער זיין הויז און דמיונט. דאָס איז הערמאַן עקע. וואָס דמיונט ער דאָך? ס׳איז קאַלט ביי אים אין הויז, ער קאָן אַריינשטעקן זיינע הענט אין פייער, און ס׳זאָל אים נישט וואַרעמען. שטיל איז. די נעכט ברענגען אין הויז אַריין שרעק און פינסטערניש, ווי אַ שוואַרצע טרונע, נאָך וועלכער דער ווינט גייט נאָך און יאָמערט.

נאַכט איז, הערמאַן עקע טראָגט אַ ליכט אין דער האַנט און וואַנדערט. אַהין און אַהער וואַנדערט ער און זוכט. וואָס אַזוינס זוכט ער דאָך?

חוה איז דאָ נישטאָ, ניין.

אַ מוק ברומט אין צימער. הערמאַן עקע שמייכלט. אַ מוק, זאָגט ער, און פאָרשט נאָך מיטן אויג דעם קליינעם מוק. ער גייט פאַרביי אַ שפּיגל — פאַרמאַכט ער די אויגן, ער וויל נישט זען זיין פּנים.

אַ ליכט טראָגט ער אין האַנט, דער פלאַם פלאַקערט און קלאַנגען אַנטשטייען פון פלאַם. ער דערשרעקט זיך, דרייט ער זיך אויס, אַ שאָטן קנאָרעט זיך הינטערן שרייבטיש. ער גייט

ווייטער, אָבער ער פּילט, ווי דער שאָטן נעמט זיך אַרויסשאַרן פון באַהעלטעניש. ער זעט, ווי ער צעשפּרייט זיך איבער דער וואַנט, איבערן באַלקן, און אַ לאַנגער, טונקעלער האַנט כאַפּט אים אָן פאַר די האָר און בלייבט הענגען איבער אים, ווי אַ אויף-קויל-פאַרברענטער אָרעם.

דעמאָלט גיט ער אַ געשריי.

וואָס איז, בעל-הבית?

גאָרנישט, אַ דאַנק.

אָ!

הערמאַן עקע שטייט ביים פענסטער און קוקט אַרויס אויפן וועג באַרג-אַראָפּ. קלינגען נישט אַמאָל קיין שליטן-גלעקלעך אין דער ווינטער-שטילקייט? אַ וואָגן יאָגט פאַרביי. וואוהין? צום שכן דאָ.

גייט נישט אַמאָל אַ שליח? ער וואַקלט זיך פאַר אויפרעגונג און פלאַטערט מיט אַ טיכל אין האַנט. ניין, אַ שכורער גאָר, וואָס טראָגט אַ ווייס קלומפּקל. אפשר גייט ער פון אַ חתונה.

אויב נישט היינט, איז מאָרגן.

אומעטום קאָן מען אים זען — הערמאַן עקע. אין וואַלד, אין פעלד, אין דאָרף. אָבער ער שמייכלט נישט מער, ער איז בלייך, און פאַרחידושט קוקן זיינע גרויסע אויגן. ער גייט אַזוי, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אויף דער ערד.

הערמאַן עקע גייט צו די קנעכט און דינסטמוידן אין צימער פאַר די קנעכט, ער וויל מיט זיי פאַררעדנגען. ער רעדט און זיי ענטפערן. וואָס אַמאָל רעדט ער מער, וואָס אַמאָל ווייניקער ענטפערן זיי. ער זיצט און רעדט, רעדט. אַלע קוקן אויף אים. ער גייט אַוועק.

ס'איז טונקל, אַ טונקעלער, פייכטער אָוונט, אָן אַ לבנה, אָן שטערן, פייכט, שוואַרץ, אַ נאַסער שניי יאָגט איבערן

וועג. הערמאַן עקע גייט אין דאָרף אַריין און טרעט-אָפּ אין שענק.

יונגוואַרג איז דאָרט צונויפגעזאַמלט. קנעכט און דינסט-מוידן. די מוידן לייגן די קעפּ צו די יינגען אויף די אַקסלען, אָדער זיצן ביי זיי אויף די קני.

איין פּאַראָבעק אין די בלויזע אַרבל, דער קאַפּעלוש אויפן נאַקן, שפּילט אויף אַ ציטרע.

גוטנ׳אָוונט, מיינע לייט, זאָגט הערמאַן עקע.

גוטנ׳אָוונט.

די ציטרע קלינגט און דער פּאַראָבעק זינגט. ער זינגט וועגן אַן אָקס און אַ פּאַרביקער קו. און אַ מויד איז דערביי גע-שטאַנען און צוגעלאַכט דערצו.

אַזוי זינגט ער, און די מוידן לאַכן, און די פּאַראָבקעס כאַפּן זיי אַרום פאַר די היפּטן.

פאַראַן דאָרט אַ קליין יינגל, אַ שניידער, וואָס צעעפנט ברייט דאָס מויל. ער זאָגט, אַז ער האָט נישט קיין ביינער. ער האָט נישט קיין ביינער, מ׳קאָן אים קאַטעווען, ער שפּירט נישט קיין ווייטאָק. צוויי חברה-לייט טוען אים אַ נעם פאַר די הענט און פיס, שאָקלען אים אַהין און צוריק און טוען אים אַ שליידער צו דער טיר, אַז זי צעברעכט זיך אַזש. ער שטייט אויף. ער האָט גאָרנישט געשפּירט, ער האָט נישט קיין ביינער.

די קנעכט לאַכן, אַז עס הילכט אָפּ, און די מוידן פּלוידערן קוויטשעדיק.

הערמאַן עקע שמייכלט. ער באַצאָלט און גייט אַוועק. גאָטס פרידן זאָל זיין מיט אייך, מיינע גוטע לייט, זאָגט ער.

עטלעכע צעקיכערן זיך און איינער זאָגט: אמן!

אַז זיי וועלן אַלט ווערן, וועלן זיי וויסן, וואָס עס באַדייט, ווען איינער זאָגט: גאָטס פרידן זאָל זיין מיט אייך, מיינע גוטע לייט.

הערמאַן עקע וואַנדערט דורך די צעבויגענע, טונקעלע דאָרף-געסלעך. אַהין, וואו אַ פענסטער איז ליכטיק, שליכט ער זיך צו. ווי אַ גנב שאַרט ער זיך אַרום די פויערישע הויפן און קוקט אַריין פאָרזיכטיק אין די באַלויכטענע פענסטער. אַ פויערטע קנעט טייג און וועלגערט עס אויס מיט אַ וועלגערהאָלץ, אַ פויער שטייט ביים בעט און טוט זיך אויס פאַמעלעך. אַ יונגע מאַמע באָדט איר קינד, און דאָס קליינס וואַרפט אַזוי מיט די פיסלעך, אַז די שויבן ווערן פאַרשפריצט מיט וואַסער. אַהער און אַהין שליכט זיך דער גנב און פאַרן באַלויכטענעם פענסטער בלייבט ער שטיין. דאָ זיצט אַ ייִנגל און לערנט. ער מאַכט מיט די ליפּן און הערמאַן עקע הערט, ווי ער לערנט. דעמאָלט פאַרשטייט ער דעם ייִנגלס ווערטער. קדוש, קדוש, קדוש אדני צבאות, מלא כל הארץ כבודו — הייליק, הייליק, הייליק איז גאָט דער אַלמעכטיקער און די גאַנצע ערד איז פול מיט זיין ערע. הייליק, הייליק — מאַמע! רופט ער פּלוצלינג אויס אויפן קול, עמיצער שטייט ביים פענסטער.

דער גנב ווערט נעלם אין דער פינסטערער גאַס.

הינטער אַ פּלויט — אַ שעפּטעריי. דער גנב שטייט הינטער אַ שטויס האָלץ און הערט זיך צו, וואָס די ביידע שעפּטשען זיך דאָרטן. ס'איז טונקל, אָבער ער זעט זייערע פּנימער און זייערע הענט. דאָס ייִנגל שאַרט מיט די הענט איבערן מיידלס סטאַניק, עפּעס טוט אַ בלאַנק אַפּער פון סטאַניק אַרויס. פּלוצלינג—אַ צווייגל קנאַקט—

הם, זאָגט דאָס ייִנגל, לאָזט אַראָפּ די הענט און גייט צו בענטער.

דער גנב אַנטלויפט אין וואַלד אַריין, אָן אָטעם.

הערמאַן עקע.

הערמאַן עקע באַלאָנקעט זיך אַרום אַהין און אַהער. ער קניט־אַנידער אין טונקעלן וואַלד און זאָגט:

איך קני דאָ. איך קני דאָ אַן איינזאַמער אין וואַלד.

טרערן לויפן אים איבער די באַקן.

איך קני דאָ, אַן איינזאַמער —

הערמאַן עקע.

הערמאַן עקע, ברודער מיינער, פייניק זיך נישט!

הערמאַן עקע אָטעמט שווער און גראָבט מיט די נעגל אין זיין ברוסט. ער שרייט: אייביקע שלוה פאַר אַלע מענטשן און מיר — איין רויקע שעה!

ווילסטו נישט נעמען קיין סם — סם — ?

הערמאַן עקע, גוטער ברודער מיינער, פאַרצווייפל נישט!

אַ פויגל צוויטשערט אַראָפּ פון הערמאַן עקעס פענסטער און הערמאַן עקע שמייכלט. ער טראַכט וועגן אַלטע זאַכן. דער פויגל איז אַוועקגעפלויגן, מ׳הערט שוין גאָרנישט מער.

חוה איז געווען אַזאַ פויגל, טראַכט הערמאַן עקע. אַז אַ פויגל זינגט ביי דיר פאַרן פענסטער, קאָנסטו זיך צוהערן און פרייען זיך און דאַנקען דעם קליינעם פויגל. אָבער פאַרהאַלטן אים קאָנסטו נישט, נישט מיט ווערטער און נישט מיט געבעט און נישט מיט זיסן קוכן — ער פליט אַוועק און זינגט פאַר אַן אַנדער פענסטער.

הערמאַן עקע קאָן נישט געפינען מער קיין גליק — ס׳איז פאַרביי.

איר מענטשן, איר מענטשן, איך פרעג אייך, וואָס ווייסט

איר? איר האָט ווייב און קינד און קאָנט זיי קושן. איך האָב גאָרנישט מער, ווי ליידיקע שטובן. דאָס גליק אייערס האָט איר אויך נישט איבערגעלעבט מיט חוהן! וואָס ווייסט איר אַלזאָ?

גאָרנישט ווייסט איר!

הערמאַן עקע, גוטער, גוטער ברודער מיינער...

אָז ער איז נישט אויף אייביק פאַרבליבן אַזוי פאַריאָמערט און טרויעריק, דאָס ווייסטו. און ווי אַזוי ער איז געשטאָרבן, דאָס ווייסטו אויך.

ער איז געשטאָרבן מיט אַ שלוהדיקן טויט.

הערמאַן עקע.

## 34

ווען דער שניי האָט אָנגעהויבן פאַלן, איז געקומען צו מיר אַן אומגליקלעכער מענטש און געוויינט פאַר מיר.

דאָס איז געווען די שטיפערישע איזאַבעלאַ מיט די פלאַמיק-ווייטע האָר און גוטהאַרציקע אויגן.

זי האָט געוויינט, געקנייטשט אין האַנט דאָס נאָז-טיכל און באַגאָסן עס מיט טרערן.

„אין שפּאַס האָב איך געזאָגט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט מיר אויס פאַרצווייפלונג, ס׳איז שוין נישט מער קיין שפּאַס. אָ, ווי אומגליקלעך איך בין! כ׳האָב אַ משוגענעם פאַר אַ מאַן. ביינאַכט רעדט ער פון שלאָף, ראַנגלט זיך מיט עפּעס אַ פרוי, רופט זי ליגנערין און וויינט און זאָגט: ליבסטע, שענסטע! ניין, האַררי איז פאַרלוירן, איך זע דאָס. איך בין אַ סוראָגאַט, מער גאָרנישט. טו נאָר אַ טראַכט, אַ סוראָגאַט!"

זי האָט געוויינט און געוויינט.

„האַררי איז פאַרלוירן. שוין יאָרן-לאַנג ווי ער איז משוגע. ווען ער לאַכט איז ער שיכור. צוואַנציק גלעזלעך קאָניאַק טרינקט ער אויס אַ טאָג! פידל קען ער מער נישט שפּילן, מ׳וואָלט אים אויסגעלאַכט. ער איז אָבער געווען אַ וואונדער-קינד! זיינע קאָמפּאָזיציעס זענען גאָרנישט ווערט. נאָר מאַנכעס מאָל שפּילט

ער גוט, דעמאָלט שפּילט ער אין די אָוונטן און איך זיץ און הער זיך צו. ער קוקט מיך אָן. איך שפּיל נישט פאַר דיר, זאָגן זיינע אויגן. איינמאָל האָט ער עס אויך אַרויסגעזאָגט — ער האָט נישט געוואָלט, אָבער ער האָט עס אַרויסגעזאָגט —"

זי האָט געוויינט און געוויינט. כ'האָב זי נישט איינגעשטילט.

„אַך, אַ פּאָר וואָכן איז געווען גוט — וואונדערלעך-גוט! ער האָט געזאָגט, אַז איך האָב אים געראַטעוועט. אָבער איצט — גאַנצע טעג איז ער נישטאָ, פאָרט אַרום מיטן אויטאָמאָביל. טו נאָר אַ טראַכט, ער, אַזאַ נערוועזער, וואָס האָט איבער קיין וואַסער-בריקל נישט געקאָנט אַדורכגיין, יאָגט זיך איצט אַרום ביינאַכט אין שניי. וואוהין? איך ווייס נישט. דערנאָך קומט ער צוריק, לאַכט צו זיך אַליין — די אויגן זיינע גלאַנצן. דאָס, דאָס טאַקע קאָן איך נישט צוקוקן, אָט דאָס געלעכטערל, דעם גלאַנץ — אָ!"

זי האָט געוויינט און געוויינט.

„ער איז אַזאַ גוטער מענטש. אַזאַ פון האַרצן גוטער יינג— האָט ער אַזוי געמוזט ווערן. כ'האָב אים געזען מיט יאָרן צוריק, ער האָט געשפּילט, אַך, דאָס איז געווען יוגנט, פלינקער שכל, גלאַנץ, אויפגעשטראַלטקייט — און איצט — —"

כ'האָב זי געפרעגט: „פאַרוואָס גייסטו נישט אַוועק פון אים?"

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר. „וואָס הייסט? איך האָב דאָך אים ליב!"

האָב איך ווידער געזאָגט: „אויב אַזוי טאָ זיי צו אים גוט וויפיל דו קענסט נאָר. מונטער אים אויף, פאָר מיט מיט אים, פאָר וואוהין ער וויל נאָר —"

„יאָ, אָבער, אַקסעל, וואָס וועל איך קריגן פאַר דער גאַנ- צער ליבשאַפט, איך?"

„ווּעסט קאָנען זיין לעבן אים", האָב איך געענטפערט.

זי האָט מיך אָנגעקוקט. זי האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען.

„אַ תּל וועט ווערן פון מיר!" האָט זי געוויינט. — — —

אַ גרויסער כּישופֿמאַכער האָט געשריבן אַ בוך, אַזוי זיס און אַזוי שיין, אַז ווער עס לייענט דאָס מוז שטאַרבן. אַלע לייענען דאָס, כאָטש זיי ווייסן, אַז דערנאָך וועלן זיי מוזן שטאַרבן.

## 35

ס׳איז מיר נישט בעסער געוואָרן, ניין.

טיילמאָל האָב איך געטראַכט, אַז ס׳ווערט מיר בעסער, אָבער כ׳האָב מיך טועה געווען. כ׳האָב אַ סך געאַרבעט. יאָ, איך קאָן זאָגן, קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך נאָך אַזויפיל נישט געלייענט און שטודירט, ווי אין דעם ווינטער. כ׳האָב שטודירט ווייטע לענדער, געלערנט זייערע שפּראַכן, וואָרים ס׳האָט געקאָנט געשען, אַז באַלד זאָל איך דאַרפן פאָרן אַהינצו, וואו קיין באַן דערגייט נישט. כ׳האָב נישט קיין שום ספּעציעלע באַשעפטיקונג, קיין שום באַזונדערע פעיקייטן און טאַלענטן, נישט קיין חשק און נישט קיין צייט האָב איך דערצו. כ׳שטאַם פון אַן אַלטן יחוס, דעגענערירט, כ׳געהער צו יענער שיכט לוקסוס-מענטשן, וואָס שטאַרבן-אויס איינציקווייז. איך ווינטש מיר דאָס נישט; אָבער באַלד וועט מען זיך נעמען גרינוואַרג פאַרפלאַנצן און רינד-פי האָדעווען, דער מענטש ווערט פּראַקטיש.

יאָ, כ׳האָב אַ סך געאַרבעט.

כ׳האָב געאַרבעט כדי זיך צו פאַרגעסן. געגאַנגען אויף געיעג, מידערהייט אַרומגעשלעפּט זיך, איך בין רויק געוואָרן. אָבער פּלוצלינג איז אינגעבאָרג אויפגעשטאַנען פאַר מיר, אַזוי פּרעכטיק, אַזוי וואונדערלעך — דעמאָלט איז שוין די רו געווען

פאַרביי, דער ווייטאָק האָט מיך געמאַטערט און כ׳האָב געוואוסט, אַז איך ליג נאָך אַלץ אויפן אָפּגרונט און וועל שוין קיינמאָל מער נישט האָבן קיין מנוחה אינערלעך.

אַ סך בריוו האָב איך געשריבן צו אינגעבאָרג, כ׳האָב זיי נישט אַוועקגעשיקט, נאָר כדי רויק צו ווערן האָב איך זיי געשריבן.

איינעם האָב איך געשריבן, איז דאָרט אַזוי געשטאַנען:

אינגעבאָרג, אַ פינסטערער געדאַנק לעבט אין מיר, מיט וועלכן איך מוז מיך תּמיד ראַנגלען. ער לאָקט מיך, ער פאַר־פירט מיך מיט צוזאָגענישן — ער ווינקט צו מיר און רופט — איך ראַנגל מיך מיט אים, ס׳איז שווער, ס׳איז אַ פאַרצווייפלטער קאַמף!

העלף מיר! וואָס אַ טאָג קריגט דער געדאַנק אַלץ מער כּח. ער לאָקט מיך שוין נישט מער, ער שפּאָט־אָפּ, לאַכט־אויס און מאַכט חוזק. ער טריומפירט געהיימערהייט.

און איינעם האָב איך געשריבן, איז דאָרט געשטאַנען:

קום, אינגעבאָרג, אינגעבאָרג! איך צעשפּרייט די אָרעמס! קום! דאָ איז דיין היים!

קום, קום, אַ טויער פון רויזן וועל איך דיר אויסבויען, יעדער בוים אין וואַלד וועט מיט אַ ליכטיקער פאָן באַצירט זיין, טויזנט ליכט וועל איך דיר אין יעדן זאַל אָנצינדן, כ׳וועל אַני־דערקניען און דיינע פיס נאָס מאַכן מיט טרערן און מיט קושן אויסטריקענען. אינגעבאָרג, וועל איך זאָגן, ביסטו דאָ? געבענטשט זיי, איך בין דיינער!

קום, קום, אינגעבאָרג, כ׳בין אויסגעשעפּט, מער קען איך נישט, כ׳בעט ביי דיר איין וואָרט, איין איינציק וואָרט.

מיט טרערן אין די אויגן האָב איך געשריבן דעמדאָזיקן בריוו.

דערנאָך האָב איך ווידער געשריבן איינעם, איך בין געווען דערשלאָגן, בלייך: אינגעבאָרג, נישט פון ליבשאַפט רעד איך היינט צו דיר.

ניין, איך וויל זיך מתודה זיין פאַר דיר, אינגעבאָרג, מתודה זיין זיך! פאַרברעכערישע פאַרלאַנגען האָב איך, אינגעבאָרג, פאַרברעכערישע געדאַנקען. מיט מיין האַנט וואָלט איך געוואָלט דיך אַרומנעמעןביים גאַרטל און פּרעסן צו זיך. נאָך איין מאָל! איך וואָלט געוואָלט קוקן אויף דיינע האָר, גלעטן מיט מיינע פינגער איבער דיינע שיינע, געטלעכע האָר. כ׳וואָלט דיך אויך געוואָלט קושן אין די ליפּן, נאָר איין מאָל נאָך — איין מאָל נאָך! יאָ, כאַ-כאַ — אַזוי בין איך איצט! אינגעבאָרג, איין מאָל נאָך — וואָלט איך געוואָלט מיינע ליפּן צופּרעסן צו דיין ברוסט — איין מאָל נאָך וואָלט איך אַ שעה אין מיטן נאַכט געוואָלט ביי דיר זיין —

עס איז אויך אויסגעוואַקסן אין מיר אַ בייזער געדאַנק, אַ ווילד געוויקס, איך בין נישט שולדיק, פון אַ בייזער האַנט פאַרזייט. איך טראַכט: טאָמער האָסטו שלעכט געהאַנדלט בנוגע מיר?

דאָ האָט מיין האַרץ גענומען קלאַפּן און ס׳האָט געקלאַפּט אַזוי מוראדיק, עטלעכע מינוט נאָכאַנאַנד, אַז כ׳בין שוין גענוג באַשטראָפט געוואָרן. פאַרגיב מיר!

כ׳האָב דיך ליב. כ׳קוש אָפּט מיינע קישנס, דאָס אָרט — — —

דערנאָך האָב איך אָנגעשריבן איינעם, דעם האָב איך געשריבן אין אויפרעגונג: אָ, איר פריינט, איר! ווען איר זאָלט

דאָס וויסן! איך פיל יעדן קוש, איך פיל יעדן האַנט-דרוק, יעדן בליק. ווי אַ גליענדיקער טראָפּן פאַלט ער אויף מיין האַרצן. איך פיל אַלץ, אַלץ, וואָס מאַטערט איר מיך נאָך! איר פייניקט מיך צום טויט, צום טויט, צום טויט!!

כ'האָב געאַרבעט און געאַרבעט, נישט געקוקט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס, דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין די הענט. מאַנכע שורות האָב איך געלייענט צוואַנציק מאָל. כ'האָב זיך געצוואונגען דערצו.

## 36

אין וואַלד איז געווען די נאַכט, בלויז דער שניי האָט זיך אָנגעזען. לעבן מיר זענען געגאַנגען טריט. דאָס איז געווען אין דער נאָנט פון מיין הויז. אַ שטים איז געגאַנגען לעבן מיר. זי האָט געפליסטערט. כ׳האָב זי נישט געוואָלט הערן. זי האָט געפליסטערט: „כ׳האָב זי געזען, זי טראָגט אַ ברייטן פוטערנעם קאָלנער פון גרויער פאַרב. זי זעט אויס אַזוי שיין און אייגנאַרטיק, אַז אַלע מענטשן קוקן איר נאָך. איינער איז געגאַנגען לעבן איר, אַ הויכער מענטש, ער האָט געמאַכט גרויסע שריט. מיט רויטע האָר".

דער אָטעם שטיקט מיך, דאָס האַרץ שלאָגט. איך האָב מיך איינגעהערכט, אָבער דאָך נישט געוואָלט זיך צוהערן. די שטים האָט געלאָקט.

„כ׳האָב זי אָפט געזען, אָפט. כ׳האָב זי אויך געזען מיט האָלגער הונט, דעם קאָמפּאָזיטאָר. זי באַוואונדערט אים, כ׳האָב דאָס דערקענט אָן אַ בליק. כאַ-כאַ — איך באַטראַכט זי, פאָר מיר גאַנץ לאַנגזאַם, טראָג ברילן, אַ קאַפּטור, קיינער זעט מיך נישט. אַ גרויסאַרטיקע המצאה, דער אויטאָמאָביל". כ׳האָב מיך אַוועקגעדרייט אָן אַ זייט. די שטים איז געגאַנגען לעבן מיר. כ׳האָב געזען איר האַנט, זי האָט אויסגעטאָן אַ הענטשקע, כדי אַרויסצו-

בעמען געלט פון טאַש. איר האַנט איז געווען ווייס ווי שניי. איר האַלז — אַנטבלויזט, אויך אום ווינטער. כ׳האָב איר אַריינגעקוקט אין די אויגן — הימלען! די אויגן, די אויגן! — זי האָט גע־מוזט וואַרטן, ביז מיין אויטאָ וועט אַריבערפאָרן די גאַס — כאַ־כאַ, כ׳האָב דאָס אייך שוין לאַנג געוואָלט דערציילן. כ׳בין כסדר אַרומגעלאָפן אַרום אייער הויז, אָבער אייך נישט געטראָפן. כ׳בין גערן דאָ אַרומגעגאַנגען, יאָ, ס׳איז אַזוי אינטערעסאַנט פאָרצושטעלן זיך — געוויס — מ׳קאָן זי נישט פאַרגעסן, ניין. זי פאַרגעסט לייכטער, האַ! זי לעבט פון טאָג אויף טאָג. איז עס אַזוי? זי איז ליבנסווירדיק ווי אַ קינד און גרויזאַם ווי אַ קינד — זי געגאַרט — קיין בלום קאָן זי נישט צעטרעטן, אָבער אַ מענטשן פאַרפייניקן אויף טויט —״

איך בין אַנטלאָפן טיף אין וואַלד אַריין.

כ׳האָב געשיקט אַ שליח אין רויטן־בוק מיט אַ בריוו, דאָרט איז געשטאַנען: איך גיי שוין בלויז אַרום מיט געלאָדנט געווער אין וואַלד!

האַררי אוזעדאָם האָט מיר צוריקגעשיקט אַן ענטפער: פאַר־געבונג, פאַרגעבונג, איך האָב דאָך דאָס נישט געוואָלט.

כ׳האָב אים פיינט געהאַט. אָבער כ׳האָב נישט פאַרגעסן, ווי כישופדיק זיין פידל האָט אַמאָל געקלונגען, ווען ער האָט אויסגעשפילט דאָס ווייַנענדיקע גליק זיינס. —

עטלעכע וואָכן שפּעטער בין איך געוואוירן־געוואָרן, אַז האַררי אוזעדאָם האָט געמאַכט אַ פּרווו צו באַגיין זעלבסט־מאָרד. ער האָט זיך געוואָרפן פון פענסטער, שווער זיך פאַר־וואונדעט, אָבער אָן אַ געפאַר פאַרן לעבן.

כ׳האָב זיך דערשראָקן......

ס׳איז מיר געווען, ווי עפּעס וואָלט איינגעפאַלן איבער מיר, וואָס אַמאָל מער, וואָס אַמאָל געדיכטער, כ׳האָב מיך אַקעגנגעשטעלט, אָבער ס׳האָט מיך געבראָכן, וואָס אַמאָל דורכדרינגלעכער איז עס געוואָרן.

אין נאַכט און גרויל ווערט איינער פאַרזונקען, איינער, איך ווייס עס.

## 37

ס'איז פֿאַרגאַנגען אין דער טיפֿעניש. אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן — —

אינגעבאָרג איז צוריקגעקומען. איז דאָס מעגלעך?

כ'בין געזעסן אין צימער און נישט געהערט נישט ווי דער וואָגן איז פֿאַרפֿאָרן, און נישט קיין טריט. פּלוצלינג האָט זיך די טיר געעפֿנט און אינגעבאָרג איז שטיין-געבליבן אויף דער שוועל.

זי איז געווען איינגעהילט אין אַ דיקן רייזע-מאַנטל און איר פּנים איז כּמעט אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן געווען אין פֿוטער-קאָלנער. דאָס פּנים איז רויט געווען פֿון פֿראָסט, אַ קליין, גע-פֿרוירן, שמייכלענדיק קינדער-פּנים.

„כאַ-כאַ-כאַ!" האָט אינגעבאָרג געלאַכט. „קענסט מיך שוין נישט מער?" כ'האָב גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. כ'בין אויפֿגעשטאַנען און געשמייכלט. כ'האָב געמאַכט מיט די ליפּן, אָבער גאָרנישט געקאָנט אַרויסרעדן.

און אינגעבאָרג האָט ווידער געלאַכט און געזאָגט, אַז זי קומט איצט צו מיר צו-גאַסט, אַזוי ווי זי האָט צוגעזאָגט. אויף צוויי חדשים צייט.

„כאַ-כאַ-כאַ, יאָ, זײַ געגריסט, אַקסעל!"

איך דערלאַנג איר די האַנט, כ'קאָן נאָכנישט צוזאַמענגעמען דעם געדאַנק. אויפן פוטער און אויף אינגעבאָרגס גאָלדענע לאָקן צעשמעלצן זיך קליינע שניי־שטערנדלעך. אינגעבאָרגס קול איז געוואָרן שטאַרקער און הילכיקער.

„זיי געגריסט, אינגעבאָרג".

„יאָ, יאָ, — אַקסעל, אַקסעל! וואָס, דו קושסט מיך נישט אַפילו?

גיב מיר דאָך אַ קוש! גאַנצע וואָכן לאַנג האָב איך מיך געפרייט אויפן געדאַנק וועגן דאָזיקן קוש".

דאָס האַרץ בלייבט מיר שטיין. איך האָב געקושט אינגעבאָרג אויף די ליפּן און פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין —

פּלוצלינג האָב איך מיך אויפגעכאַפּט.

איך בין געלעגן אין צימער אויף דער אָטאָמאַנע. בין־השמשות־שעה. אויף די פייכטע שוואַרצע קאַשטאַן־צווייגן איז געלעגן שניי, אַ שפּערלינג האָט זיך געוויגט אויף אַ צווייגל און שניי האָט זיך דערפון געשאָטן.

„כ'וועל שוין נישט געפינען קיין מנוחה!" האָב איך געפּליסטערט.

כ'בין טויט־מיד געווען. עטלעכע טעג און נעכט בין איך שוין נישט געשלאָפן. אַזאַ מרה־שחורהדיקע אַרבעט איז געגאַנגען אין מיר. ביי טאָג האָב איך מיך געקאָנט פאַרטויבן, כל זמן כ'בין וואַך געווען, אָבער אין חלום האָב איך מיר שוין נישט געקאָנט קיין עצה געבן. כ'האָב גערעדט מיט זיך אַליין. „אַפילו אין שלאָף געפין איך שוין נישט מער קיין מנוחה—קיין אַנדער זאַך בלייבט מיר נישט איבער. ניין, אַ פירשט טוט עס נישט, אַ באַנקיר קאָן עס טאָן — אַ פירשט נישט. אָך, דאָס זענען אומגעלומפּערטע רעדערייען. איצט האָט דער פינסטערער געדאַנק שוין אינגאַנצן מנצח געווען!"

כ׳שטיי אויף, גישטער עפּעס אין שופלאָד פון שרייבטיש און פאַרלאָז דאָס הויז. בלויער ווינטער־בין־השמשות אַרום און אַרום. אַלץ שלאָפט: ביימער, חיות, נאָר איך קאָן נישט שלאָפן. באַלד וועל איך שוין אויך קאָנען. דער שניי לייכט זיך בלוי, כּמעט ווי שטאָל. די קעלט פון אָוונט האָט אים באַצויגן מיט אַ דינער שיכט פון אייז, וואָס קראַכט אונטער די טריט. איך גיי פאַרביי די סטאַטוע, אַ בערן־פוטער פון אייז איז איר פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען, ווי זי וואָלט געגאַנגען אין טעאַטער. פּסט! האָט זי נישט אַ רוף געטאָן: פּסט!? אין קיילעכדיקן ברונעם שפּרודלט שוואַרצע טינט, וואָס פינקלט קאַלט ווי אייז. דער ברונעם איז באַדעקט מיט דיקן אייז, ווי מיט אַ צרעת.

איך אייל דורכן פּאַרק, צו דער הייל, וואו דער אייביקער טראָפּן פאַלט. פון אונטער די שטאַמען שטייגט קופּערדיק־רויט אַנטער די לבנה, איינגעהילט אין נעפּלען. דער שניי איז אָנגעזאַפּט מיט שמוציק בלוט.

אין דער הייל איז שטיל. דער טראָפּן שווייגט, דער באַסיין איז געפרוירן. אַ טויטע זשאַבע זעט מען אין אייז, וואָס ווייזט דעם געלן בויך. די הייל איז פאַרצויגן מיט אייז און אַ זייל פון אייז, ענלעך צו אַ גרויסער צעשמאָלצענער ליכט, הענגט אַראָפּ פון פעלז צום באַסיין.

כ׳זעץ מיך אַריין אין שניי. איך ריר אָן אַ צווייג און שניי נעמט זיך שיטן אויף מיר און פאַלט מיר אויפן קאַרק, אַזוי אַז איך שוידער אויף. כ׳נעם אַרויס דעם רעוואָלווער פון קעשענע.

אַלץ איז שניי און אייז.

איז נאָך בעסער, לויפט מיר דורך דורכן קאָפּ, ווער איך מיך בעסער האַלטן. איבעריקנס ליגט שוין דאָרטן איינער. אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט אויף זיך קיין געלע וועסט! ווער וואָלט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס איז אַזאַ לייכטע געשיכטע?

כ׳לייג צו דאָס רערל צו די שלייפן און פאַרמאַך די אויגן.

טיק! דער רעוואָלווער האָט זיך פאַרהאַקט. כ׳קוק אַריין אין רערל. איך זע די קויל.

כ׳לייג ווידער צו דאָס רערל צו די שלייפן. פלוצלינג רירט מיך עמיצער אָן פאַרן אַקסל און איך קוק זיך אום. דאָס מאָגער רע פּנים פונם גליקלעכן וואַנדערער בייגט זיך טרויעריק איין איבער מיר.

„ברודער, ברודער", זאָגט ער צאַרט און הייבט אויף דראָענדיק דעם ווייז-פינגער, „פאַראַן אַ סך ערגערע זאַכן, ווי אַ ווייב צו פאַרלירן. פיר יאָר תּפיסה, ברודער, דאָס איז ביטער. יאָ, אָן פרישער לופט, אָן הימל, אָן פרייהייט, ברודער, דאָס איז אַ סך ביטערער!"

„גיי צו אַלדי רוחות!" שריי איך און פּרעס צו דעם רעוואָלווער צום האַרצן. אָבער דער וואַנדערער וואַרפט זיך אויף מיר און קלאַמערט מיר אַרום די האַנט. כ׳פאַרקייך זיך.

„לאָז אָפּ!" איך ראַנגל זיך מיט אים. כ׳נעם צונויף אַלע כּחות, איין שטויס נאָך און מיין אָרעם איז פריי — „לאָז אָפּ!"

כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט.

כ׳בין נאָך אַליין אויף דער אָטאָמאַנע. ס׳האָט מיך געשווידערט.

אָבער עמיצער איז געשטאַנען אין צימער, אין אַ דיקן מאַנטל איינגעהילט, מיט אַ גרויסן הוט אויפן קאָפּ. אַ רויט אויפגעבלאָזן פּנים האָט ער געהאַט מיט דורכגעטריבענע קליינע כינעזער-אויגן. ער איז געשטאַנען ביים פּאָרטעפּיאַן, דאָס גרינע וואַזעלע גענומען אין האַנט אַריין, באַהאַלטן אין קעשענע און אַרויסגעשאַרט זיך.

כ׳האָב מיך אַ ריס געטאָן. כ׳האָב געהערט, ווי אַ טיר האָט זיך פאָרזיכטיק פאַרמאַכט.

עמיצער איז נאָר-וואָס געווען אין צימער. דער קנעכט, וואָס מ׳רופט אים דער מאָנאַך. יאָ! ער האָט געגנבעט דאָס וואַזעלע.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויפן פּאָרטעפּיאַן: דאָס וואַזעלע איז נישט געווען!! האָב איך געחלומט? ניין, שוין נאָכן חלום. צוויי חלומות איינעם נאָכן אַנדערן האָב איך געחלומט, פון אינגעבאָרג און פון דער הייל. דאָס האָב איך גאַנץ גענוי געוואוסט. און כ׳וואָלט דאָס נישט געוואוסט, ווען כ׳וואָלט נאָך געחלומט. כ׳האָב דאָך געקאָנט זען, אָנרירן זיך, פילן.

דאָס וואַזעלע איז נישט געווען! לאַנגע וואָכן איז עס דאָך געשטאַנען אויפן פּאָרטעפּיאַן!

כ׳בין אַרויס פון צימער, אַראָפּ מיט די טרעפּ, דורכגעגאַנגען דעם הויף. גרויס און געל ווי מעש איז די לבנה געשטאַנען איבערן וואַלד אין תכלתדיקן הימל. דער געלבלעכער שניי האָט געקנאַקט הינטער מיינע איילנדיקע טריט. אין די שטעלער האָבן געקלונגען קייטן און די פערד האָבן געהירזשעט.

כ׳בין אַריינגעלאָפן אין הויז אַריין און אויפגעריסן די טיר צו דער דינערשאַפט. דאָ זענען זיי געזעסן אַלע, איינגעהילט אין טאַבאַק-רויך, פּאַראָבקעס און דינסטמוידן, און געפלאָכטן שטרוי-בענדער. זיי האָבן גערויכערט, געלאַכט און אויפגעשטאַנען, ווען איך בין אַריינגעקומען.

כ׳האָב אַ קנאַק געטאָן מיט דער טיר. ס׳איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מ׳האָט געהערט, ווי די קי דערלעבן האָבן געסקראָבעט דעם היי פון דער קאָריטע.

דאָרט איז אויך ער געשטאַנען, דער מאָנאַך, אין דיקן מאַנטל, וועלכן ער פלעגט טראָגן סיי זומער סיי ווינטער, מיטן גרויסן קאַפּעלוש אויפן רויטן קאָפּ. ווי שטענדיק האָט ער

די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דר'ערד. כ'בין צוגעגאַנגען צו אים און אים לייכט אַ טרייסל געטאָן פאַרן אָרעם.

„דאָס ביסטו, יאָ!" האָב איך געזאָגט און זיך חוזקדיק צעלאַכט.

דער קנעכט האָט פּאָרכטיק אויפגעהויבן די אויגן-הייטלעך און דערשראָקן געקוקט אויף מיר. דאָס בלוט איז אים פאַרשוואונדן פון פּנים און די דיקע באַקן האָבן אים געציטערט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן-הייטלעך, ווייס ווי שניי האָבן זיי זיך געלייגט אויף זיין אויסגעבלייכט פּנים.

„שוין לאַנג האָב איך אויף דיר אַן אויג, דו!" האָב איך געזאָגט. אַלע אַרום זענען געשטאַנען דערשראָקן מיט גרויסע אויגן און אויפגעעפנטע מיילער.

„יאָ, יאָ", האָט געמורמלט דער מאָנאַך. „ברענג אַ זשאַנדאַרם!"

„דו האָסט עס געטאָן? ווי?"

„יאָ, יאָ".

דער קנעכט האָט אַנידערגעקניט און געזאָגט: „איך האָב עס געטאָן. איך האָב חרטה. צען יאָר האָט עס מיך געפּייניקט".

„וואָס האָט ער געטאָן, דער מאָנאַך?" האָט איינער געפרעגט.

„ער האָט געגנבעט!" האָב איך אויסגערופן. „אַ וואַזעלע".

געגנבעט? ער האָט גאָרנישט געגנבעט.

„איצט לייקנט ער שוין גאָר, האָ-האָ!" האָב איך אויסגערופן און מיט דער האַנט אַזוי פליגק באַוועגט פאַרן פּנים פונם קניענדיקן, אַז דרייסיק פינגער האָט זי פלוצלינג באַקומען. „נאָר וואָס האָט ער זיך מודה געווען, איצט לייקנט ער שוין חוצפּהדיק. הער, דו, איך וועל דיך הייסן אויסקאַטעווען, אַז אויג און אויער וועלן דיר פאַרגיין!"

אָבער פלוצלינג איז מיך באַפאַלן אַ רחמנות אויף דעם קנעכט אין דיקן מאַנטל, וואָס האָט פאַר מיר געקניט און געבויגן דעם קאָפּ. דעם הוט האָט ער אַפילו אויסגעטאָן, זיינע האָר זע־נען געווען ווייס, ווי מעל.

אַן אָרעמער מענטש איז דאָס געווען. ס׳אַראַ רשע איך בין געוואָרן, אַז איך האָב געקאָנט אויף אים אַזוי שרייען. ס׳אַראַ שלעכטער! כ׳האָב אַלזאָ נאָך שלעכטער געדאַרפט ווערן.

„הער", זאָג איך, „וואָס פעלט דיר איין. איך וועל דיר גאָרנישט טאָן. גיב נאָר אַהער דאָס וואַזעלע. האָסט עס פאַר־גראָבן? זאָג?"

„איך האָב דאָס נישט געגנבעט".

„דאָ נישט לאַנג האָסטו עס אַרויסגעגנבעט פון מיין צימער".

„הער! דעם גאַנצן נאָכמיטאָג און דעם אָוונט האָט ער קיין טריט נישט געמאַכט פון שטוב אַרויס".

אַלע האָבן דאָס באַשטעטיקט.

„ניין? ניין?"

אַלזאָ איז דאָס געווען אַ חלום. אָבער דאָס וואַזעלע איז פאָרט נישט געווען מער אויפן פאָרטעפּיאַן.

דער קנעכט האָט זיך אויפגעהויבן און צוריק אָנגעטאָן דעם הוט אויפן קאָפּ.

און מיר איז איינגעפאַלן, אַז דאָס וואַזעלע האָב איך היינט אינגאַנצן פאַרשלאָסן אין שרייבטיש, כדי דאָס דינסטמיידל זאָל עס נישט אומגליקלעכערווייז צעברעכן.

איך בין בלאַס געוואָרן. אַרום איז געוואָרן שטיל.

„פאַרגיב מיר", האָב איך געזאָגט צום קנעכט און אַרויסגע-גאַנגען פון שטוב. אַלע אויגן האָבן מיר נאָכגעקוקט.

כ'בין געשטאַנען אויפן הויף אונטערן טונקעלן הימל, פון וועלכן די שטערן האָבן אַראָפּגעטריפט, ווי אייז.

מיינע פיס האָבן געציטערט.

„וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?" האָב איך געפּליסטערט און אַ מידער צוריק אַרייַנגעגאַנגען אין שטוב אַריין. —

38

כ׳בין קראַנק געוואָרן. אָט־די שורה טעג, ביז איך בין נישט געבראָכן געוואָרן אַן אויסגעשעפּטער, ביז איך בין נישט געבליבן ליגן און נישט געקאָנט זיך מער קיין ריר טאָן, זי איז אויסגעשטראָכן פון מיין געדעכעניש!

כ׳בין קראַנק געוואָרן.

ווי לאַנג בין איך געלעגן קראַנק? כ׳ווייס נישט. דערנאָך האָב איך מיך ווידער אויפגעכאַפּט. אַ שטים האָט געפּליסטערט.— „דו, גאָט, וואָס דו קאָנסט בערג פאַרזעצן און מויערן איינברעכן מיט דעם אָטעם פון דיין מויל, פאַרנעם דיך מיט דעם אָרעמען קראַנקן ער זאָל געזונט ווערן—״

כ׳האָב אויפגעהויבן די אויגן. כ׳בין געלעגן אין בעט. ביים פענסטער איז געזעסן די אַלטע מאַריאַ מיט די גרויסע ברילן אויפן שפּיץ נאָז און מתפּלל געווען. ווי שטריק זענען אי־רע ווייס־געוואָרענע האָר געלעגן אויף דעם קיילעכיקן, רויזיקן קאָפּ.

און איך בין געלעגן שטיל, ס׳האָט מיר פאַרשאַפט פרייד דאָס איינהערן זיך, ווי עמיצער רעדט מיט זיין גאָט, פאַר מיר, כסדר פאַר מיר. כ׳האָב שיער נישט געלאַכט, אַזוי שיין איז גע־ווען זיך איינצוהערן, ווי מאַריאַ האָט געלויבט גאָט, ווי זי וואָלט

געוואָלט מיט חניפות אים מאַכן נאָכגיביקער, דערנאָך האָט זי־ געבעטן אויף מיין געזונט.

„די זון שטעלט זיך אָפּ אויף דיין באַפעל —" טאַטאַטאַ, האָב איך מיר געטראַכט.

„— און טויטע שטייען אויף אויף דיין וואָרט—" טאַטאַטאַ, האָב איך מיר געטראַכט.

„טו אַ קוק אויף דעם אָרעמען קראַנקן און שיק אים אַ רפואה שלמה"—

זאָל ער נאָר וועלן, האָב איך מיר געטראַכט. ס'איז מיר געווען לייכט אויפן האַרצן און כ'בין געווען אויפגעלייגט צום שפּאַסן. כ'בין ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן און ווען כ'האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געהאַט געוואָרן אָוונט. מאַריאַ איז גע־ זעסן ביי אַ ליכט און נאָך אַלץ מתפלל געווען.

און איך בין ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן און אויפגעכאַפּט זיך, ווען ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג.

איצט בין איך שוין געווען געזונט. כ'בין אויפגעשטאַנען און זיך אָנגעטאָן. כ'בין געווען געזונט און פריש, ווי נייגעבוירן, און געוואָלט זינגען. אָבער גראָד אין דער רגע, ווען כ'האָב גע־ וואָלט אָנהויבן זינגען, האָב איך נישט געקענט. אַ מאָדנע טרויעריקייט איז געווען אין מיר, וואָס האָט מיר נישט געלאָזט זינגען.

וואָס פאַר אַ טרויעריקייט איז דאָס פּאָרט געווען?

טיפער ווינטער. טיפער ווינטער.

זעק פול מיט שניי האָט דער הימל צעשאָטן איבער די וועלדער, די ביימער שטייען פאַרשטאַרט און האַרט, ווי גלאָז. אַ רויטע לבנה גייט־אויף, אַ רויטע זון קריכט דורכן פאַרנעפּלטן טאָג. ווי די היילן פון בלויען אייז, אַזוי זענען די נעכט. דער שניי קנאַקט הינטער די פיס, פוקסן בילן אין וואַלד. מער

באַוועגט זיך קיין זאַך נישט. די קעלט פּרעסט אַרויס די אויגן. —

היינט האָט די זון אַדורכגעלויכטן דורכן נעפּל און דער טאָל אַרום און אַרום האָט געפינקלט פאַר פרייד, אַ פּאָרגעפיל פון פרילינג האָט געציטערט טיף אין דער ערד.

כ׳האָב געקוקט אין דער זון, ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז כ׳מוז זיין דורכזיכטיק, ווי גלאָז. זי האָט געוואַרעמט גאָר אַנ־דערש, ווי דער פריילעכסטער פייער. און איך האָב געמיינט, אַז דער פרילינג איז שיין. אַ בליענדיקער, לאַכנדיקער עפּלבוים ביים וועג, אַ לאַכנדיקע זון, אַ לאַכנדיקע לאָנקע, אַ פּאַסטוך־מיידל, וואָס צעעפנט דאָס מויל פון אויער ביז אויער און לאַכט, אָט אַזוי ווי די זון, דאָס איז דער פרילינג.

כ׳האָב אַרויפגעשלעפּט דאָס רעקל, אָנגעטאָן די הויכע שטיוול, גענומען דעם שטעקן, דאָס גרינע קאַפּעלושל און אַרויס־געגאַנגען.

אויסגעשטאָרבן איז געשטאַנען דאָס הויז, אויסגעשטאָרבן זענען געשטאַנען די שטעלער און שייערן, באַדעקט מיט דיקע שייכטן ווייסן שניי. אין דער ערד זענען זיי געווען פאַרזונקען. די פענסטער זענען שוואַרץ. פי און פערד זענען אויספאַרקויפט, די דינסטמוידן און קנעכט אַוועקגעגאַנגען.

איך האָב זיי נישט פאַרהאַלטן. זיי האָבן זיך געוואָלט זוכן אַן אַנדער שטעל. צו אײנזאַם איז געווען דאָ אויבן אין באַרגיקן וואַלד. כ׳האָב זיי נישט פאַרהאַלטן.

בלויז די אַלטע מאַריאַ איז געבליבן ביי מיר. איינגעהילט אין טיכער זיצט זי ביי זיך אין קעמערל, ווי אַ הענדלערין פון קאַשטאַנעס אויף דער קאַלטער גאַס. זי ווערט אַלט און פרירט. אין אָוונט פאַלט דאָך פון קנעכט־שטיבל אַ געלער פלעק אויפן

שניי, וואָס ליגט אויפן הויף. ווער געפינט זיך נאָך אין קנעכט-שטיבל?

דער מאָנאַך. ער גייט אַהין און צוריק, אָנגעטאָן אין מאַנטל, מיטן גרויסן קאַפּעלוש אויפן קאָפּ.

ער האָט נישט קיין מנוחה. ער קומט אָפּ פאַר עפּעס. פאַר וואָס? קיינעם אַרט דאָס נישט.

איך דריי מיטן שטעקן און גיי אַריין אין שטילן וואַלד. כ׳שמייכל. כ׳רוק אַראָפּ דעם קאַפּעלוש אויף אונטן און וויל אָנ-הויבן לאַכן און זינגען. אָבער ווי נאָר איך עפן די ליפּן צו לאַכן און צו זינגען, האַלט מיך עפּעס אָפּ. איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז.

אַ מאָדנע געפיל איז דאָס.

וואָס פאַר אַ געפיל קאָן עס דאָך זיין? געריירטקייט, צענוי-מענקייט, טרויער, פרייד?

פון אַלעם צו ביסל.

צאַרט-בלוי זעט אויס דער שניי אין וואַלד צווישן די אָפּ-געקראָכענע שטאַמען פון די בוקנביימער. געלע וועגן, געלע שטרייפן, דאָס איז די זון. דער הימל בלאַנקט אַ ווייסער. די ביימער-קרוינען זעען אויס, ווי זיי וואָלטן איינגעהילט געווען אין גראָבער וואַטע. איין צווייגל טוט זיך אַ ריר און ס׳גליטשט זיך אַראָפּ פון אים אַ קליינע, ווייסע שלאַנג. פון אַ סך ביימלעך זעט מען שוין נישט מער אַרויס, ווי איינצלנע צווייגלעך, וואָס שאַרן זיך אָפּער פון הינטער די הויפנס שניי. איבערן וועג לויפן די טריט פון סאַרנעס און פיקסן. אַ בינטל פעדערן פון אַ קראָ ליגט אין וואַלד. אין דער ווייטקייט כאָכאָטשעט אַ רויב-פויגל.

די ראָוועס זענען פאַרפרוירן און אַז איך גיב אַ קלאַפּ מיטן שטעקן אָן אייז, פאַלן לאַנגע פלאַסטערס אייז אויפן אַרומיקן גראָז,

וואָס איז באַדעקט מיט געפרוירענעם טוי. אַ שפּיגל־גלאַטע קאַ־לוזשע. איך נעם מיט אימפּעט און שפּרינג אַריבער.

ס'איז נישט קאַלט. די לופט איז פריש און יעדעס מאָל, ווען דו אָטעמסט זי איין, דאַכט זיך דיר, דו שלינגסט וואַסער מיט אייז.

ביים ברעג וואַלד ליגט אַ לאָנקע, וואָס זעט אויס ווי אַ ריין־באַצויגן בעט פון אַ ריז. אום זומער שטייען דאָ געלע בלומען־בייטן, פון וועלכע עס טריפט האָניק.

האָניק־טראָפּעלע הייסט די לאָנקע.

און איך טראַכט וועגן דעם זומער.

שוויס, האָניק און פייער איז דער זומער, טראַכט איך, און אַ הייסער קוש אין חלום.

איך גיי דורכן וואַלד, שעהן־לאַנג, אַרויף, אַראָפּ, אַרויף, אַראָפּ. כ'מוז גיין מיט שאַרפע טריט, דער וועג ביז צום קוואַרטל אָ ט ע ר נ ב ר י ק ל י י ן איז אַ ווייטער.

איינזאַם איז, איינזאַם און פייערלעך. דער ווייסער טויט הויערט אין וואַלד.

כ'קום אַרויף אויף אַ פרעמד געביט. קלעפּ פון אַ האַק הילכן אָפּ אין וואַלד. דאָס איז וואונדערלעך־שיין, אַזוי שטיל, אַזוי יום־טובדיק און די קלעפּ פון דער האַק. עס דאַכט זיך דיר, הערסט דאָס קלאַפּן פונם וואַלדס האַרץ. דאָס געפיל, אַז אַ מענטש איז דאָ אין דער נאָענט, ווירקט אויף דיר גוט. ווילסט פון אים גאָרנישט, זעסט אים צומאָלט נישט, און דאָך ווירקט עס אויף דיר גוט צו וויסן, אַז דאָרטן איז עמיצער דאָ.

יאָ!

פּלוצלינג האָב איך זיך דערשראָקן און באַהאַלטן זיך אונ־טער אַ בוים. אַ וואָלף! ניין, אַ פוקס. אין אַ ברייטן בויגן איז ער פאַרביי־געלאָפן, שלעפּנדיק דעם גראָבן ווידל איבערן שניי.

איך שמייכל. פאַר וואָס האָב איך זיך אַזוי געשראָקן? כ׳בין קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געווען קיין פחדן.

כ׳שפּרייז גיך. באַרגיקער וואַלד. דער קוואַרטל אָ ט ע ר נ-ב ר י ק ל י י ן. דאָרט שטייט דאָס הייזל פון דעם האָלצהעקער.

פּאָטער גיזלהער זיצט פאַר דער טיר אין אַ טונקעלן זונ-טאג-מלבוש. ערנסט איז זיין פּנים און ער קוקט נישט, נישט אויף רעכטס, און נישט אויף לינקס. זיינע אָפּגעריבענע הענט ליגן אויף די קני, זיי רוען, אַזוי ווי ער.

„גאָט-העלף, פּאָטער גיזלהער!" רוף איך אויס און נעם אַראָפּ דעם קאַפּעלוש.

„גאָט-העלף!"

„אַ לאַנגע צייט האָב איך נישט געקאָנט קומען צו דיר, פּאָטער גיזלהער", האָב איך געזאָגט. עס באַפאַלט מיך אַ צע-טומלטקייט.

יוגנט און גליק זענען עגאָיסטיש. האָבן נישט קיין אויגן און קיין אויערן פאַר אַנדערע.

יאָ, ער איז נאָך אַלץ אין כעס, פאַרוואָס מיר האָבן דעם גלח נישט גענומען דעמאָלט. ער קוקט נישט אויף לינקס און נישט אויף רעכטס.

אָבער דער טויט באַפעלט מוחל צו זיין. „איך דאַנק דיר, וואָס ביסט געקומען. גיי אַריין, דאָרט אינעווייניק ליגט זי".

„ווער?"

ווער ליגט דאָרט אינעווייניק?

„איר לעבנס-ווערק איז פאַרענדיקט. פערצן קינדער האָט זי געבוירן און אויפגעכאָוועט. איר פליכט האָט זי ערפילט. גאָט ווייס, וואָס ער טוט".

כ׳האָב אָפּגעאָטעמט, איך בין אַריינגעגאַנגען אין הייזל. צ'בלדיק איז געווען אינעווייניק, איין הויכע ליכט האָט געברענט.

זי'ערלעבן האָט געבלאַנקט דאָס פרידלעך־דרעמלענדיקע, איינגעפאַלענע פנים פון אַן אַלטער פרוי. די פרוי איז געלעגן אויסגעשטרעקט אין דער לענג אין אַ ברייטער, פּראָסט־הילצערנער טרונע. דאָס מויל אירס איז געווען איינגעשרומפּן און כמעט רונדיק, דער טויט האָט אַלץ שפּיציק געמאַכט, די נאָז, די באַקנביינער, די גאָמבע. די הענט זענען געלעגן אינם איינגעפאַלענעם שויס פון מת, געל מיט בלויע נעגל.

אַרום דער טרונע זענען, שטיל, מיט פאַרבראָכענע הענט, געזעסן די קינדער פון דער טויטער. געווען זענען זיי אַן ערך צען, פון פאַרשידענער גרויס, מיידלעך מיט העל־בלאָנדע אָפּשטייענדיקע צעפּלעך, און יינגלעך מיט אָפּגעבערענטע פּנימער און צעפלאָשעטע האָר. איין שלאַנק זיבעצניעריק מיידל איז געזעסן אויף אַ שטול און געשטריקט אַ זאָק. איר צופיסנס איז אויף אונטערגעשפּאַרטע פיסלעך געזעסן אַ קליין קינד און געשפּילט זיך מיט באָב. אַלע האָבן געהאַט רויטע אויערן און רויטע שפּיצן נאָז, וואָרים אין הייזל איז געווען קאַלט. זיי האָבן זיך אַלע אומגעקוקט אויף מיר, ווען איך בין אַריינגעגאַנגען, אָבער קיינער האָט זיך נישט קיין ריר געטאָן. זיי זענען געבליבן שטיל, די הענט פאַרבראָכן.

„איך בין אינגעבאָרגס מאַן”, האָב איך געזאָגט צום מיידל, וואָס האָט געשטריקט דעם זאָק. כ'האָב זיך געשעמט דאָס צו זאָגן.

„די מאַמע איז טויט — אָך־אָך־אָך!” האָט זיך צעיאָמערט דאָס מיידל און גרויסע טרערן זענען אַראָפּגעפאַלן אויפן זאָק.

אָך־אָך־אָך — האָבן זיך אַלע אַרום צעוויינט און אויפגעהערט דעמאָלט, ווען די שוועסטער האָט אויפגעהערט.

דאָס קינד אויף דער ערד איז אַרונטערגעקראָכן אונטער דער טרונע, אַ באָב האָט זיך פאַרקוילערט.

און די טויטע האָט פרידלעך געשמייכלט אינם שיין פון דער איינציקער ליכט.

דאָס ליגט זי! אינגעבאָרגס מאַמע!

דאָס איז דאָך אינגעבאָרגס מאַמע! זי איז טויט. זעט, די, וואָס האָט געבוירן אינגעבאָרג, איז געשטאָרבן!

כ׳האָב מיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן, איך האָב אויסגעבראָכן מיט אַ געשטיקט געוויין.

דאָס איז דאָך אינגעבאָרגס מאַמע!

איז דאָס נישט אינגעבאָרגס שטערן? אָ, יאָ! און די קינ-באַק איז דאָך אינגעבאָרגס!

כ׳האָב געדריקט דאָס געוויין און געבויגן מיך איבער דער טויטער און געגלעט אירע קאַלטע, פייכטע באַקן.

אינגעבאָרגס מאַמע איז דאָך דאָס!

„כ׳מוז זיך אָנטאָן”, האָט געזאָגט דאָס עלטערע מיידל. „באַלד וועלן זיי קומען און די מאַמע צו—צו—צונעמען”.

צי איך וועל נישט וועלן איר העלפן אָנטאָן דער מאַ-מען דעם זאָק.

אָ, יאָ, כ׳וועל איר גערן העלפן אָנטאָן דער מאַמען דעם זאָק.

דער זאָק איז נאַס געווען פון דעם מיידלס טרערן. כ׳האָב מיך פאַרקוקט אויף איר.

„ווי הייסטו?” האָב איך געפרעגט און לייכט געשמייכלט. עפּעס אַזעלכס איז געווען אין דעם פּנים —

„מאַריאַ — אַך, איצט איז די מאַמע שוין טויט!”

„ווילסטו נישט קומען צו מיר, מאַריאַ?” האָב איך גע-פליסטערט. דאָס קול מיינס האָט מיר אויפגעהערט דינען. כ׳האָב געהאַט פאַרגעסן, אַז אַ טויטער ליגט אין שטוב. „פירן מיין בעל-הבתישקייט?”

מ׳דאַרף זי דאָ האָבן.

כ׳האָב באַקוקט די איבעריקע קינדער. אין יעדן פּנים האָב איך געפונען עפּעס — עפּעס —

פון יענער זייט טיר איז דערגאַנגען פּאָטער גיזלהערס טיפע, רויקע שטים, הוסטעריי און גערייד.

פּאָטער גיזלהער האָט געעפנט די טיר. „גייט אַריין!״ דורכן שפּאַלט האָט מען געזען דעם קאָפּ פון אַ גרוי פערד, דער־לעבן דאָס קיילעכדיקע געפרוירענע פּנים פון אַ פּויערן־שייגעץ. אין שטוב איז אַריינגעקומען אַ מחנה אַלטע מענער און אַלטע ווייבער, אַזוי אַז זי איז פול געוואָרן מיט מענטשן. זיי האָבן געשעפּטשעט צווישן זיך, געהוסט און איין פרוי האָט אָנגעהויבן צו וויינען, וואָס ס׳האָט געקלונגען ווי אַ געלעכטער.

אַן אַלטער מאַן האָט מיט אַ נידעריקער פאַרכאָרכלטער שטים זיך אָפּגערופן: „אָט ליגט זי איצט דאָ, אונזער מוטער גיזלהער״.

און אַ ווייס־האָריק פאַרוואַקסן מאַמעלע האָט געצישעט: „אַ שיינעם טויט האָט זי געהאַט״, און אַלע האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ.

„זי רוט אין גן־עדן״.

פּאָטער גיזלהער האָט זיך דורכגעשאַרט דורך דער מאַסע. גענומען אַ גראָבן בוך אין האַנט אַריין און זיך אַנידערגעשטעלט הינטער דער ליכט. זיין געשטאַלט איז געוועזן אויסגעגלייכט, אַזוי ווי שטענדיק, און זיין באַוואַקסענער קאָפּ איז געזעסן פעסט און געפּאַסט אויף די ברייטע אַקסלען.

קלאָר און ליכטיק איז געוועזן זיין אויג.

און ער האָט אויפגעעפנט דאָס בוך און גענומען לייענען.

מיר זענען געשטאַנען אַרום דער טרונע און פאַרבראָכן די הענט, די אַלטע מענער און ווייבער, די קינדער, אויך איך האָב זיך

איינגעהערט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, מיט פאַרבראָכענע הענט, ווי אַלע אַנדערע.

„עס שטייט געשריבן אין גאָטס שריפט", האָט פאָטער גיזלהער געלייענט, „אין תהלים, קאַפּיטל ל"ט, פסוק ו' ביז ח': הנה טפחות נתתה ימי וחלדי כאין נגדך, אך כל הבל כל אדם נצב סלה: אַך בצלם יתהלך איש, אַך הבל יהמיון, יצבור ולא ידע מי אספם: ועתה מה קויתי אדני, תוחלתי לך היא". *)

פּאָטער גיזלהער האָט צוגעמאַכט דאָס בוך. „מיין האָפנונג איז צו דיר! ברידער און שוועסטער צו גאָט — הבלדיק זענען אונזערע האָפנונגען אויף דער ערד, מיט וואָס זאָל איך מיך טרייסטן? מיין האָפנונג איז צו דיר". פאָטער גיזלהער האָט גע־רעדט און גערעדט. הויך און ווירדיק האָט געקלונגען זיין שטים און זיינע וואַסער־בלויע שטראַלנדיקע אויגן האָבן אַרומגעוואַנ־דערט אין אַ קרייז.

פּאָטער גיזלהער האָט לאַנג דערציילט וועגן די מעלות פון דער געשטאָרבענער און וועגן דעם פּראַכט פונם הימלישן מלכות און וועגן גאָטס הויכער גנאָד. ווען ער האָט אַרויסגערעדט דעם נאָמען פון גאָט אָדער פון אויסלייזער האָבן אַלע מענער און ווייבער אַראָפּגעבויגן די קעפּ.

דערנאָך האָט ער שטילגעשוויגן און נאָך אַ קורצער ווײַלע האָבן אַלע, ווי אויף אַ געגעבענעם צייכן, גענומען זאָגן די תפלה „אונזער פאָטער". ביי אַלעמען זענען די אויגן נאַס געוואָרן, נאָר פאָטער גיזלהערס אויגן זענען געבליבן טרוקן.

---

*) „זע, אַ טפח די ברייט האָסטו געגעבן צו מיינע טעג און מיין לעבן איז גאָרנישט לגבי דיר. ווי נישטיק זענען אַלע מענטשן, וואָס לעבן דאָך אַזוי זיכער! זיי גייען אַרום, ווי די שאָטנס, בהנמדיקן אומרו פאַרשאַפן זיי זיך, זיי זאַמלען צו־בויף און ווייסן נישט, ווער ס'וועט זיין דער געניסער. אַצינד, וואָס זאָל מיין האָפ־נונג זיין, גאָט? מיין האָפנונג איז צו דיר".

פּאָטער גיזלהער איז צוגעגאַנגען צו דער טרונע און געזאָגט: „איך קוק אויף דיר און נישט צום לעצטן מאָל זע איך דיך. דאָרט אויבן וועל איך דיך ווידער זען, ווי וואָר גאָט איז, און פרייד וועט זיין אין אונזערע הערצער".

די טרונע האָט מען צוגעמאַכט און אַרויסגעטראָגן און אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן מיטן גרויען פערד. דער פויערן-שייגעץ האָט אַ רוף-געטאָן: וויאָ! און דאָס פערדל האָט זיך צעהירזשעט און געשלעפּט זיך דורכן שניי.

לעבן דער טרונע איז געגאַנגען פּאָטער גיזלהער, די מחנה קינדער הינטער אים, דערנאָך די שורה זקנים און זקנות און ווייט הינטער אַלע בין איך געגאַנגען.

מאַריאַ און דאָס קליינע קינד זענען איבערגעבליבן אין דער היים. „אַדיע, מאַריאַ", האָב איך שטיל געזאָגט און זי אָנגעקוקט. זי האָט געהאַט גאָלדענע האָר און בלויע אויגן — —

דאָס פערדל האָט זיך געשלעפּט איבערן שניי און ביי יעדן טריט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, די קינדער האָבן נאָכגעשפּרייזט און די אַלטע געשרומפּענע מענער און ווייבער, איינגעהילט אין טיכער, האָבן נאָכגעהינקט און נאָכגעקוליעט נאָך דער זיך-שאָקלענדיקער טרונע.

דער וואַלד אַרום און אַרום האָט גענומען רוישן. אַ דינער שניי איז געפאַלן.

דער וועג האָט געפירט באַרג-אַראָפּ.

פּלוצלינג איז פון דער טאָל-טיפעניש דערגאַנגען דאָס ווייטאָקלעכע געקלאַנג פון אַ גלאָק.

די קינדער האָבן זיך ביטערלעך צעוויינט.

איך האָב אויך צוגעפּרעסט די האַנט צום פּנים און געוויינט, ווי די קינדער. כ'האָב געוויינט שטיל, קיינער זאָל מיך

נישט הערן. שטיל און אָן אַן אויפהער, און וואָס מער כ׳האָב געוויינט, אַלץ לייכטער איז מיר געוואָרן אויפן האַרצן און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳וועל שוין קיינמאָל מער נישט קאָנען אויפהערן צו וויינען...

פאַר מיר האָט זיך געוויגט די לויה, די זקנים און זקנות, די קינדער, די טרונע. אַ דינער שניי איז געפאַלן פון הימל.

פון טאָל אַרויף האָט גערופן דער גלאָק.

און איך האָב געוויינט, געוויינט, וואָס אַמאָל מער און וואָס אַמאָל שטאַרקער, געוויינט, געוויינט — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

## 39

דער פרילינג קומט. דער זומער קומט.

וואוינט דען קיינער נישט אין דעם דאָזיקן הויז?—ניין!

די שויבן זענען אויסגעהאַקט, די רינע העגגט אַראָפּ אונטערן דאַך, אַ סך לאָדנס זענען פאַרמאַכט און שפּערלינגען נעסטן זיך אויף זיי.

דער זומער גייט. עס קומט דער הערבסט.

וואוינט דען קיינער נישט אין דעם דאָזיקן הויז? ניין!

דער ווינטער קומט. שטיל ליגט דאָס הויז אין וואַלד.

עס קומען מענטשן און קלאַפּן, קלאַפּן —

קיינער וואוינט נישט אין דעם דאָזיקן הויז.

ניין! — —

ווי אַזוי איז פאַרגאַנגען דאָס דאָזיקע יאָר? כ׳וועל נישט זאָגן. ניין, כ׳וועל דאָס קיין מענטשן נישט זאָגן, אַפילו פריינט קאַרל נישט, אַפילו זיך אַליין נישט. ס׳איז אויסגעמעקט דאָס דאָזיקע יאָר. כ׳האָב אַלץ, אַלץ פאַרגעסן, כ׳ווייס מער גאָרנישט. כ׳ווייס, אַז כ׳בין אַרומגעגאַנגען זאָרגפעלטיק אָנגעטאָן און אָפּגעגאָלט, אַז איך בין כסדר געזעסן איבער ביכער. וואָס האָב איך געטאָן אין די נעכט? דאָס האָב איך פאַרגעסן.

כ׳האָב פאַרזעצט אַ רויזן־בייט אין פּאַרק, דאָס קאָן איך מודה זיין, איך קאָן אויך מודה זיין, אַז אין די ווייסע צימערן האָט ביינאַכט געברענט אַ לאָמפּ. טיילמאָל. נישט אַלע נאַכט. איך קאָן אויך מודה זיין, אַז טיילמאָל אין די אָוונטן האָב איך פון בוידעם־פענסטער געקוקט אַראָפּ מיטן וועג, געקוקט און געוואַרט. איבעריקנס נישט יעדן טאָג. ווען־נישט־ווען זענען אויך פרישע שטרויסן געשטאַנען אין די ווייסע צימערן.

כ׳קאָן אויך מודה זיין, אַז דעם 25־טן מאַי האָט טאָג און נאַכט אַ ליכט געברענט אין מיין טונקעלן צימער און איך—ניין!

איך בין נישט אַרויסגעקומען אויסערן פּאַרק, נישט אַרויסגעגאַנגען פון הויז. קיין חשק נישט געהאַט.

די טיר פון הויז איז געווען פאַרשלאָסן, קיינער איז נישט אַריינגעקומען. דער אַלטער מאַריאַ און דעם מאָנאַך האָב איך אַרויסגעגעבן באַפעלן, און זיי זענען געהאָרכזאַם.

כ׳האָב געזען אַלץ, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אויפן וועג באַרג־אַרויף. קיין שום זאַך האָט נישט געקאָנט פון מיר פאַרהוילן בלייבן.

איינמאָל אַ טאָג זענען מיטן באַרג־וועג אַרויפגעקומען אַ מאַן אין רייזע־מלבושים און אַ דאַמע מיט רויטע, פלאַמענדיקע האָר. זי האָט אויך געטראָגן רייזע־מלבושים. כ׳האָב זיי געזען אָנקומען, בין איך געשטאַנען הינטער דער טיר, אַן אַנגסט האָט מיך אַרומגענומען. זיי האָבן געקלאַפּט, געקלאַפּט. די שרעק אין מיר איז געוואַקסן, דאָס האַרץ איז מיר אַנטשטילט געוואָרן, כ׳האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ניין, כ׳האָב מער גאָרנישט געמיינזאַמס מיט די מענטשן, כ׳וועל שוין קיינמאָל נישט קאָנען מער רעדן אָפן מיט אַ מענטשן, אַפילו מיט פריינט קאָרל אויך נישט, קיינמאָל נישט.

דער מאַן האָט געזאָגט: „זאָל ער האָבן אַוועקגעפאָרן?"

די דאַמע האָט געזאָגט: „געוויס נישט!"

האָט ווידער דער מאַן געזאָגט: „מיר וועלן עס דורך דער טיר אַריינוואַרפן. ער וועט זיך פרייען דערמיט".

אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיי אַריינגעשאַרט ציַיטונגען. שפּיצן פון דינע, ווייסע פינגער האָבן זיך באַוויזן. די דאַמע האָט שטיל געזאָגט: „ס'איז מיר אַ רחמנות אויף אים!"

זי האָט געמיינט מיך... כ'האָב אָפּגעעטעמט.

דאָס זענען געווען גרויסע ענגלישע ציַיטונגען. אין צווישן איז געלעגן אַ וויזיט-קאַרטע. מיר קומען נאָר וואָס פון לאָנדאָן! אַ האַרציקן גרוס!

כ'האָב געלייענט די ציַיטונגען: „טריסטאַן און איזאָלדע"— „מערלין" פון האָלגער הונט — — אינגעבאָרג הונט-גיזלהער. נצחונות, נצחונות! —

מער איז גאָרנישט געשען פאַר דעם יאָר. יאָ, ס'איז אָנגעקומען אַ בוך פון קאַרלן.

קאַרלס ניי בוך. ס'האָט געהייסן „שטורם". קנאָכיקע דעמבעס האָבן געבראַוזט און געקנאַקט, געוויגט זיך און געלאַכט — זעט!

דאָס יאָר איז פאַרגאַנגען. כ'האָב פאַרגעסן, ווי אַזוי. דערנאָך האָב איך שוין ווידער מיט אַנדערע אויגן געקוקט אויף דער וועלט.

ווידער איז פרילינג געקומען! אויף אַ נאָווינע געקומען.

## 40

ס'איז פרילינג.

איך זיץ אויף די טרעפ פון מיין הויז און רויכער די קורצע פייקע. פריילעך קנוילט זיך אַרויס דער רויך. די זון שיינט, די וועלט איז גרין. גרין און דורכזיכטיק ווי גלאָז איז די לאָנקע, די בלעטער פון די בוקנביימער. בלוי און דורכזיכטיק ווי גלאָז איז דער הימל. די זון שיינט. די פייגל זינגען. טוי טריפט פון די ביימער.

איך רויכער די פייקע און שמייכל.

שיין איז די וועלט! שיין איז דאָס לעבן!

אונטן צעשפרייט זיך דער טאָל, פינקלענדיק און גרין. פון וואַלד אויף יענער זייט פלאַטערט אַריבער אַ קליינע פאָן.

די עפלביימער בליעןביים וועג. אַ וועג-אַרבעטער צעשאַרט די שטיינדלעך אויפן וועג, דער מעשענער באַנד אויף זיין הוט פינקלט, ווי די רייף פון אַ קרוין.

שלוה און שיינקייט איז געפאַלן פון הימל אויף דער ערד, טראַכט איך. די זון גיסט קריגלען ברענענדיקן וויין איבער דער וועלט, ווי אַמאָל.

איך שמייכל.

עס קלינגט אין וואַלד, אין טאָל.

אַראָפּ מיטן באַרג-וועג קומט אָנצוגיין אַ מיידל, אַ שלאַנק פּויעון-מיידל, אַ ווייס טיכל פאַרבונדן אַרומן קאָפּ, אַ קלומעקל אין האַנט. גאָלדיק פינקלט עס אַפּער פון אונטערן קאָפּ-טיכל.

זי טוט אַ נויג צו מיר מיטן קאָפּ, אירע ציין בליצן, אויך די אויגן.

קינד, קינד, וואָס פינקלסטו מיט די אויגן און שמייכלסט? גריסט אין וואַלד אַריין און זוכסט אַ געליבטן? ס'איז פרילינג, זיי פאַרזיכטיק, קינד!

„גוט-מאָרגן" רופט-אויס דאָס מיידל מיט אַ קלינגענדיקער שטים און קומט אַראָפּ מיטן וועג.

און איך שטיי אויף. דאָס קול —

האָט זיך מיר פּלוצלינג דער קאָפּ אָנגעצונדן?

און איך שמייכל און גיב אַ געשריי, ווי אַן אָדלער, וואָס וויגט זיך אין דער לופטן.

איך גיי אַריין אין הויז און רייס זיך אויס אַלע ווייסע האָר. — — — — — —

דער בין-השמשות זינקט איבערן טאָל, אַלץ איז שטיל, דאָס דאָרף שלאָפט.

איך זיץ אויפן ברונעם, וואָס איז לעבן הייזל, ווייט אַרויס פאַרן דאָרף.

דער ברונעם שושקעט זיך און ס'האַרץ מיינס ציטערט.

אַ מיידל קומט אַרויס פון הייזל — אַ קרוג אין האַנט.

איך שטיי אויף.

„גוטנ'אָוונט, מאַריאַ".

דאָס מיידל האָט זיך איבערגעשראָקן און קוקט אַפּער פון אונטער דעם אַראָפּגערוקטן קאָפּ-טיכל. אויפן טיכל זעט מען גרויזן, בלאַסע שטערן.

גאָלד פינקלט אַרויס פון אונטערן טיכל.

„גוטנ'אָוונט, הער שוואָגער".

„אַ שיינער אָוונט, מאַריאַ?"

„יאָ!"

„ווי שיין עס איז, מאַריאַ! פרילינג. איך בין אַהערגעקו־מען צו רעדן מיט דיר. אַ וועג־אַרבעטער האָט מיר געזאָגט וואו דו וואוינסט איצט".

צי איך האָב איר וואָס צו דערציילן וועגן אינגעבאָרג?

„ניין, ניין! לאָמיר נישט רעדן וועגן אינגעבאָרג. לאָמיר רעדן וועגן אונז ביידע, כאַ־כאַ! נאָר אַז דו רעדסט שוין וועגן אינגע־באָרג, וועל איך דיר שוין עפּעס דערציילן וועגן איר. מעגסט שטאָלץ זיין מיט אינגעבאָרג, הערסט, זי איז דאָך דיינע אַ שוועסטער. מ'האַלט זי גרויס, מ'בייגט די קני פאַר איר. — אָבער לאָמיר נישט רעדן וועגן איר. לאָמיר רעדן וועגן זיך!"

מאַריאַ האָט אָנגעגאָסן אַ פולן קרוג מיט וואַסער, און דאָס וואַסער בולבעט זיך, לאַכט און זינגט, וואָס אַמאָל קולותדיקער.

וואָס איך וויל?

רעדן מיט איר.

פון הייזל רופט עפּעס אַ קול.

„דער פויער רופט".

מאַריאַ גייט אַריין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

לעבן וואַלד איז פאַראַן אַ קליין שטיקל פעלד. מאַריאַ אַקערט, אַ קו שלעפט דעם אַקעראייזן.

איך גיי אַרויס פון וואַלד, די ביקס אויפן אָרעם.

„אָט בין איך שוין ווידער דאָ", זאָג איך אַ לוסטיקער. איך באַמי זיך מיין שטים זאָל זיין אומגעצוואונגען און יונג.

מאַריאַ שווייגט.

„דאָ נישט לאַנג האָט אונז דער פויער געשטערט—כאַ-כאַ! שיין היינט, וואָס! די גאַנצע וועלט ברענט!"

איך קוק אַרונטער אונטער מאַריאַס ווייס קאָפּ-טיכל.

יאָ, כ'בין געקומען צו איר, מיט אַ גלייכן וועג צו איר, זאָג איך און לייג מילד אַנידער די האַנט אויף אירע אַקסלען.

מאַריאַ קוקט מיך אָן דערשראָקן. אירע אויגן פינקלען.

יאָ, יאָ, מיט אַ גלייכן וועג צו איר!

„איך האָב דיך ליב, מאַריאַ, מעגסט מיר גלויבן!"

מאַריאַ לאָזט ראַשיק אַראָפּ דעם קאָפּ. בלאַס-בלויע שטערנדלעך זעט מען אויף מאַריאַס ווייס קאָפּ-טיכל.

„איך האָב דיך ליב, מאַריאַ — וואָס זאָגסטו דערצו? קיינמאָל—קיינמאָל האָב איך נאָך אַ מיידל אַזוי שטאַרק נישט ליב געהאַט".

איך זאָג דאָס זייער שטיל און שמייכל נישט מער. מיינע אויגן זענען פייכט.

„איך בעט אייך, הער—"

„כאַ-כאַ, הערסטו נישט, אַז איך זאָג דיר דו? — — איך וויל זאָלסט קומען צו מיר אין הויז אַריין, ווערן די בעל-הביתטע, מאַריאַ — הער דאָך —"

מאַריאַ קוקט מיך אָן און איר פנים איז אַזוי ווייס, ווי דאָס טיכל אויפן קאָפּ.

שטיל. אַ פויגל זינגט. אין דער ווייטקייט שפּילט אַ פּאַסטוך אויף אַ פייפל.

דו — דודודו — ליכטיק קלינגען די טרעלן, מיט בענקשאַפט נאָך ליבע און גליק.

מאַריאַ ציט זיך פּאַמעלעך צוריק, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן פאַר מיר.

איך שמייכל.

„ביסט אַזוי בלייך, מאַריאַ. כ'האָב דיך איבערגעשראָקן. ווי נישט-געשיקט איך בין".

זי זאָל מיר דאָך דערלאַנגען די האַנט.

„ניין, ניין!"

מאַריאַ ציט זיך צוריק. זי פאַרטראַכט זיך, פאַרטראַכט זיך אַזוי לאַנג, אַז מיר ווערט אומעטיק. דערנאָך זאָגט זי, און דאָס בלוט קומט איר צוריק אין די באַקן אַריין:

„איך בעט אייך, גייט אַוועק. דאָס קאָן דאָך נישט זיין", זאָגט זי האַסטיק. „גייט אַוועק, הער, באַטראַכט זיך, איך בין אַ פויערן-מיידל, איר זענט אַ פירשט, איר האָט אַ שלאָס, פעלדער און וועלדער—"

מאַריאַ רעדט פריינטלעך און מילד.

„כאַ-כאַ". איך לאַך.

„וואָס שייך דעם פירשט — איז דאָס — אַ פאָרם — איז דאָס — און —"

איך שאָקל מיטן קאָפּ און גיי אַוועק. אַ געדאַנק לויפט אַדורך מיין קאָפּ.

„צום ווידערזען זיך, מאַריאַ!" איך ווער פאַרשוואונדן אין וואַלד. מ'דאַרף נישט זיין שוואַך לגבי יונגע מיידלעך. כסדר פריש און כסדר שאַרף שטרעבן צום ציל!

איך גיי אַהיים און שרייב אַ בריוו און פאַרזיגל אים מיטן הערב.

---

כ'גיי אַרויס אויפן הויף, דער בריוו מיטן גרויסן זיגל אין האַנט. כ'גיי צו צום פענסטער פון דעם דינערשאַפט-צימער און קלאַפּ-אָן.

דער מאַנאַך קומט אַרויס און נעמט אַראָפּ דעם קאַפּעלוש. איך זאָג צו אים: „זעסט אָט דעם בריוו? טראָג אים אַוועק

אין שטאָט. צום נאָטאַר. פאַרליר אים נישט, ווייל אויך פאַר דיר שטייט עפּעס אינעווייניק געשריבן. כ׳האָב דיך אומגערעכטיק באַהאַנדלט אין דער אָנווּזנהייט פון אַלע קנעכט, כ׳האָב דאָס נישט פאַרגעסן — אויך פאַצאַן פלעגסטו שטענדיק גלעטן אַזוי פריינטלעך. כ׳האָב עס באַמערקט. אויך די אַלטע מאַריאַ האָב איך נישט פאַרגעסן. אייל זיך".

ס׳איז נאַכט. אין נעפּל איז איינגעהילט די ערד און ליכטיק איז דער הימל פון די צעפינקלטע שטערן.

איך זיץ אויף דער באַנק אונטער דער בזשאָזע און קוק אויפן שלאָס.

כ׳שמייכל. אַ קליין גליק. הערסט, וואָס קלאַפּט עס ביי מיר אין האַרצן?

איך טראַכט וועגן אַ קליין הייזל אין וואַלד, וועגן דעם געצוויטשער פון מיסט, וועגן אַ שיינער קו. וועגן אַ פּנים ביים שיין פון אַ ליכט. ווי גוט וועט עס זיין צו קאָנען קוקן כסדר אין אָט־דעם פּנים!

חלומות וויגן זיך ביי מיר אין קאָפּ. ווי ליב זענען די פרויען! כאָטש ווען זיי זאָגן בלויז גוט־מאָרגן! ווי דאָס קלינגט! ווען זיי שלאָפן — אָטעמט עס אונטער דער דעק, יאָ, עס אָטעמט!

כ׳באַקוק אַלע פענסטער פון שלאָס. מ׳זעט נאָך גאָרנישט. אָבער פּלוצלינג ווערט ליכטיק אין איין צימער, אין נאָך איינעם, און ווידער אין איינעם. אַ שויב פּלאַצט און אַ רויך זעצט אַרויס.

דער שלאָס שטייט אין פלאַמען.

הונדערט טויזנט רויטע דערווישן וואָיען און טאַנצן אין די זאַלן און אויפן שפּיץ דאַך.

מיטאַמאָל ווערט די טיר אויפגעריסן און מיט ליאַרעמדיקע קולות לויפט אַרויס אַ געשטאַלט אין איין העמד. דאָס איז

די אַלטע מאַריאַ. זי שרייט און לויפט איבער דער לאָנקע, אי־בערן וועג, אַריין אין וואַלד אַריין. איר העמד לייכט רויט און פלאַטערט אַרום די דינע, נאַקעטע פיס.

כ'האָב גאָרנישט געדענקט וועגן איר.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ וואונדערלעכער, דערפרישנדיקער פרימאָרגן. אַ רויך ציט זיך איבערן וואַלד.

כ'קום אַרויס פון וואַלד אויפן פעלד אַרויף, מאַריאַ אַקערט.

„דאָס בין איך, מאַריאַ".

מאַריאַ הייבט אויף דעם פאַרטוך צום פנים און ברעכט אויס אין אַ געוויין. „אָ, וואָס האָט איר געטאָן?"

„איצט, זעסטו, אַז איך האָב דיך ליב?" פרעג איך שטיל. איך בין דאָס גראָז צו אירע פיס.

„אָ, וואָס האָט איר געטאָן!"

הילפלאָז שטיי איך דאָ. די קו דרייט אויס דעם קאָפּ און קוקט מיך אָן. אַ פויגל זינגט. אַזוי ווי נעכטן שפּילט דאָס פּאַס־טוך־פייפל אין דער ווייטקייט.

„הער מיך אויס, מאַריאַ", זאָג איך, „וויין נישט. ס'אַראַ גוט האַרץ דו האָסט דאָך, מאַריאַ. כ'האָב דיך ליב — און איצט—?"

מאַריאַ וויינט אין פאַרטוך אַריין.

„אָ, וואָס האָט איר פאָרט געטאָן!"

„זיי נאָר שטיל, מאַריאַ. זעסט, מיר וועלן האָבן אַ הייזל, אַ קו. שיין וועט עס זיין, ווען די פייגל וועלן זיך צעזינגען, ווען דער רעגן וועט אַ רויש טאָן —"

מאַריאַ שאָקלט מיטן קאָפּ.

כ׳ווער בלאַס. איך פיל דאָס. וואָס הייסט? טראַכט איך און ווער בלאַס.

איך זאָג:

„טאָ זאָג מיר, מאַריאַ, וואָס דיר איז? קאָנסטו מיך נישט ליב־האָבן? איך דערקען דאָס אָן דיינע אויגן — איינגעבאָרג — כאַ־כאַ, וואָס זאָג איך, מאַריאַ —"

מאַריאַ שאָקלט מיטן קאָפּ.

„אָ, הער!"

איך שטיי שטיל. די ליפּן ציטערן מיר. כ׳בין ווי פאַר־צווייפלט, איין רגע.

„האָסטו ליב אַן אַנדערן, מאַריאַ, זאָג?" פרעג איך זי שטיל. „זאָג מיר אָפן".

מאַריאַ שאָקלט מיטן קאָפּ.

„יאָ", זאָגט זי שטיקנדיק זיך, „וואָס האָט איר געטאָן, הער!"

„נו, באַרויק זיך, מאַריאַ. אויב אַזוי — —. זיי געזונט. מאַריאַ, גיב מיר די האַנט. ווילסט נישט?"

מאַריאַ נעמט אַרויס אַ האַנט פון פאַרטוך און דערלאַנגט זי מיר.

„זיי געזונט, מאַריאַ".

איך גיי אַוועק. עטלעכע טריט, דערנאָך קער איך זיך אום. כ׳האָב עפּעס אין קעשענע פאַר אירעטוועגן.

מאַריאַ שטייט נאָך אַלץ, דאָס פאַרטוך פאַרן פּנים, און וויינט.

„מאַריאַ", זאָג איך, „כ׳וואָלט דיר מינדעסטנס געוואָלט געבן אַ מתנה. אפשר געפעלט דיר דאָס?"

כ׳נעם אַרויס אַ קליין, גרין וואַזעלע פון קעשענע.

„נעם דאָס. קאָנסט דאָ אַריינשטעלן די בלומען, וואָס עס שענקט דיר דיין ליבסטער. ווילסט עס נישט נעמען?"

מאַריאַ נעמט אַוועק די האַנט פון פאַרטוך און איך דערלאַנג איר דאָס וואַזעלע אין דער ברוינער שיינער האַנט אַריין.

„זיי געזונט, מאַריאַ!"

מאַריאַ וויינט.

נאָך איינמאָל קוק איך זי אָן — דערנאָך גיי איך אַוועק אין וואַלד אַריין.

איך דריי זיך אויס, מאַריאַ האַלט נאָך אַלץ כסדר דעם פאַרטוך פאַרן פּנים.

די צווייגן פאַרשטעלן זי.

איך קום אַרויס צום וועג און וואַנדער מיט זיין גאַנצער לענג אַראָפּ צום טאָל. די זון קומט אַרויס איבער די הויכקייטן.

איך וואַנדער און וואַנדער. אַ סך געדאַנקען שווינדלען זיך אַרום ביי מיר אין קאָפּ. איך גיי וואָס אַמאָל ווייטער, וואָס אַמאָל ווייטער. כ'בין נאָך אַביסל טרויעריק, אָבער באַלד וועט עס אַריבערגיין — —

כ'שטעל שאַרפע טריט — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

לעבּ איך מיר איצטער אויפן סטעפּ, וואו די זון בלענדט און דאָס מינדסטע גרעזעלע וואַרפט אַ געשניצטן, טירקיס־בלויען שאָטן אַרום זיך.

ס'איז געוואָרן נאַכט. איך ליג אין גראָז, די אָרעמס צעקרייצט אונטערן קאָפּ, און קוק אויף די שטערן, וואָס שאַרן זיך איבערן הימל. כ'קוק אויף די שטערן אין צפון־מערב־זייט.

ס'איז נאַכט, דעם מינדסטן קלאַנג הערט מען נישט אויפן סטעפּ, אויפן הימל גלאַנצן די שטערן יום־טובדיק און שיין. טוי טריפט אַראָפּ אויף יעטוועדער באַשעפעניש.

ענדע